STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05420

# SEYFER YOSIFON

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05420-8

9780657054205T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional
symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our
colophon comes from a design by the noted artist
Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# ספר

# יוסיפון

דיא בייא שרייבונג פון אלע מערקווירדיגע מעשות פון אן הייב
דער וועלט · אלע גרויסע וואנדער וואס גאט האט אונז גיטון · אלע
בארימטע מלחמות וואס דיא יודן האבן גיפירט · אונ אלץ וואס
אונזרי עלטערין האבן גיליטן ביז טיטוס הט ירושלים איינגינימן
אונ דאס הייליגע הויז דם בית המקדש פאר ברענט · אוך דיא
בייא שרייבונג פון פול אנדרי זאכן וואס זענן ניצליך צוא וויסען :

מיר האבין יעצט אוים גיבעסירט דאס לשון נאך דער שפרייך
צום פאר שטיין :


בדפוס של השותפים
הרבני הנגיד מוה' משה נ"י, שניידמעסער
והנגידה האלמנה מרת נחמה תי', אשת המנוח ה"ר
יעקב ז"ל הערשענהארן.

# בלובלין

שנת תרנ"ז לפ"ק

ІОСИФОНЪ
т. е. Исторія израильтянъ
Новое изданіе съ Варшавскаго изданія 1873 г.
Въ тип. М. Шнайдермессера и Н. Гершенгорнъ
ЛЮБЛИНЪ 1897 г.

ДОЗВОЛЕНО ЦЕНЗУРОЮ
Кіевъ, 17 Января 1897 года.

# הקדמה לשבח הספר

בהיות ווייל דר שטייגער איז מען זאל צוא וויסען טון בייא איטלעכין ספר דעם אינהאלט וואס דאס ספר האט אין זיך אונ ווער עס הט דאס מחבר גיוועז דריבער וועל איך דא אויך צו וויסען טוהן · דער מחבר פון דעם ספר הט גיהייסין יוסף בן גוריון הכהן ער הט מחבר גיוועזן דס ספר אויף לשון הקודש אונ ער הט עם אנאמין גיגעבין יוסיפון ווייל ער הט גיוואלט זיין נאמן פר קירצן · אונ דער פון קאן מען זעהן דס ער איז גיוועזן איין גרוסער חסיד · דען מיר גיפונין דס גלייכין ביי פול חסידים דס זיי האבן זיך אויך זייער נאמן פר קירצט דהיינו שמואל הקטן · אונ אזו הט דער יוסף הכהן אויך גיטון אונ הט זיך זיין נאמין פר קירצט · אויך הט ער מחבר גיוועזן אויף לשון רומי נאר איין גרוס ספר וועלכם הייסט יוסיפוס אונ אלאנגי צייט ארום איז דס זעלבע ספר איבער גיזעצט גיווארין אויף אלערליי לשונות ווי אויך בלשון האלאנדיא · אונ אלי אומות האלטין דס ספר פר איין מעכטיג ספר אבער אין דעם זעלבין ספר שטייט פול מער אלס אין אונזער ספר יוסיפון · אויך איז ער גיוועזן איין כהן משוח מלחמה אונ איין זעהר שטארקר העלד אזו ווי דס ספר ווייזט אויס וואס פר אמלחמות ער הט גיהאלטען · דרום מעג מען גלויבן אז דס איז לוטער אמת וצדק דען ער איז גיוועזן פון דער גרעסטער משפחה פון די כהנים פון ירושלים · דען מען מוז וויסען דס צוויי משפחות זענען גיוועזן אין ירושלים איין משפחה וואר גוריון הכהן דס וואר דער פאטר פון יוסף הכהן · אונ די אנדרי משפחה וואר גוריגון ער וואר דר העכסטר פון שבט יהודה אונ ער איז גיוועזן איין גרוסער צדיק אונ אחכם אונ אעושר אונ אגבור ער הט פול מאל מלחמה גיהאלטין פון גאטס וועגין אונ דר נאך איז ער גיטייט גיווארן דארך יוחנן דר עלצטער פון די רשעים דארך וועלכי ירושלים בעו״ה איז חרוב גיווארן אזו ווי אין דעם ספר שטייט · אונ דר נאך איז די משפחה אום גיהארגית גיווארין דארך דר האנד פון די רשעים אונ די רומים · אונ דר גוריון הכהן דר וואס אובין גימעלדיט איז הט גיהאט צוויי זון דר עלצטר וואר יוסף הכהן ווס הט דס ספר גימאכט אונ דער אנדירער הט גיהייסען בונין וויא אונזערע חכמים שרייבן וואס פר אמאן ער איז גיוועזן דס פול נסים זענען דארך אים גישעהן אונ זיי האבן אים גירופן נקדימון בן גוריון · אונ פון דעם יוסף הכהן דר וואס הט דס ספר מחבר גיוועזן שרייבן אוך אונזערי חכמים אויף פיל ערטר וואס פר איין מעכטיגר מאן ער איז גיוועזן ווי אוך זייני ספרים ווייזין אוס דען ער הט פול ספרים מחבר גיוועזן · אונ די כוונה דר פון וואס ער הט

דם

דם ספר יוסיפון גימאכט איז דם וייל ער איז גיוועין אין דער צייט פֿון דם צווייטי בית המקדש איז גישטאנן אונ ער הט עס גיזעהן אין זיין שטאנד אונ ווי עס איז חרוב גיווארין . אונ כדי דם ספר זאל זיין אן גינומן אזו הט ער אן גיהויבן צו שרייבן פון אן הייב פון דער וועלט ביז נאך חורבן בית שני אונ אזוי אויך פון דר מעשה פון דניאל דער גלוסטיגר מאן ווי עס איז מיט אים דער גאנגין וועלכם מיר האבן ניט אזו בשיידליך אין נביאים . אויך וואס עס הט זיך פר לאפן אין דער צייט פון אחשורוש אונ דם הרשע וואס הט גיוואלט פר טיליגין אלי יהודים אונ ווי די גזרה איז בטל גיווארן דארך די תפלות פון מרדכי אונ אסתר וועלכם עס איז ניט גישריבן אין אנדערי ספרים . אויך ווערט דרינען דער ציילט ווי דם צווייטע בית המקדש איז ווידער גיבוהט גיווארון אונ וואס פר איין מלכים אונ כבוד די ישראל האבן אין די צייטין גיהאט אונ אלי מלחמות וואס איינער מיט דעם אנדערין האבן גיהאט ביז טיטוס ואספסיאנוס האבן צום לעצטין מאל דם בית המקדש חרוב גימאכט . אויך ווערט דרונען דער ציילט אלי זאכן וואס מיט דיא אנדערי פעלקער איז גישעהן . אויך ווערט דרינען דר ציילט די צייטן פון אלכסנדער מוקדון ווי אזו ער איז גיבורין גיווארן אונ זיין גרוס שטארקייט אונ נאך פול אנדערי זאכען דאס איטליכר יהודי זאל ליינען מעג זיין אפילו איין גרוסער תלמיד חכם דען דר מחבר זכר צדיק לברכה הט מיט כוונה דם ספר גמאכט ווען איינער איז איין ליב האבער אין היסטאריעס צו ליינען זאל ער אין דעם ספר ליינען אונ ער הט איין שכר גלייך ער וואלט גיליינט אין דברי הימים פון עשרים וארבע דען דברי הימים איז דם דר ציילונג ווי עס איז דער גאנגין פון אן הייב אן פון דר וועלט ביז בנין בית שני אונ דא הייבט אן דם ספר ווייטער צו דר ציילין וואס עס הט זיך פאסירט ביז חורבן בית שני ווי די ישראל זענין אין דעם גלות גיקומן . גאט זאל אונז לאזין זעהן דם דריטע בית המקדש וועלכעס דארך זיין האנד וועט גיבוהט ווערין . דרויף ווערין מיר זאגין אמן ואמן :

# דער ערשטער פרק

**אין דעם פרק ווערט דר ציילט פון אן הייב דר וועלט פון געבורט פון אדם הראשון ביז די צייט פון צפו דר זון פון אליפז דער זון פון עשו :**

**אדם** הוליד את שת · אדם האט גיווינען שת · שת האט גיווינען אנוש · אונ אנוש האט גיווינען קינן · אונ קינן האט גיווינן מהללאל . אונ מהללאל האט גיווינען ירד · אונ ירד האט גיווינען חנוך · אונ חנוך האט גיווינן מתושלח · אונ מתושלח האט גיווינן למך . אונ למך האט גיווינען נח. אונ נח האט גיווינן שם אונ חם אונ יפת . ויהי כל הארץ. אונ עס איז גיוועזן אין דר גאנצי וועלט איין לשון אונ זיי האבן גיזאגט איינר צום אנדרין לאזין מיר בויען איין שטאט עס זאל זיין דר ווידר גאט· אבר גאט האט פר מישט זייער לשון אונ האט זיי צו שפרייט פון דער שטאט אויף אלי זייטין דרום הייסט די שטאט בבל . ואלה אונ דס זענן די קונדער פון יפת גומר ומגוג ומדי ויון ותובל ומשך ותירס . אונ די קונדער פון גומר זענן די פראנצויזי וואס זיצן אין פראנצא בייא דעם טאך פראנטא אונ טאך סינא . וריפת· דס זענען די בריטעו ביי דעם טאך בריטניא בייא דעם ים אוקיינוס. ותוגרמה· דאס זענין צעהן משפחות .די אונגארן וואנען ביי דעם טאך רונביא . בני יון . דס זענין די יונים וואס זיצן אונ לאנד מוקדוניאה. מדי· דס זעניו וואס זיצן אין לאנד בורסי זיי האבן דס לאנד איטליא · ויהי אונ די ישמעאלים האבן בצווינגן דס לאנד טרסים אונ האבן זיך דארט באזעצט · כתים· דס זענן די רומיים אונ זיי הייסן אויך סקלבי אונ די קונדר פון כתים האבן גיבויהט די שטאט פוציטנא · אונ עס איז גיוועזן קריג צווישן די קונדר פון תובל מיט די כתים אונ האבן ניט גיוואלט געבין זייערי טעכטיר זיי פר ווייבר דרום האבן די קונדר פון כתים מיט גיוואלד באצווינגן זייערי טעכטער אונ האבן זיי גינומען פר ווייבר . אונ ווי די קונדער פון תובל האבן גיוואלט מיט זייא מלחמה האלטען אזוי האבען די קונדער פון כתים גינומען די קונדער פון זייערי טעכטער · אונ האבן זיי ארויף גישטעלט אויף דר מויער אונ האבן גיזאגט ווארום וואלט איר פר דארבן אייערי קונדר וואס מיר האבן פון אייערי טעכטער אזו האבן זיי אויף גיהערט מלחמה צו האלטן דער נאך האבן זיי גיבויהט איין שטאט ביי דעם ים אונ האבן איר אנאמן גיגבן פירטו :

# דער אנדערער פרק

**דא ווערט דער ציילט פון צפו דער זון פון אליפז אונ וואס עס איז גישעהן אין יענר צייט :**

בימים ההם אין דער צייט ווען יוסף הצדיק איז גיגאנגין בגראבן זיין פאטער יעקב איז גיקומן צפו דר זון פון אליפז דער זון פון עשו אונ האט ניט גיוואלט לאזין בגראבן אים אבר יוסף האט דעם צפו גיפירט גיפאנגען קיין מצרים אבר חי יוסף איז גישטארבן איז צפו מיט זייני לייט אנטלאפין פון מצרים זענען זיי

גיקומען צום קיניג אנגיאס· אונ דער צייט איז גיוועזן איין מאן אין פוציפנא דין
נאמען וואר עוצי אונ די כתים האבן אים גיהאלטען פר איין גאט אונ ער הט
גאר גיהאט איין טאכטער איר נאמען וואר יאניה אונ זיא איז גיוועזן זייער שיין
אונ קליג הט אנגיאס דר קיניג פון אפריקא זי גיוואלט נעמין פר אווייב אונ דר
קיניג טורנוס הט זיא אוך בגערט פר אווייב אזויא האבן גיזאגט די כתים צום
קיניג טורנוס ווען דו ווילסט מלחמה האלטן מיט אנגיאס אז ער זאל איבער
אונז ניט קומן אזו וועלין מיר זי דיר געבין פר אווייב ווי אנגיאס הט.דם דער
הערט אזו איז ער גיגאנגין מלחמה האלטין מיט דעם קיניג טורנוס עס איז
גיוועזן צווישן זיי אשווערי מלחמה אונ עס איז גיווארין דר שלאגין זיין ברודרס
זון נבלוש אזו הט אים אנגיאס גילאזט מאכן אגילדרנים קאסטן אונ אנגיאס הט
נוייטער מלחמה גיהאלטין מיט טורנוס ביז ער הט אים דער שלאגן אזו הט
אים אנגיאס גילאזט מאכין אקופערנים קאסטין אונ הט גיכוהט אוף איהם
אגרוסן טארעם אונ דענמאלט איז צפו אנטלאפין גיווארין פון אפריקא קיין
כתים האבן די כתים אים צו גינומן מיט גרוס כבוד אונ האבן צו עם גידונט:
ויהי היום איז פר לורין גיווארן פון צפו איונגע רונד אונ ווי ער הט גיזוכט
די רונד הט ער גיהערט אגישריי אין דעם בארג ער איז נאך גיגאנגן נאך
דעם גישריי אונ הט גיפונן אגרוסי הייל אונ איין שטיין איז גילעגין אוף דעם
לאך פון דער הייל אזו הט ער צו בראכין דעם שטיין אונ הט גיפונן אגרוסע
חיה עסט די יונגע רונד זיין קאפ וואר ווי איין באק אונ זיין לייב וואר ווי איין
מענטש האט ער די חיה גיטייט ווי די כתים האבען דס גיזעהן האבן זייא
זיך זייער גיפרייד דען די חיה פלעגט צוא פר דארבין זייערי בהמות אונ
זיי האבן גימאכט צפו פר אגאט מיט דעם נאמין יאנוס צפו אונ אז עס זענן
גיקומן די לייט פון אפריקא צו רובען זיי אזו איז גיקומען יאנוס צפו אונ הט
זיי בשערומט פון זייערי הענד· אזו הט גיטאן יאנוס צפו איבר זיי הערשין
אונ זיי האבין אים גיגעבין נאך איין נאמען שטורנוס נאך דעם שטערין וואס
הייסט ביי אונז כוכב שבתאי ער הט גיקוניגט איבר די כתים אונ איטליא
פופציג יאר אונ ער איז גישטארבען אונ איז גיווארען ביא גראבין אונ דער
שטאט נבנא:

## דער דריטער פרק

אין דעם פרק ווערט דער ציילט פון קוניג לטיאנוס אונ אוך פון דניאל·
אונ אויך ווי אזו טעו הט גיטרונקען אוים די כלים פון בית המקדש אונ
ווי זיי האבען גיוואלט דניאל טייטין אבער גאט הט איהם גיהאלפין:

וימת יאנוס אונ יאנוס איז גישטארבין הט גיהערשט נאך איהם לטיאנוס
וואס הט גימאכט די לטייניש שפראכע ער הט גימאכט פול שיפן אונ איז
גגאנגן צו אזדרובל דר זופון אנגיאס וואס הט גינומן די שייני יאניה מיט גיוואלד
ער הט גיפלאסטערט זיין ערד מיט קופר עס זאל ניט קענין קומן קיין שיף
פון בבל דען נבוכדנצר הט בצווינגן ירושלים אזו איז גיפאלן אפארכט אוף

אלי פעלקר אונ האבן אים מתנות גישענקט אזו איז גיווארן דיא מלחמה
גישטולט ביז עס הט גיקוניגט דריוש אזו איז ווידר גיוועזן פול מלחמות:
יהי אונ גאט הט זיך דער בארימט איבר בבל אזו ווי ער הט גירעד דאך
ישעיה אונ ירמיה. אונ הט דער וועקט איבר זיי צוויי שטארקי קיניגעי
דעם דריוש דער קיניג פון מדי אונ כורש דער קיניג פון פרס אונ כורש הט
איינגעבן זיין טאכטר צו דריוש פר אפרווי אונ זיי האבין ווידר גישפעניגט קעגין
בלשצר דער קיניג פון בבל אונ האבן מיט אים מלחמה גיהאלטען נאר דם
ערשטי מאל הט בלשצר גישלאגן די צוויי קיניגען פון פרס ומדי אבר באלד
האבן זייא זיך גישטארקט אונ האבן גישלאגין זייער פול מענטשן פון דעם
קיניג בבל אן צאל אונ האבין פר גאסען פול בלוט ביז זיי זענין גיקומן צוכ
טויער פון בבל אזו איז בלשצר ארוס גיגאנגן מיט זייני הערין אונ הט זיי נאך
גיאגט אזו איז ווידר גיפאלין פון כורש פול פאלק אונ בלשצר הט זיך גיקערט
קיין בבל אונ האט גימאכט אגרוס מאל צייט ער הט זיך זייער גיפרייד איין
גאנצין טאג אונ אגאנצי נאכט אונ ווי ער איז גיווארין פריילך אזו הט ער
גיהייסין ברענגן אלי כלים פון בית המקדש וואס נבוכדנצר הט גיבראכט פון
ירושלים אונ הט גיטרינקן מיט זייני ווייבר ווין אויס זייא · אונ אונזער גאט
איז גיווארן זעהר צארינדיג דריבר אונ ער הט גישיקט אמלאך ער זאל אויף
שרייבען אויף דער וואנד פון קיניגס הוז אגישריפט קעגין דעם לייכטר אונ
דם איז דם גישריפט מנא מנא תקל ופרסין אויף לשון קודש אונ בלשצר הט
גיזעהן די האנד ווי זי הט גישריבן אבר קיין לייב הט ער ניט גיזעהן איז ער
גיווארן זייער דר שראקן אבר אלי הערן האבן גאר ניט גיזעהן אזו הט בלשצר
גישוקט נאך דניאל אונ ער הט גילייענט דם גישריפט אונ הט גיזאגט צו בלשצר
דו האסט ניט רעכט גיטון דו האסט פר שוועכט די כלים פון בית המקדש
דרום האט גאט גישוקט אמלאך צוא שרייבען די ווערטער אונ דם איז דאכ
באשיידיניש חשב שקל והפריש ער הט גיציילט די יארן פון זיין פיינד אונ הט
זיי איבר גישניטין אונ ער הט גיוואגן די וואג פון זיין פיינד אונ ער הט גיפונען
אז עס הט גיפעלט אונ ער הט אב גישייד דאס קיניגרייך פון דיר אונ הט עס
גיגעבן צו די קיניגען דריוש אונ כורש זיי וועלן מלחמה האלטן מיט דיר אונ
וועלין אוועק נעמן פון דיר דם קיניגרייך:

ווי דר קיניג הט דם דער הערט אזו הט ער זיך אונ אלי זייני לייט זייער דער
שראקין אונ יעדירער איז גיגאנגן אין זיין הוז אריין אונ בלשצר איז גיבליבן
אליין מיט זייני באדינר אונ הויז גיזונד אונ עס איז גיפאלען אויף אים אגרוסער
שלאף. אונ עס וואר אגרוסר הער ביים קיניג הט ער זיך גיטראכט איך ווייס
וואל אז דאס וואס דניאל טוט רעדין איז אמת דרום וועל איך גיין צום קיניג
בלשצר אין קאמר אריין אונ וועל אים דעם קאפ אפ שניידען אונ איך וועל
מיט דעם איבר בעטין די מלכים פון פרס ומדי אונ עס איז גיוועזן ווי בלשצר
איז גילעגן אויף זיין בעט אזו איז אויף גישטאנגן דר זעלבער מאן אונ הט גישלגן

דעם בלשצר צום טוט אונ הט גינומן זיין קאפ אונ הט אים גיטראגן צו כורש אונ דריוש אונ הט זיי דער צוילט די גאנצע מעשה פון בלשצר אונ ווי כורש אונ דריוש האבן דס דר הערט האבן זיי גיקנית אונ גיביקט זיך צו גאט אונ כורש הט גיזאגט גילויבט איז דער יודישר גאט פון ירושלים אונ יהודה ווס הט זיין רעכנונג גינומן פון בלשצר ווס הט פר שוועכט זייני היליגי כלים ער איז איין גאט איבר אלי געטר . דענמאלט הט כורש אנדר גיטאן צו גאט ער זאל בויען דס בית המקדש אונ זאל צוריק קערן אלי גיפאנגינע אונ די הייליגע כלים פון בבל קיין ירושלים . אזויא זענען גינאנגען כורש אונ דריוש מיט פול זערן צו באצווינגן דס לאנד בבל אונ צו דער שלאגן די כשדים אונ האבן דר שלאגן מאנן אונ וייבר אונ קינדר אונ גאט הט זיך נוקם גיוועזן אין בבל דאס בלוט פון זיין פאלק ישראל אונ די נקמה פון בהמ״ק. דר נאך האבן זייא צו טיילט דאס לאנד בבל אויף צווי טייל . אונ דריוש האט איבער גינומען דאס קיניגרייך פון בבל איבר די כשדים ער האט זיך נאך גיפרעגט נאך דעם בגלייבטין אונ ווארהאפטיגין דניאל אונ הט גיהייסין אים צו זיך ברענגן ער הט אים גיזעצט פר זיך אונ הט אזו גיזאגט צו דניאל דו דניאל די ווארהאפטיגר מאן פון יודישן גאט גיב מיר איין עצה דען איך בין אלט אונ שוואך אזו זאגט דניאל צום קיניג מיין עצה איז דר קיניג זאל מאכן דריי ערליכי הערין איבער דעם פאלק צו הערשן איבער זיי אבר ווען עס וועט זיין אגרוסי זאך זאל מען דס ברענגן צום קיניג צו ריכטן אזו וועט דער קיניג האבן רוה הט דר קיניג דריוש אזו גיטון ער האט גימאכט צווייא הערען איבר דעם פאלק אונ האט גיזאגט איך האב מיר גיהאלטן איין עצה מיט דעם ווארהאפטיגן דניאל דאס איך זאל רוה האבן אזו הט ער מיר איין עצה גיגעבן האב איך צוא גיהערט זיין עצה אונ איך האב גיזעצט איבר אייך צווייא גרוסי הערין אונ דעם דניאל איבר זיי ער זאל זיין דר העכסטר הער איבר אלי. דען ער איז א ווארהאפטיגר מאן פון דעם גאט ווס איז איבר אלי געטר דעוידי נבואה פון גאט איז אין אים :

ויהי אונ עס איז גיוועזן דר נאך אזו הט פר דראסין דיא צווייא גרויסי הערן דס דניאל דר יהודי זאל שאפן איבר זיי אונ זאל גרוס זיין ביים קיניג דרום האבן זיי גישריבן בריף צו אלי פעלקר דס וועד עס וועט אן רופן זיין גאט דער זאל שטארבן נאר יעדירער זאל טון זיין גיבעט צום קיניג אליין אונ ווען איינער וועט יוא זיין גיבעט טון צו גאט סיי ער איז דר עלצטער אדר דר מינסטער זאל ווערין גיווארפן אין לייבין גרוב אזו זאל זיין דרייסיג טאג אונ זיי האבן גישוקט דעם בריף צום קיניג ער זאל אים חתמענן · דס מיזאל דרייסיג טאג צו קיינם ניט בעטן נאר צום קיניג אונ דער קיניג הט ניט גיוויסט דס זיי האבן דס גיטון אז עס זאל ארוס קומן א רעה צו דניאל · אונ אלי הערן זענן גינאנגן אונ הוז פון דניאל צוא זעהן אויב ער טוט תפלה צוא גאט אזויא האבן זייא באגוגענט אקליינע יונג פרוי וואס זיא איז ארוס גינאנגען פון הוז פון דניאל האבן זיי זי גיפרעגט ווס טוט דניאל · הט זי גיענטפערט ער טוט דריי מאל

אין טאג בעטן צו גאט ביים פענצטר קעגען ירושלים זענן זיי גיגאנגען אונ
האבען גיזעהן ווי דניאל קניט אונ בעט צו גאט אזו איז גיוואָרן דניאל דער
שראקן אונ ווי ער הט זיין תפלה גיענדיגט האבן זיי אים גיפורט צום קעניג
דער קיניג הט פר שטאנן דאס דער בפעל איז נאר גיוועזן וועגן דניאל אז זיי
זאלן אוף אים איין זינד גיפונן אזו הט ער גיזאגט צו זיי פר וואס הט איר אייך
גימאכט אבונד אוף דניאל וואס ער איז אווארהאפטיגר מאן אזו האבן גיענטפערט
אלי הארען דען מיר האבן דעם בפעל פון דיר דס וועלכר מענטש סיי גרוס
אדר קליין סיי איין הער אדר איין קנעכט וואס ווערט איבר טרעטין דס גיבאט
אונ ווערט בעטן צו איין גאט אדר צו אמענטש אוסר דעם קיניג זאל מען ער
אריין ווארפון אין לייבין גריב אונ דניאל הט איבר גיטרעטן דס גיזעץ אונ הט
דריי מאל תפלה גיטון צו זיין גאט · ווען הט דער קיניג גיענטפערט עס איז
אום זונסט דס וואס איר ווילט טוט שלאגן דעם דניאל דען ער קאן אייך פר
דארבן · אונ דר מלך הט ניט גילאזט אריין ווארפן דעם דניאל אין לייבן גרוב
אריין אבער די הערין האבן גיזאגט צום קעניג ווען דוא וועסט איהם אונז ניט
איבר געבן וועלין מיר אים מיט גיוואלד נעמן אזו הט זיך דר קעניג גיטראכט
טאמר וועקן זיי אלע פעלקער אין מיר אונ איך בין איין אלטר מאן הט ער
צו זיי גיזאגט הערט מיך צו איך גיב אייך דעם דניאל אין אייערע הענד אריין
אבר ווען זיין גאט ווערט אים בשירמן פון אייערע הענד זאלט איר וויסען דס
איהר ווערט זיין צו שאנד אונ שפאט אונ איך וועל אייך געבן צו די לייבן צוא
איין עסין אוף דעם ארט פון דעם דניאל . אזו האבען זייא אלע באנאנד
גיענטפערט ווען זיין גאט ווערט אים באשירמן זאלן מיר גיווארפן ווערן אונ
לייבן גרוב אריין אונ דר קעניג הט גיזאגט צו דניאל איך וויים וואל אז דער
גאט וואס הט בשאפן הימעל אונ ערד דער ווערט פר שליסען דס מויל פון די
לייבין גאט ווייסט אז איך וואלט גערן דיך בשערומט אזו ווי דו אליין האסט
גיזעהן אבער איך קאן ניט בעסר מאכן נוא לאזין זיי מיט דיר טוהן וואס זיי
ווילען אבער גאט ווערט דיך באשערמין אונ די הערן האבען די לייבין אויס
גיהונגערט דרייא טאג כדי זיי זאלען זייער הונגעריג זיין אויף צו עסען דעם
דניאל אבר ווי זיי האבן אים אין גרוב אריין גיווארפן אזו האבן זיך די לייבין
צו אים גינייגט אונ האבן אים גילעקט מיט די צונגען אונ האבן זיך גיפרייד
קעגן איהם גלייך ווי די הינד פרייען זיך קעגען זייער האר. אונ די הערן האבן
גילייגט אגרוסען שטיין אוף דעם לאך פון גרוב · אונ האבן אים פר חתמית
אונ דניאל הט גיטאן אגאנצע נאכט זינגען אונ לויבן צו גאט אונ אלי זענן
נישטאנען אונ האבען גיהערט דאס גיזאנג אונ דיא לוב פון דניאל · אבר דר
קינעג איז גיוועזן טרויריג ער הט ניט גיוואלט עסין אונ ניט טרונקען אוך ניט
אן טון זייני קליידר ער הט זייער גיקלאגט די גאנצי נאכט פון וועגן דניאל אונ
הט קיינעם ניט גילאזט פר זייני אוגן ער הט גיוויינט אונ גישרוגן צו גאט :
ויהי אונ עס איז גיוועזן ווי דניאל איז גיוועזן אין לייבין גרוב הט חבקוק הנביא

גישניטען זיין תבואה אונ אוועט לאנד . וויא ער האט זיך גינעצט עסין איז
גיקומען אנבואה פון גאט צו חבקוק הנביא אונ הט גיזאגט צו איהם גיי צום
לאנד כשדים אונ טראג פון דיין עסין צו מיין קנעכט דניאל הט חבקוק הנביא
גיזאגט צוא גאט מיין ליבער גאט ווער וועט מיך פירען אזו ווייט די נאכט ·
איז גיקומן אמלאך אונ הט אים אן גינומן ביי זייני האר אונ הט אים גיטראגן
מיט דעם עסין צום לאנד כשדים אונ הט אים ארײן גילאזט אין לייבין גרוב
צו דניאל אונ ווי דניאל הט זיך זאט אן גיגעסן אונ אן גיטרונקן הט דר מלאך
דעם חבקוק ארום גיפורט פון דעם גרוב אונ הט אים צוריק גיקערט צו זייני
שניטר אונ דניאל הט תפלה גיטאן אין גרוב אונ הט גילובט אונ גידאנקט גאט
דס ער הט אים בשערומט פון די לייבין · דען ווער עס האפט צו גאט מיט
דעם גאנצן הארץ דעם העלפט ער ארום פון זיינע נויטין :

אונ ווי עס הט אן גיהובן צו שיינן דר מארגן שטערן איז אויף גישטאנן דר
קיניג אונ איז גילאפן צום גרוב הט ער גיהערט ווי דניאל טוט זינגן אונ
לובין גאט אזו הט ער פר גרוים גיוויין ניט גיקענט רעדן צו דניאל אין אייך
קליינע ווייל הט ער גישריגן צו אים דניאל דניאל הט דיך גאט בשער[illegible]
פון די לייבין אונ זיי האבן דיך ניט צו ריסן · הט ער גיענטפערט צום [illegible]ט
קיניג זאלסט וויסן דס אונזער גאט הט מיך בשערומט פון די לייבין [illegible]
שלאסן זייערי מיילער זיי האבן זיך גיפרייד קענן מיר [illegible] גלייך איך [illegible] האט פר
גיקומן צו מיין ווייב אונ קינדר אוך איז מיר [illegible] וואלט אהיים
הנביאי אונ איך האב אקעגן דיר גאר ווי [illegible] יקט גיווארן [illegible] עסין דאריך חבקוק
רופן אלי הערן ווס האבן גיוואלט [illegible] ט גיזינדיגט · [illegible]ט דער קיניג גילאזט
ועהט אז אייער חתימה [illegible] אום ברענגן דעם דניאל אונ הט צו זיי גיזאגט
עס איז אמת אזו [illegible] וגאר גאנץ אויף דעם גרוב האבן זייא גיענטפערט
פון גרוב · [illegible] דר קיניג גיהייסן מזאל ארײן ווארפן דעם גרוסן שטיין
אלי פר[illegible] דניאל איז ארום גיגאנגען גאר גאנץ אונ גיזונד אזו האבן זיך
[illegible] וווינדערט דעם גרוסן ווינדער אונ זיי האבן גיזאגט אצונד זעהן מיר דס
[illegible]ר גאט פון דניאל איז איין גאט איבר אלע געטר אונ דר קיניג הט גיהייסן
מזאל פאנגן די אלע לייט ווס האבן גירעד אויף דניאל אזו הט מען גינומען
די אלע הערן אונ מהאט זיי ארײן גיווארפן אין לייבין גרוב ארײן אונ איידר
די לייט האבן נאך גירייכט צו דר ערד פון גרוב זענן די לייבין זיי אקעגין
גישפרונגען אונ האבן זיי אויף גיפרעסין אונ אלי לייט זענן דר שראקן גיווארן
ווי האבן גיצוטשערט דס די לייבין זאלן ניט ארום שפרינגן פון גרוב . אונ דר
קיניג האט זיך אום גיקערט מיט דניאל אין זיין הויז ארײן אונ דניאל איז
גיווארן נאך גרעסער ווי פריער אונ דר קיניג הט גילאזט אום רופן ווער
עס איז איין יהודי אונ דינט דעם גאט פון דניאל זאל אויף גיין קיין ירושלים
צו בויען דס בית המקדש אונ ער וועט געבן דער צו גינונג גאלד אונ זילבער
אונ איידיל גישטיין אונ הט גשוקט בריף צו אלי הערן ווס זיצן אונ זייני לענדר
דאס מזאל די יהודים געבן גאלד אונ זילבער אונ האלץ אונ ווייץ אונ בוימיל

# יוסיפון פרק ג

אונ רינדער אונ שאף אונ זייער גאנץ באדערפינעש · אונ פערציג טויזנד מאן יהודים זיינן גיגאנגן קיין ירושלים אונ עזרא דר שרייבר אונ אליקום דר כהן גדול אונ מרדכי היהודי אונ אנדערי הערן פון יהודה ובנימן אונ האבן אן גיהובן צו בויען דעם גרונד פון בית המקדש :

נאר ווי זיי האבן שוין גיהאט גיגרונד פעסטיגט איז גיקומן פול פיינד פון אנדערע פעלקער סנבלט החורני טוביה עמוני אונ גשם הערבי אונ האבן גישריבן בריף צום קיניג אזו צו זאגן ווען איר וועט לאזין בויען דס בית המקדש וועט עס אייך פיל שאדן טון דען זיי וועלן ווידר שפעניגען קענן אייך דען דיא יהודים זענן דאך שטארקי העלדין · אונ ווען זיי וועלען נאך בייא פעסטיגען די שטאט ירושלים אונ וועלן בויען דס בהמ"ק וועלן זיי מלחמה האלטען אויך · דען אז נבוכדנצר האט זייא פר דארבן אונ הט צו שטערט זייער בית המקדש אזו האבן מיר דענצמאלט רוה גיהאט פון זיי :

ווי דר בריף איז אן גיקומן צו דריוש הט ער גישוקט נאך דעם דניאל דעם ווארהאפטען מאן אונ האט אים גיפרעגט איין עצה אויף דעם בריף אונ ער הט עס גיפריבט אין פול וויסינשאפטן אבר ער הט גיזעהן אז ער איז זיבן מאל קליגר וויפיל ער הט פון אים גיהערט אונ ער הט עס גימאכט פר איין האר איבר אלי הערין אונ פר איין עצה געבר :

ויהי אונ ווי עס איז גיקומן דער פייער טאג פון דעם אפ גאט בל אזו האט גימאכט דער קיניג אסעודה צום אפ גאט בל איין אוקס צעהן ווידער הונדערט יונגע טובין הונדערט שעפסין זובעציג ברוט אונ צעהן קרוג מיט וויין אזו הט דר קיניג גיזאגט צו דניאל ווארום לאזטו דיך ניט אן ריידן צו דעם אפ גאט בל. הט דניאל גיזאגט מיין ליבער קיניג עס איז בלויז נארישקייט ער הט אין זיך קיין לעבן· מענטשן האבן אים גימאכט וויא קאן ער דען עסן אדר טרונקן דס דו גרייטסט צו אים אן אזו פול עסין דען דס עסען דאך נאר אויף דיינע באדינער גיב זיי איבר אין מיינע הענד אריין אזו וועל איך דיר אום ווייזין ווי אזו זיי איבר רעדין דיך צו בוקן זיך צו אנארישקייט הט צו אים דער קיניג גיזאגט גוט איך גיב זיי דיר איבער אין דיין האנד אריין אונ דניאל הט גילאזט פר שליסען אלע טויערן פון דעם הויז וואס דרונן איז דר אפ גאט בל נאר דעם טויער וואס דער קיניג דארף דארך גיין הט ער אפען גילאזט · אונ הט גיהייסן ברענגן דס עסין שפייז אונ הט גילאזט גרייטען צום טיש פר דעם אפ גאט בל זיי זענן ארום גיגאנגן דארך דעם טויער אונ האבן פר חתמית מיט זייער חתימה אונ האבן גיווארט ביז מארגן · וויא עס איז גיקומן מארגן פריא הט גירופן דר קיניג צו דניאל צו זעהן די ווערק פון בל אזו האבן זיי די חתימה גפונן גאנץ נאר ניט גירורט זענן זיי צו גיגאנגן צום טיש צו זעהן דס עסן שפייז וואס איז גיוועזן פר דעם אפ גאט בל אונ האבן נאר ניט גיפונן עס איז אלץ גיוועזן אויף גגעסן · ווי דר קיניג הט דס דר זעהן אזו איז ער גיפאלן אויף זיין פנים אונ הט גיקניט אונ הט גיזאגט ווי גרוס איז

דיין גאמן גל אונ ווער איז אזו שטארק צווישן אלע געטער אזו ווי דו · הט דניאל גיזאגט צום קינעג ליבר קינעג זאג ניט אזו דען דס איז ניט אמת ניב נאר אכטונג אוף דער ערד ארום דעם טיש וועסטו זעהן טריט פון מאנן אונ נייבר אונ קונדער וואס האבן דס אוף גיגעסן · אזו הט דר קינעג גילאזט רופן צו זיינע זיבען באדינער וואס האבן בדונט דעם אפ גאט בל אונ הט גיזאגט צו זיי זאגט מיר וואס איז דס פר אטריט פון מענטשן קליין אונ גרוס ארום דעם טיש וועט איר מיר די ווארהייט זאגן איז גוט אונ ווען ניט וועל איך הייסן אלערליי פיין אייך אן טון אזו האבן זיי אים גיזאגט די ווארהייט אונ האבן אים גיוויזען איין פר בארגן ארט ווי זיי גייען צום אפ גאט בל אוף עסן די שפייז ווי דר קינעג הט דס דר זעהן הט ער גיהייסן צו צי לייגין דעם אפ גאט בל אוך איז גיוועזן ביי די כשדים אשלאנג וואס זיי האבן גירופט צו עס אזו האבן אלע הארן גיזאגט צום קינעג יא עס איז אמת דאס דניאל הט גילאזט פאר טילעגין דעם אפ גאט בל וויל ער הט ניט גיהאט קיין לעבין אונ זיך אבער דעם גרוסען גאט דעם לעבידיגען וואס אונז האבן אצונד וועט ער ניט קענן ביי קומען דען ער הט איין אטים אונ איז שטארק זיין רוה איז אין אשטארק הייל ער עסט אלע טאג אלץ וואס מיוואַרפט אין זיין מויל אריין · אזו הט דער קינעג גיזאגט מיין ליבר דניאל ווארום זאלסטו פר לענד ווערין פר דעם אפ גאט דעם לעבעדיגן ער וועט זיך נוקם זיין אן דיר פר דעם אפ גאט בל וואס איז דארך דיר פר טילוגט גיווארון הט דניאל גיענטפירט מיין ליבר קינעג זאג ניט אזוי דען דאס איז קיין גאט נאר אשלאנג וואס קריכט אוף זיין בויך זיין פארבט איז גאר ניט דען אונזער גאט הט אלע בשעפינעש אין מענטשונס הענד געגעבן אונ אוב דו וועסט מיר ער לובן וועל איך אים דר שלאגן גאר די הערן זאלין זיך ניט דער נאך דער שלאגן · אזו הט דער קינעג צו אים גיזאגט טוא וואס דו קענסט אזו איז דניאל גיגאנגן אונ הט גימאכט צווייא אייזערני שפיזין אונ הט זיי באדעקט מיט אלערליי פעטי שפייז אונ הט אריין גיטון שוועביל אונ פעך אונ ער הט דם גיברענגט צום שלאנג אונ הט דם אים גיווארפן קעגן זיין מויל הט ער גיעפונט זיין מויל וויא זיין גיוואנהייט אונ האט עס איין גישלונגען :

וויא ער הט דם איין גישלונגן אונ עס איז גיקומן אונ זייני גידערים אריין אזו האבען זיך אן גיהובן צו צי שמעלצין אלע פעטע זאכען פון די שארפע שפיזין אונ זיי האבען צוא שניטען זיינע גידערים דארך אונ דארך אזו איז ער גיווארון קראנק אונ אויף דעם אנדערען טאג איז ער גישטארבן · אוף דעם דריטן טאג האבן די הערן גיבראכט שפייז צום אפ גאט אזו האבן זיי גזעהן דס ער קומט ניט ארוס אונ עס איז ארוס גיגאנגן אשלעכטר ריח פון דר הייל אזו זענין זיי אונ דר הייל אריין גיגאנגען האבן זייא אים גיפונען ליגען פאר שטונקען אונ גישוואלן אונ זיי האבן ניט גיקענט דר ליידן דעם ריח אונ זיי זענן גיווארן זייער טרויעריג וועגין דעם אפ גאט אונ זיי האבן גיזאגט וואס האט גיטון דר דניאל צו אונזערע געטר וועט דר קינעג געבן דעם דניאל אין אונזערי

הענד אַריין איז גוט אונ וועי ניט וועלן מיר דעם קינעג זעלבסט טייטן :
ויא דר קינעג הט דס גיהערט הט ער גיהייסין אלי טייטן · אונ דניאל איז אלט
גיוואָרן איז ער גיגאנגן צום קינעג אונ הט גיזאגט איך בין שון אלט אונ
איך קאן שון ניט טראגן אויף מיר די לאסט פון דעם פאלק דרום בעט איך דו
זאלסט מיך פריי לאזין איך זאל שון קענן מייני אלטי יארן אין רוה פר ברענגן ·
הט דר קינעג גיענטפערט ווי וועל איך נעמן אזו אקלוגן .עצה געבר ווי דו
דרום בעט איך דיך אויב דו ווילסט יוא אוועק פון מיר זאלסטו אוים קלויבן
צווישן די יהודים אזו איין פר שטאנדיגן ווי דו ביסט אז ער זאל זיין אויף
דיין ארט איז דניאל גיגאנגן צוא די פר טרובני יהודים פון ירושלים אונ הט
גינומן זרובבל דר זון פון שאלתיאל דער זון פון יכניה אונ הט אים גיפורט צום
קינעג אונ הט גיזאגט איך גיב דיר אמאן וואס איז אזו פארשטאנדיג ווי איך בין
ער וועט דיר זיין איין עצה געבר · זרובבל איז גיבליבן ביים קינעג ער הט
אים זייער ליב גיהאט אונ הט אים גימאכט פר איין עלצטן איבר אלי הערן
אונ דניאל הט גינומן פול מתנות פון קינעג אונ ער הט דס אוועק גיגעבן די
ארומע לייט אונ איז גיגאנגן צו דר שטאט שושן אין לאנד עילם. אונ זרובבל
הט גיפונען חן אין די אויגין פון דעם קינעג מער וויא אלי הערין :
ויהי אונ עס איז גיוועזן אמאל זענן גישטאנען אלע הערן פר דעם קינעג אזוי
הט דר קינעג גיזאגט הט איר גיזעהן אשעגערין אונ איין ווארהאפטיגן
מאן ווי זרובבל איז אזו האבן אלע הערען גיזאגט עס איז אמת · איין מאל אונ
מיטן טאג זענן צוויי הערן אונ זרובבל גישטאנן ביים קינעג אונ דער קינעג
איז גישלאפן זייער לאנג. דען ער איז גיוועזן אן גיטרונקען פון וויין הט איינער
גיזאגט צום אנדערען לאזין מיר אויף שרייבן יעדעריר ארעטינש אונ וועמים
רעטינעש עס וועט גפעלען אין קינעגס אוגען דער זאל זיין איין עלצטער
איבר אלע הערן ער זאל רייטן אויף דעם קינעגס פערד אונ דעם קינגס קרון
זאל ער טראגן אויף זיין קאפ · אזו האבן זיי אויף גשריבן יעדעריר זיין רעטעניש
אויף אפאפיר אונ האבן עס גיליגט צו קאפינס פון קיניג . אונ דר קינעג איז
אויף גישטאנן אונ הט אויף גיהובן דס קישין הט ער גיפונן דס פאפיר אונ איין
רעטונעש איז גישטאנן אין כמלך חזק בארץ איז דר טייטש עס איז ניט דא
קיין שטארקערי זאך ווי דער קינעג איז אונ דס אנדערע איז גישטאנן איין
כיין חזק בארץ דס איז דר טייטש עס איז ניט דא קיין שטארקרס וויא וויין אונ
דס דריטע איז גישטאנן אין כאשה חזק בארץ איז דער טייטש עס איז ניט דא
קיין שטארקערס ווי איין אשה · אונ דער קינעג הט אריין גיליגט דס פאפיר
אין זיין טאש אריין אונ הט גיווארט ביז אלי הערון זענן גיקומען אונ ווי אלע
הערן זענן ביי אנגדר גיוועסן הט דר קינעג גירופין די דריי הערן אונ הט גיזאגט
זאגט מיר איטלעכער באזונדער אייער רעטינעש. הט דער ערשטער גיזאגט
מיין ליבר קינעג אונ ליבע הערן איר זאלט וויסן עס איז קיין שום זאך ניט
שטארקר אויף דר וועלט ווי דר קינעג דען ער הט צו שאפן אויף דעם ים אונ

אוף דר טרונקענש ער מעג טון וואס ער וויל עס קאן אים קיינר ניט ווערן׃ דער נאך האט מען צו גירופן דעם אנדרען אונ מען האט אים גיפרעגט וואס איז דיין רעטינעש האט ער גיזאגט דער ויין איז שטארקר ווי דער קעניג ער גייגט דם הארץ פון מענטש צו אנדערי זאכן וואס ניט זיין ווילן איז דען ווען ער טרונקט זיך אן מיט וויין זינגט ער אונ שפרונגט אונ טאנצט עס פר בלענד אים זיינע אויגן ער מאכט די טרויריגע פרייליך אונ ווען מען פירט שון דעם מענטש צום טוט אז ער טרונקט וויין ווערט ער פרייליך אונ פר געסט אן זיינע לייד דריבער איז דר וויין שטארקר ווי דער קיניג. דער נאך האט דער קעניג צו גירופן דעם זרובבל אונ האט צו אים גיזאגט זאג אוך דיין רעטינעש האט זרובבל גיענטפערט ווארהאפטיג איז דר קעניג אונ מעכטיג אונ שטארק איז אוך דער וויין אין זיין צייט אבר א ווייב איז נאך שטארקר ווי דר קעניג אונ ווי וויין דען ווי אזו זאל דם ווייב ניט שטארקר זיין מער פון אלדונג אז ער גליכט שטענדיג צו איר אונ צו איר שונהייט אונ זיין הארץ איז גינייגט צו איר עס איז אלץ אונ זיינע אויגן גאר ניט אקייגין איר ליבשאפט אונ פול קלוגי לייט קומן פון זינען איבער די ווייבר פון וועגן זייער ליבשאפט אונ פול הערן ווערן דר שלאגן איבר די ווייבר אונ פול קריג קומט צווישן ברודר אונ גיזעלן. אונ ווען איינר איז נאך אזו גיצירט אונ גאלד אונ אלערליי קליידר אונ ווען ער זעהט די שונהייט פון א פרוי גלוסט ער ניט צו אלעם נאר צו דער פרוי אונ ווען זי עפנט איר מול מיט אים צו ריידן אזו שלינגט ער אירע רייד מיט לוסט אונ נייגט זיינע אויערן דער צו ער האט גרוסע ארבעט אונ מוה וועגן איר ליבשאפט אונ ער ברענגט איר אלערליי גוטע שפייזין אונ קליידר וואס זי פר לאנגט אוך זילבר אונ גאלד אונ פעריל אטייל רובין אונ גאנבינן אונ פר גיסן פול בלוט איבר ווייבר איך האב אליין צו גיזעהן מיט מיינע אויגן די ליבשאפט פון ווייבר דען מיין הער קעניג איז גיזעסן אוף זיין שטול אונ זיין קרון אוף זיין קאפ אזו איז רעבן אים גיזעסן זיין קייפס ווייב אונ האט גינומן די קרון אונ האט זיך אן גיטון אונ דער קעניג האט גאר ניט גיצערנט נאר גילאכט וועגן איר ליבשאפט אונ אוך שמשון הגבור איז גיווארן גישטרויכילט דארך דעם ווייב. אוך דוד המלך האט אוך פר פירט דם ליבשאפט פון בת שבע אוך שלמה המלך האבן ווייבר אפ גניינגט פון גאט. דר קיניג איז אוף דר גאנצר וועלט אונ איטליכער פארכט זיך פר אים יעדר מוז אים פאלגן אונ ווען ער זעהט א שיינע פרויא מוז ער איר נאך געבן וואס זיא בגערט פון אים אוך אדם הראשון דר ערשטר מענטש פון דר וועלט האט זיך גילאזט איבר רעדן פון זיין ווייב אונ האט ניט גיהאלטן נאך גיבאט נון פרובט מיינע ווערטער אונ בקענט דם עס איז ניט שטארקר אונ דר וועלט ווי א ווייב אבר דאך זענן אלע דריי נאר שטארקר איינס פון דעם אנדערן אונ אלע דריי זענן נארישקייטן אבר גאט איז שטארקר פון אלי ער האט אלע אונטער זיין האנד. אזו האבן אלע הערן גיזאגט צום קעניג מיר זעהן דם דער אמת איז ביי דעם זרובבל אונ דער קעניג האט אן גינומן דעם

זרובבל אז הט אים גיהאלזט אונ גיקושט אונ הט גיזאגט גלובט איז דר גאט פון זרובבל . אונ ער הט גיהייסן אז מזאל אים אן טון די קרון אונ מזאל עם מאכן רייטן אויף זיין פערד מיט דער גילדענר צום אונ הט אים גימאכט פר איין עלצטין איבר אלע הערן . אונ דער קיניג הט גיזאגט צו זרובבל ווס דוא ווערסט בגערן פון מיר וועל איך דיר טון הט זרובבל צו אים גיזאגט מיין ליבר הער איך בעט דיך אז דו זאלסט בפעהלין מזאל בוען דם בית המקדש אונ די פר טריבענע יודען זאלן זיך איין זאמלן קיין ירושלים אונ זאלן תפלה טון פר גאט דם גאט זאל דר לענגרן דיינע יארן . אונ דער קיניג הט באפוילן אז מען זאל באלד בוען דם בהמ"ק ער הט גישוקט בריף צו כורש דער קיניג פון פרס אז ער זאל זיין בהיקפיג דער צו אונ זאל געבן אלעם ווס מבדארף אונ צו שיקען בריף צו אלע לענדר אז די יהודים ווס זענן גפאנגן פון נבוכדנצר אן זאל מען זיי שיקען קיין ירושלים צו בוען דם בית המקדש אונ זאלסט זיי געבן גאלד אונ זילבער אונ קופר אונ איזין אונ האלץ אונ ווייץ אונ גערשטן אונ אייל אונ וויין אונ אוך צום מזבח זאל מען געבן שעפסין רינדער אונ טובן אונ זעמל מעל אונ אייל אונ זאלץ אונ די אדומים הט כורש אונ דריוש גיבאטן אז זיי זאלן צו טראגן אוף זייער אקסל אלס ווס מבדארף . אונ אלע יאר צו געבן פינעף צענטער גאלד צונז צום בית המקדש :

אונ דר צייט איז באלד קראנק גיווארן דער קעניג דריוש אזו הט ער גישוקט נאך זיין איידם דעם קיניג כורש אונ הט אים איבער גיגעבן זיין קיניגרייך פון מדי אונ איז גישטארבן אזו הט גיקערט דם קיניגרייך פון פרס ומדי צוא כורש . אין דעם ערשטן יאר פון זיין קיניגן הט גאט דר וועקט זיין הארץ אונ ער הט אום גיקערט אלע יהודים קיין ירושלים אונ אוך די כלים פון בהמ"ק אונ ער הט גילאזט אום רופן ווער עס וויל זאל גיין קיין ירושלים צו העלפן בוען דם בהמ"ק . אונ דר קיניג אליין הט גישענקט פול גאלד אונ זילבר מען זאל בעטען צום לעבדיגן גאט ער זאל פר לענגערן זיינע יארן . אונ עס איז אויף גיגאנגן פול פר טריבענע יהודים קיין ירושלים אונ זיי האבן גיבוהט די היילגע שטאט ירושלים אונ דם מזבח אונ האבן אוף גיברענגט קרבנות אבר עס איז ניט גיקומן קיין פייער פון הימיל הט עזרא הסופר אונ נחמיה אונ מרדכי אונ ישוע אונ זרובבל גיבעטן צו גאט אונ האבן גיזאגט הער פון דר גאנצר וועלט דו האסט דער וועקט דם הארץ פון כורש צו בוען דם בית המקדש אונ מיר האבן גיבויעט דם בית המקדש אונ מיר האבן אוף גיבראכט קרבנות אבר דם פייער פון הימיל האבן מיר ניט דען ירמיה הנביא הט עס פר בארגן דרום בעטן מיר דיך גאט אז דו זאלסט אונז ענטדעקן דם ארט פון היילגן פייער פון הימיל· ווי זיי האבן גיבעטן איז דארט גיוועזן איין אלטער מאן הט ער גיזאגט איך וועל אייך ווייזין דם ארט פון פייער ווס ירמיה הנביא האט בהאלטן אונ זיי זענן מיט אים גיגאנגן אום דר שטאט אזו האבן זיי גיפונן א גרוב ווס איז גיוועזן פר קלעבט מיט קאלך אונ פון אויבן איז גילעגן א גרויסר שטיין זיי האבן אים

גְרָאפּ גִיוָועלְגֶערְט אוּנ זֵיי הָאבְּן גִיזֶעהְן אַוַואסֶער וָוס אִיז גִיוֶועְן פֶּעט וִוי אֵייל אַזוֹ הָט דֶער אַלְטֶר מַאן גִיזָאגְט אַז עֶס זָאלְן אַרַיין גֵיין אִין גְרוּבּ דִיא כֹּהֲנִים אָבֶּר נִיט קֵיין פְרֶעמְדֶר אוּנ זֵיי זָאלִין נֶעמְן מִיט זֵייעֶרֶע הֶענְד דָם פֶּעטֶע וַואסֶר אַזוֹ הָאבְּן זֵיי גִיטוּן אוּנ זֵיי הָאבְּן גִינוּמְן מִיט זֵייעֶרֶע הֶענְד דָם וַואסֶר אוּנ הָאבְּן עֶס גִישְׁפְּרֶענְגְט אוֹף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ אוֹף דִי קָרְבָּנוֹת אוּנ אוֹף דֶעם הָאלְץ אַזוֹ אִיז גִיקוּמְן אַפַייעֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין אוּנ עֶס הָט פַר בְּרֶענְט אַלֶע קָרְבָּנוֹת פוּן מִזְבֵּחַ אוּנ דָם פַייעֶר אִיז גִיוֶועְן זֵייעֶר גְרוֹס דָאס אַלֶע כֹּהֲנִים הָאבְּן גִימוּזְט אַנְטְלוֹיפְֿעְן דר נָאךְ אִיז דָם פַייעֶר קְלֶענֶר גִיוָוארְן אוּנ עֶס הָט גִיבְּרֶענְגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ בִּיז טִיטוּס הָרָשָׁע הָט פַר בְּרֶענְט דָם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אָבֶּר דֶעם אָרוֹן מִיט דִי לוּחוֹת הָאבְּן זֵייא נִיט גִיקֶענְט גִיפוּנֶן דֶען יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָט פַר טְרָאגְן דִי לוּחוֹת אוֹיף דֶעם בַּארְג נְבוֹ אוּנ דִי כֹּהֲנִים וָוס זֶענְן גִיוֶועְן אוּנ דִיא צַייטְן פוּן יִרְמְיָה הָאבְּן גִיוָואלְט נָאךְ גֵיין זֶעהְן וִוי עֶר הָט זֵיי בַּהַאלְטְן אַזוֹ הָט עֶר זֵיי בַּשְׁווֹארְן אַז זֵיי זָאלְן נִיט וִויסְן דָם אָרְט בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמְן אַזוֹ זֶענְן זֵיי גִיבְּלִיבְּן פַר בָּארְגְן בִּיז אוּנ הַיינְטִגְן טָאג. אוּנ נָאט הָט בַּגְלִיקְט צוּ כּוֹרֶשׁ צוּ לִיבּ דִי יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶר הָט בַּאצְווִינְגְן אַלֶע שְׁטֶעט אוּנ דָם לַאנְד כּוּשׁ אוּנ סְפָרַד דָם אִיז אִישְׁפַּנְיָא אוּנ מוֹקְדוֹן צוּ לֶעצְט הָט עֶר קְרִיג גִיפִירְט מִיט דֶעם לַאנְד שְׁטִים עֶר הָט טוֹט גִישְׁלָאגְן דֶעם יוּנְגְן מֶלֶךְ פוּן שְׁטִים אָבֶּר עֶר אִיז אוֹךְ גִיפַאלְן אוּנ דֶר מִלְחָמָה אוּנ זֵיין זוּן כַּמְבִּישָׁה הָט אִיבֶּר גִינוּמְן דָם רֶעגִירוּנְג אוּנ הָט בַּצְווִינְגְן דָם לַאנְד שְׁטִים אוּנ נָאךְ פוּל לֶענְדֶר׃

## דער פערדער פרק

**דָא וֶוערְט דֶער צֵיילְט דִיא מַעֲשֶׂה פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּנ הָמָן הָרָשָׁע אוּנ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק׃**

**וַיְהִי** בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועְן דִי טֶעג פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִיז שִׁיעוּר פַר טִילִיגְט גִיוָוארְן דֶר נָאמְן פוּן דִי יִשְׂרָאֵל דָארְךְ הָמָן בֶּן הַמְּדָתָא וַוייל מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָט זִיךְ נִיט גִיוָואלְט בִּיקְן צוּ אִים אוּנ דָם פַיינְדְשַׁאפְט פוּן הָמָן וַואר נָאךְ פוּן לַאנְג וֶוען שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָט דֶר שְׁלָאגְן אַלִי עֲמָלֵקִים דֶען מָרְדְּכַי אִיז אַרוֹס גִיקוּמֶען פוּן שָׁאוּל. בַּיָּמִים הָהֵם אִין דִיא דָאזִיגֶע טֶעג אִיז מָרְדְּכַי גִיזֶעסִין אִין טוֹעֶר פוּן מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אַזוֹי הָאט עֶר גִיהֶערְט וִויא צְווֵיי הֶערְן הָאבְּן זִיךְ אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטְן אָפּ צוּ שְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּנ אִים צוּ בְּרֶענְגְן צוּם קִינֶעג פוּן יָוָן דֶען עֶס אִיז דֶערְמָאלְט גִיוֶועְן אַגְרוֹסֶע קְרִיג צְווִישְׁן יָוָן אוּנ פָּרָס אוּנ זֵייעֶר נָאמִין אִיז גִיוֶועְן בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ וֶוענְן גִיוֶועְן גוּטֶע פְרַיינְד מִיט הָמָן. מָרְדְּכַי הָט עֶס גִיזָאגְט צוּ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּנ אֶסְתֵּר הָט עֶס גִיזָאגְט צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אַזוֹ הָט עֶר גִיהֵייסְן זֵיי בֵּיידִי הֶענְגִין אוּנ דָם אִיז גִיוָוארְן פַר שְׁרִיבְּן אִין בּוּךְ אוּנ עֶס הָט גִיבְּרֶענְט דֶר צָארְן פוּן הָמָן אִיבֶּר מָרְדְּכַי וַוייל דָארְךְ אִים וֶוענֶי אוּם גִיקוּמְן זֵיינֶע צְווֵיי פְרַיינְד אוּנ עֶר הָט גִיטְרַאכְט צוּ פַר טִילְגְן אַלִי יְהוּדִים פוּן אַלִי לֶענְדֶר אוּנ מָרְדְּכַי הָט זִיךְ דֶר מַאנְט אָן דֶעם חָלוֹם וָוס אִים הָט

זיך גיחלימת פר לאנגי יארן ווען אסתר איז נאך גיוועזן קליין אז גרויסע צוויי
שלאנגן האבן ביי אנאנדער מלחמה גיהאלטן אקליין פאלק צו פר טיליגן אונ
עס אין דעם טאג גיוועזי זייער פונצטער ביז עס איז גיקומן צווישן די שלאנגן
אקליינר קוואל ברוני אונ דער קוואל איז גיווארן אלי מאל לענגר אונ גרעסער
אונ אוף דעם קליינם פאלק איז גיקומן אליכט דם חלום הט מרדכי דר ציילט צו
אסתר אונ ווי המן הט גיוואלט אלע יהודים פר טילגן אזו הט מרדכי גיזאגט
צו אסתר אצונד איז מיין חלום גיקומן די שלאנג וויל טייטן אונזר קליין פאלק
דרום זאלסטו בעטן דעם קיניג ווען דיין פאלק אונ מרדכי הט גיבעטן צוא
גאט אונ הט גיזאגט ליבער האר גאט דו ווייסט דאך וואל דם נאר פון דיינט
וועגין האב איך מיך ניט גיוואלט בוקן צו המן הרשע דריבער וויל ער איבר
מיר טייטן אלי יהודים אונ איך ליב דיך זייער אונ האב גיהאלטן דיין גבאט מיין
גאט בהוט אונז פר זיין האנד ער זאל פאלין אונ דער נעץ וואס ער הט אוף אונז
פר שפרייט אלי פעלקר זאלן דר קענן דם דו ביסט איין גאט ווי זאלן זעהן דיין
מאכט איז ניט שלאף צו העלפין אונז בווייז דיין קראפט דו שטראפסט אונז
דארך אונזערי זינד אבר מיט דיין דר בארומקייט העלפסטו אונז גאט אונזער
גאט וואס דו קענסט לעבדיג מאכן די טוטי קריג אונזער קריג אונ העלף אונז
פון דר האנד פון המן הרשע מיר האפן נאר צו דיר אליין גידענק אונז צו
גוטן דען מיר זענן דייני קינדר אונ דו ביסט אונזר פאטר דו האסט אונז אוס
גיוויילט פון אלי פעלקר אונ אצונד זאלן ניט זאגן די פעלקר דם עס איז ניט דא
קיין גאט צו די ישראל אונ ווען דו וועסט אונז ניט העלפן וועלן זיי עפינן זייער
מול איין צו שלונגן אונזער היילינ פאלק אונ וועלן לובן זייערי אפ געטר · אונ
אלי ישראל האבן גיפאסט אונ גיבעטן צו גאט דם ער זאל זיי העלפן פון דער
האנד פון המן בן המדתא דר צורר היהודים אונ אסתר המלכה הט אוך גבעטן
רחמים פון גאט אוף איר פאלק ישראל זי הט אוס גיטון פון זיך אירע קיניגליכע
קליידער אונ הט זיך אן גיקלייד אזאק אונ הט גישיט אש אוף איר קאפ אונ
הט גיפייניגט איר לייב אונ הט גיפאסט דריי טאג אונ דריי נעכט אונ זיא איז
גיפאלין אוף איר פנים אונ הט גיוויינט אונ הט תפלה גיטון צו גאט אונ הט
גיזאגט האר פון אלי וועלטון דו ביסט איין העלפר פון לאנגי צייטן דו האסט
די וועלט בשאפן אזו אוך העלף דיין דינסט אונ דר לייז מיך פון אונזערע פיינד
דען איך בין עלינד אין קיניגס הוז אונ איך האב ניט קיין פאטר אונ מוטער
אונ דו ביסט מיין פאטר דריבר בעט איך פון דיר רחמים ווי איין ארום מאן
בעט אוף דר טיר דען איך ליב דיך גאט אונ אוך אין קיניגס הוז הט מיר מיין
פעטר מרדכי דר ציילט די ווינדר וואס דו האסט גיטון צו די ישראל אין מצרים
דו האסט זיי גיפורט דארך דר מדבר פערציג יאר אונ האסט זיי גישפייזט מיט
מן אונ האסט אוים גיצוגן וואסר פון דם שטארקען פעלזין אוך הט קיין שום
פאלק ניט גיוואלט די תורה נעמן נאר די ישראל דו האסט זיי גיבראכט קיין
ארץ ישראל אונ איבער אונזערי זינד האסטו אונז גיגעבן אין גיפענגנים ביי

דעם היינטעגין טאג דו גאט האסט אונז אלי צייט פר געבן די זינד אזו ווי דו
האסט גיזאגט צו משה רבינו אין דר הייליגער תורה בצר לך וגו' ווען עס וועט
זיין ענג צו דיר אונ דו וועסט דיך אום קערן צו גאט וועט ער דיר העלפן אונ
דו האסט אונז פר זיכערט דס דו וועסט אונז ניט פר לאזען אזו ווי עס שטייט
אין דר תורה ווען איר וועט זיין אונ פרעמדע לענדר וועל איך מיט אייך זיין
אונ איך וועל אייך בהילפיג זיין אונ וועל אייך ניט פר לאזין אונ איך וועל אייך
העלפן אונ לאזין ניט זאגן די פעלקיר דס זייער אפ גאט טוט זיי העלפן העלף
אונז אונ זעה אונזער פיין ווארום חאטשי איך בין אין קיניגס הוז איין
הערליבע קיניגן מיט איין קרון אין מיט שיינע קליידר פון דעסט וועגן האב
איך אבער צער דארך דיא יהודים וואס זיי זענען דיין הייליג פאלק דרום בין
איך אן גיטון אין איין זאק אונ אש אויף מיין קאפ אונ איך בעט דיך גיב מיר
לייט זעליקייט אונ די אויגן פון אחשורוש אונ זייני הערן אונ נייג זיין הארץ צו
מיין גיבעט · אין דריטען טאג הט זיך אסתר אן גיקלייד קיניגליכע קליידער
אונ מיט איר שיין צירונג אונ זיא האט זיך מיט גינומן צוויי יונג פרויען
איינע ווס זי זאל זי מירין ביי איר האנד אונ די אנדערי זאל נאך טראגן פון
הונטן אירע קליידר זי הט זיך אן גיטון די קרוין מיט פול עדיל גישטיין אונ
זיא הט אוועק גיווארפן די זארג פון איר הארץ אונ זי איז גיגאנגן אין גארטן
אריין אונ הט זיך גישטעלט קעגן דעם קעניג ער איז גיזעסן אויף א שטול פון
גאלד מיט אלירליי עדיל גישטיין ווי ער האט גיזעהן דס אסתר שטייט אזו הט
אין אים גיברענט זיין צארן וויל אסתר הט איבר גטרעטן דס גיזעץ אז מיזאל
ניט קומן צום קעניג נאר ווען ער רופט ווי אסתר הט גיזעהן דס דר קעניג איז
אין צארען האט זיא גילייגט איר פנים אויף דער אקסל פון איר יונג פרוי
זייער בזארגט אונ אומעטדיג אונ זיא הט צו זיך אליין גיזאגט איך בין מיט
מיין פאלק פר לורן אזו הט זיך גאט דר בארומט איבר איר אונ איבר מרדכי
מיט זיין פאלק אונ זיא האט גיפונען חן אין די אויגן פון אחשורוש אונ ער איז
אויף גישטאנען פון זיין שטול אונ הט זיא אן גינומן ביי דר האנד אונ הט זיא
גיקושט אונ הט גיזאגט צו איר מיין ליבע קיניגין ווס ביסטו אזו דר שראקן
דו ביסט דאך מיין גיליבטסט ווייב אונ ער הט גינומן די גילדעני רוט אונ הט
זיא אויס גישטרעקט צו אסתר אונ הט צו איר גיזאגט ווארום ווילסטו ניט
רעדן מיט מיר האט אסתר גיענטפערט איך האב מיך דער שראקן פאר דיין
הערליכקייט · אונ זי הט זיך ווידר אן גילעגט אויף דר יונג פרוי פר שוואכקייט
דארך איר פאסטן אונ זארג אזו הט זיך דר קעניג דר שראקן דארך איר פנים
אונ ער הט גיווינט מיט זיינע קנעכט ווס זענען ביי אים גישטאנען אונ זי הט
יעפינט איר מול אונ הט גזאגט אוב איך האב גיפונען חן אין דייני אויגן זאלסטו
קומן מיט דיין ליב האבר המן צום מאל צייט וואס איך וועל מאכען הט דער
קעניג גיזאגט איך וועל טון דיין ווילן צו מארגן איז דר קעניג מיט המן גיקומן
צום מאל צייט עסין אונ טרונקן אונ זענען לוסטיג גיוועזן מיט אסתר אונ זי הט

ידער גיזאגט צום קעניג אוב איך האב חן גיפונן ביי דיר זאלסטו קומן מארגן מיט המן נאך אמאל אויף אמאל צייט וואס איך וועל מאכן אזוי וועל איך דיר אגן אלע מיינע לייד אונ זארג · אוף מארגן איז דער קעניג מיט המן ווידער יקומן צום מאל צייט אונ ווי דער קעניג איז דארך דעם וויין גיווארן פריילך הט ער גיזאגט צו אסתר מיין ווייב וואס ביסטו אזו טרוריג וואס דו בגערסט וועל איך דיר טון אזו הט זיא אן גיהובין צו וויינן אונ הט גישריגן אביטר גישרייא אונ הט גיזאגט אך מיין הער קינעג וואס זאל איך מיך פריי'ען דו האסט דאך איך מיט מיין פאלק פר קופט אין דעם פיינדם האנד ארין צו טייטן אונ צוא ר טילעגן אונז הט דר קעניג גיזאגט מיט צארן ווער איז דר וואס הט אזו איין אך פון מיר בגערט אונ פון וועלכן פאלק ביסטו דען האט אסתר גיזאגט איך ין איהודית אונ איך גלייב אן דעם גאט וואס מרדכי גלייבט וואס זיצט ביי דיר ין טויער אונ דר פיינד וואס וויל אונז פר דארבן דר איז המן וואס דו האסט אים ימאכט איין הער איבר אלע הערן פון דיין קיניגרייך אונ וויל מרדכי האט ייר גיזאגט דאס המנם גוטע פריינד בגתן ותרש האבען דיך גיוואלט טייטען ירום הט ער גיטראכט אים מיט אלע יהודים אום צו ברענגן · וישלח המלך הט דער קעניג גשוקט נאך מרדכי אונ האט אים גיפרעגט ווי די זאך איז גוועזן מיט המן אונ מיט די צוויי הערן אזו הט מרדכי דר ציילט דעם קינעג וואס המן הט גיטון אז ער הט גישריבן בריף אונ אלע לענדער צו פר טילעגן אונז אונ ער הט פר חתמית מיט דיין חתימה דרום בגער איך גינאר פון דיר מיין הער קינעג אז דו זאלסט שיקן בריף אין אלע לענדער עס זאל ניט מקוים ווערן די אך · אונ עס הט גיברענט דר צארן פון קעניג ער הט גשוקט נאך המן אונ הט אים גיהייסן הענגן אוף דער תליה · אזו איז גיוועזן אגרויסע הילף צו די יהודים דארך אסתר המלכה אונ מרדכי היהודי פון שבט בנימין · אונ המן מיט זיינע צעהן זון זענן גיהאנגן גיווארן אוף דר תליה אונ מרדכי איז גיוועזן זייער גרוס ביים קינעג · צו דעם הט דר קינעג דיא יהודים ערלובט אז זייא זאלן אלע זייערע פיינד דער שלאגן אונ עס איז גיוועזן פערצן טאג אין אדר אפרייד ביי אלע יהודים ביז דעם היינטעגן טאג:

## דער פופטער פרק

דא ווערט דער ציילט דעם גרוסן כבוד פון חנניה כהן גדול אונ די גרוסע מלחמות פון אלכסנדר מוקדון:

ווען אלכסנדר הט רעגירט אין מוקדון האט דריוש דער קעניג פון פרס מיט אים קריג גיפירט אבר אלכסנדר הט זיך גישטארקט איבר אים דרום איז ער גיגאנגן איין נעמן ירושלים וואס איז גיוועזן אונטר דריוש · ווי דר אלכסנדר איז גיקומען פר ירושלים הט ער איבר גינעכטיגט אונ איין הרבריג וויא ער איז ביי נאכט גישלאפן אויפיין בעט אזו הט ער גיזעהן ווי איבר אים שטייט אמאן אן גיטון אונ ווייסע ליינן מיט אבלויע שווערד אונ דר האנד אונ

ער הט זיא גיהאלטן איבר זיין קאפ אים צו דר שלאגן הט ער זיך ווייער דר
שראקן אונ הט גיזאגט צו אים אך מיין העֶר ווארום ווילסטו דער שלאגן דיין
קנעכט אזו הט דר מאן גיזאגט איך בין גישוקט פון דעם אלמעכטיגן יודישן
גאט אז איך זאל איבר געבן אלע פעלקער אונ דיין האנד אריין צו בצווינגן
אלע לענדר אונ די האקסט דיך גיוואגן צו קומן אין זיין לאנד אריין צו בצווינגן
די כהנים · הט דער קעניג גיזאגט איך בעט דיך פר גיב מיר מיינע זינד אוב
עס איז איבל אין דיינע אויגן וויל איך מיך אום קערן פון ירושלים אזו הט דער
מאן גיענטפערט איך פאר גיב דיר דיין זונד דוא מעגסט גיין קיין ירושלים
אונ די ווערסט דארטן זעהן אמאן ווס ווערט גיין אן גיטון אין ווייסע קליידר אונ
הט אזו איין גישטאלט ווי איך זאלסט דו זיך בוקן קעגן אים · אונ מארגען איז
אלכסנדר אויף גישטאנן אונ איז גיגאנגן מיט גרים צארן קיין ירושלים ווי ער
איז גיוועזן ניט ווייט פון ירושלים אזו האבן זיך די יהודים אונ חנניה כהן גדול
דער שראקן פר אים אונ האבן גיבעטן צו גאט אונ זענען גיגאנגן אלכסנדרן
אנטקעגן צו בעטן אים ער זאל ניט פר דארבן ירושלים אבער ווי אלכסנדר
הט דר זעהן דס פנים פון דעם כהן גדול ווס איז גיוועזן גלייך ווי דם פנים
פון דעם מלאך וואס ער הט ביי נאכט גיזעהן אזו איז אלכסנדר אים גפאלן
צו זיינע פוס אונ הט זיך גיבוקט צו אים אזו האבן זיך אלע ווס זענן ביי אים
פאר וווּנדערט אונ האבן גיזאגט ווארום ביסטו אונטער טעניג אונטער דעם
יהודי הט ער גיענטפערט איר זאלט וויסן דר מאן הט אזו א גישטאלט ווי דער
מלאך ווס גייט שטענדיג פאר מיר אונ העלפט מיר פון אלע מיינע מלחמות
אונ חנניה האט אים גיפורט קיין ירושלים אונ האט אים גיוויזן דם בהמ״ק
אונ דם קדשי קדשים אונ דאס מזבח אונ דעם שלחן אונ די מנורה הט דער
קעניג גיזאגט גילובט איז דר גאט ווס ער הט זיך אום דר ווייקט אזו א הייליג
פאלק אונ וואל די קנעכט ווס דינן צו אים אונ איך האב מיט מיר מיט גינומן
צו שענקין פיל גאלד צו געבן אין די אוצרות פון בהמ״ק אזו האט חנניה כהן
גדול גיזאגט איך וועל נעמן דם גאלד עס זאל זיין א צייכין פון דיר אויף אייביג
אונ איך וועל דר מיט דער נערן אלע כהנים · אונ אוך אלי כהנים ווס וועלן
גיבורן ווערן אין דעם יאר אין לאנד יהודה וירושלים זאלן הייסן נאך דיין נאמן
אלכסנדר אזו איז דם דעם אלכסנדר זייער וואל גיפעלין אונ ער הט גישענקט
פיל מתנות אונ הט זיך גיבוקט צו גאט אונ הט בגערט צו פרעגן די אורים
ותומים אוב ער זאל גיין מלחמה האלטן מיט דעם מלך דריוש אזו האט דר
כהן גדול צו אים גיזאגט פון אלאנגע צייט איז שון פון אונז פר בארגן דיא
אורים ותומים נאר איך וועל בעטן צו גאט אז ער זאל מיר צו וויסן טאן
דארך איין מלאך די דאזיגע זאך אונ גאט האט צוא וויסן גיטאן דעם כהן
די זאך דארך א נבואה אונ דר כהן הט גיזאגט צו אלכסנדר איך טוא דיר
צו וויסן פון גאטס וועגן גייא אהין מלחמה האלטן דו וועסט בגליקן ער וועט
דיר אים איבר געבן אין דיינע הענד אריין אונ ער הט אים גיוויזן דם נביאות

פון דניאל וואס ער הט גיזעהן אין חלום הערנער וואס האבן גישטוסן אוף אלע זייטן אונ די הערנער ווייזין אוף דיר אז די וועסט שטוסן אוף אלי זייטן׃ אזו איז אלכסנדר ארויס גיגאנגן פון ירושלים זייער פריילִיך דען ער הט זיך פאר זיכערט אן די ווערטר פון כהן גדול צו גיין מלחמה האלטן מיט דריוש. ויעבור אונ ער איז דארך גיפארן דארך דעם לאנד עמון אזו איז אים סנבלט החורני אנטקעגן גיגאנגן אונ ער הט זיך גבוקט פר אים אונ הט אים גיפורט אין זיין הוז אריין אונ הט אים גימאכט אגרוס מאל צייט אונ ער הט אים גיגעבן פול גאלד אונ זילבר ער זאל ער לויבן צו בויען איין מקדש ביים בארג גריזים דען זיין איידים מנשה דר ברודר פון ידוא הכהן הט ניט גיטארט זיין אין ירושלים אכהן ווייל ער הט גיהאט אווייב פון די עמונים אזו איז מנשה הכהן גיוועסן ביי זיין שווער סנבלט החורני דרובר הט ער גיבעטן צו אלכסנדר אז ער זאל אים ערלויבן צו בויען דא איין מקדש אונ מנשה זיין איידים זאל זיין אכהן גדול׃ אזו האט אלכסנדר גיזאגט דוא מעגסט דיר דא בויען אבית המקדש נאר דיא זאלסט דיך היטן אז עס זאל קיין שאדן ניט זיין דארך דיר צו חנניה כהן גדול אונ דער נאך איז אלכסנדר גיגאנגען פון ירושלים קיין פרס ומדי מלחמה צוא האלטן מיט דריוש אונ דערנצמאלט הט סנבלט החורני גיבוט איין בהמ״ק ביים בארג גריזים אונ דאס איז גיוועזן אשטרוכלינג פאר אלע יהודים אסאך מענטשין האבן ניט גיבראנגט זייערי קרבנות קיין ירושלים נייערט צום מקדש פון מנשה דען ער הט גיזאגט אז דם מיינט די תורה ונתת את הברכה על הר גריזים. דם בית המקדש איז גישטאנען ביז הורקנוס דר זון פון שמעון הכהן פון דער משפחה חשמונאי הט גיקויניגט הט ער צו לייגט דאס מקדש פון הר גריזים אונ דם איז דר הורקנוס וואס ער הט אין פיל פעלקער מקיים גיוועזן מצות מילה אונ האט גיהאט גרוס קראפט וויא עס וועט ווייטער שטיין אונ מיר זאלן זוכה זיין אז אונזר בית המקדש זאל ווידר גיבויט ווערן במהרה בימינו אמן׃

## דער זעקסטער פרק

**דא ווערט דער ציילט ווי אזו אלעכסנדר מוקדון איז גיבורן גיווארן אונ ווי אזו מיט אים איז דר גאנגן ביז ער איז אלט גיווארן פופצעהן יאר׃**

**איש** היה בארץ מצרים׃ איין מענטש איז גיוועזן אין מצרים וואס ער האט הט דארטען גיקוניגט זיין נאמען איז גיוועזן נקתניבור ער איז גיוועזן דר אמתדיקר פאטר פון אלכסנדר ווי ווייטר וועט שטיין ביי די פעלקר הט מען אים גירופן אלכסנדר דר זון פון פוליפוס נאר ער איז אבר גיוועזן דר רעכטר זון פון דעם קעניג נקתניבור דר קעניג נקתניבור איז גיוועזן גאר אקלוגער מאן אונ איז גיוועזן איבר אלע מכשפים וואס קענן זעהן אונ די שטערן אונ ווייסן וואס אין אלאנגע צייט וועט גישעהן אונ צו דעם צו האט ער גיהאט חן אין דיא אויגן פון זיין פאלק אונ זיי האבן אים אלע ליב גיהאט פון גרוים ביז קליין אונ עס איז גיזאגט גיווארן דם ארתחששתא דר קעניג פון פרס וויל מיט אים

מלחמה האלטען אונ וויל בצווינגן דס לאנד מצרים אזו הט ער גישוקט זייני
בעסטע דינער זיי זאלן אום זעהן אוב דס איז אמת אונ ער הט גיקוקט אין
די שטערן פון דעם הימל אז ער זאל וויסן די ווארהייט וואס דר סוף וועט זיין
פון דר זאך אונ אויך הט ער גיפרובט מיט כישוף אוב ער וועט די מלחמה
ביי קומן אונ ווי ער הט אן גיהובן צו פריבן מיט כישוף אזו איז ציריק גקומן
איינר פון זיינע לייט וואס ער הט גישוקט אויס זעהן דס לאנד פרס אונ האט
גיזאגט צו אים דו זאלסט וויסן דס דר קעניג ארתחששתא הט צו זיך איין
גיזאמלט פיל פעלקר וואס זיי זענן דיר שונאים צו גיין מיט דיר מלחמה האלטן
אזו הט דער קעניג נקתניבור גילאכט אונ הט גיזאגט צו אים האסטו דען
דאס ניט גיזעהן אז איין לייב טוט אוף עסין פיל שאף אזו קאן איך אויך
בצווינגן מיט מיין קראפט אסאך פעלקר דרום גיי צוריק אונ דיין הוז אריין
דען דו ביסט ניט קיין העלד אונ דר קעניג איז גיגאנגן צו דעם אורט פון כישוף
אונ הט גימאכט רייטער אום וואקס אונ הט זיי אריין גיליינט אין אוואסר וואס
איז גיוועזן פון כישוף אונ ער הט גינומן צווייגן אונ הט גיפרובט מיט כישוף
אוב ער וועט גיווינען די מלחמה . אזו הט עס דאס כישוף גיוויזען דס ער
מיט זיין חיל וועלען צום טוט דער שלאגן ווערן פון דעם מלך פרס אינ וויא
נקתניבור הט דס גיזעהן הט ער שון ניט מער גיוואלט מלחמה האלטען מיט
דעם מלך פון פרס נאר ער הט גיטראכט ווי אזו ער זאל אנטלופן ער הט זיך
גילאזט אפ שערן די האר פון דעם קאפ אונ פון דער בארד אונ האט זיך אן
גיטאן צוריסנע קליידר אונ איז אנטלאפן ביי דר נאכט פון מצרים אונ הט מיט
זיך מיט גינומען פיל גאלד אונ דומיטן אונ כישוף וואס ער הט גיקענט וויסען
דאדארך פיל זאכן וואס גישעהן אוף דר וועלט אונ ער איז גיגאנגן צום לאנד
בלוסיא אונ פון דארט איז ער גיגאנגן צום לאנד אנטוכיא וואס דס איז דער אן
הייב מדינה פון יון אונ ער הט זיך דארטון באקלייד מיט זיידענע קליידער
אונ איז גיגאנגן צו דער שטאט מוקדוניאה וואס דס איז די בעסטע שטאט פון
לאנד יון אונ ער הט דארט גיוואנט אונ האט זיך גיהאלטן פר א נביא ער איז
גיוועזן זייער קלוג אונ הט גיזאגט פיל פאר בארגענע זאכן ער איז גיוועזן זייער
חשוב אין יעדינס אויגען . ווי די לייט פון מצרים האבן גיזעהן דס זייער קעניג
איז ניט דא אונ זיי ווייסן ניט ווי ער איז אהין גיקומן אזו זענן זיי גיגאנגן צוא
דעם בולד סראפיש אונ האבן אים גיפרעגט דארך כישוף ווי דר קעניג איז
אהין גיקומן הט דר בולד גיענטפרט אייער קעניג נקתניבור איז אנטלאפן פר
דעם מלך פרס ווארום ער וועט אצונד בצווינגן אייערע לענדר אונ וועט רעגירן
איבר אייך ביז עס וועט קומען אלכסנדר דער זון פון נקתניבור וואס ער וועט
רעגירן איבר דער וועלט אונ איר מיט אייערי פיינד וועלן זיין קנעכט צו אים
ווי די מצרים האבן דס דער הערט האבן זיי אוף גימאלט דאס גשטאלט פון
נקתניבור אוף אשווארצן טאבל אונ האבן דרויף אוף גשריבן די רייד פון בולד
אונ האבן עס בהאלטען אין ראט הוז . אונ נקתניבור האט זיך באזעצט אין

מוקרוניאה אונ מען הט אים זייער ערליך גיהאלטן אבר זיי האבן ניט גיוויסט פון וואנען אונ ווער ער איז אונ אצייט ארום איז פוליפוס דער קעניג פון מוקרוניאה גיגאנגן מלחמה האלטן מיט זיינע פיינד אזו איז נקתניבור גיגאנגן צום קעניגס ווייב אונ ווי ער הט זיא דר זעהן אזו הט ער גיהאט לוסט צו איר אונ ער הט זיך גיבוקט צו איר אונ הט גיקושט אירע הענד אונ הט גיזאגט גאט זאל זיין אין דיין הילף קעניגן פון מוקרוניאה אונ זיא הט גיזאגט דוא גילערונטער מאן זעץ דיך אנידר ביי מיין רעכטע האנד הט ער זיך גיזעצט הט זיא גיזאגט די ביסט דם דר אלטער מאן ווס דו ווייסט אלע פר בארגענע זאכן ווס גישעהן אוף דר וועלט אזו הט ער גיענטפערט יוא איך בין עס נאר מיין קלוגהייט איז ניט צו רומן ווארום נאר ביי גאט אליין איז דיא קלוגהייט אונ די קעניגן הט ווידער גיזאגט צו אים איך זעה אז דו ביסט איינער פון די קלוגע פון לאנד מצרים· ווען הט ער גיענטפערט מיין גינעדיגע קעניגן האטשי איך בין ניט פון מצרים ווייס איך דאך אלע פר בארגענע זאכן ווס שפעטער וועט גישעהן אונ ער האט ניט אפ גיווענט זיינע אויגן פון איהר וועגן איר שונקייט הט די קעניגן גיזאגט צו אים ווס קוקסטו מיך אזו אן הט ער גענטפרפ ווייל דיין שונהייט הט מיך דר מאנט וואס איך האב פאר לאנגע צייטען אין די שטערן גיזעהן דאס אגרוסער אפ גאט פון מצרים טוט גלוסטן צוא אגרוסע קיניגן דס זיא זאל פון אים טראגען ווערן פילייכט ביסטו די זעלבע· אונ דיא קיניגן הט אים גיגלייבט דען די יונים האבן דערמאלט גדינט געטר פון מצרים· אונ נקתניבור הט גינומן אשיינעם דימיט ווס דארך דעם קען מען וויסע אלע וואנדר אונ נאך אדימיט ווס מיקען דארך דעם וויסן ווס וועט גישעהן אין לאנגע צייטן אונ ווס דר מענטש הט אין זיין הארץ· ווי די קיניגן הט דס די זעהן אזו הט זיא זיך זייער פר וואנדערט פון וואנן ער הט דם גינומן אונ זיא הט די דימיטין גאר ליבלעך צו גינומן זיי זענן איר זייער גיפעלין: אונ זי הט צו אים גיזאגט ווייל דוא ביסט אזו קלוג אונ ווייסט אלע פר בארגינע זאכען אזו זאג מיר גלייך ווען מיין מאן פוליפוס איז גיבורן גיווארן וועל איך דיר אלץ גלייבן אזו הט ער איר גיזאגט ווס זיא הט פון אים בגערט הט זי ווידר צו אים גיזאגט ווייל דו האסט מיר אמת גיזאגט וועל איך דיך נאך עפיס פרעגן איך האב גיהערט אז ווען מיין מאן וועט פון דער קריג קומען וועט ער מיך פאר טרייבן ווייל איך האב פון אים ניט קיין קונדר הט ער גיענטפערט דו זאלסט קיין זארג ניט האבן דען דם איז ליגענט נאר אין עטליכע יאר שפעטיר וועט ער אוף דיר צארונדיג זיין אונ וועט זיך פון דיר אפ שיידן אבר עס וועט ניט לאנג גידוערן וועט ער דיך ווידר ליב האבען· אונ די קיניגן הט גיבעטן דעם נקתניבור אז ער זאל איר ווייזען דעם אפ גאט אונ ווי אזו עס וועט צו גיין ביז צום סוף הט ער צוא איר גיזאגט דוא זאלסט וויסן דם איינר פון די אפ געטר וועט אלוסט צו דיר האבן אונ ער וועט דיר העלפן אין דיינע נוטען אזו הט זי ווידר גזאגט ווער איז דר גאט אונ ווס פר אנשטאלט הט ער. הט

ער גיענטפערט זיין נאמן איז אמון זיין גשטאלט איז אזו זי אמיטלער מאן אוף זיין שטערן איז דא הערנר זי ביי איין אוקס אונ זיין בארד איז גלייך ווי ביי איין הונד פון אים ווערסטו האבן אזון אזו הט זיא גזאגט אז דס וועט זיין אמת אזו וויל איך דיך רופן איין מאן פון גאט אונ דר נקתניבור איז גיגאנגן אין וואלד אריין אונ הט גימאכט מיט כישוף פון קרייטר דס גישטאלט ווס ער הט איר גיזאגט אונ האט גמאכט אז ער זאל צו איר קומען אין חלום בייא נאכט אוף דעם אנדערן טאג הט די קיניגין גישוקט נאך נקתניבור אונ הט אים דר ציילט דס פנים ווס זי הט גזעהן אין חלום הט ער צו איר גיזאגט ער וועט צו דיר קומן אין גשטאלט פון אשלאנג דרום גיב מיר אפאר באראגן ארט איבר צו נעכטיגן אונ ווען ער וועט קומן צו דיר וועל איך דיר זאגן ווס דוא זאלסט טאן אונ די קיניגין הט באפולן אז מזאל עם געבן דס בעסטע אורט צו שלאפן בא דר נאכט ווי ער איז גשלאפן אין קאמר אזו הט ער זיך גטאן פר וואנדלען אונ אשלאנג אונ איז צו גיגאנגען צוא איר בעט אונ איז ביי איר גילעגן ווי ער איז פון איר אוועק גגאנגן הט ער צו איר גזאגט פון דעם זאמן ווערסטו האבן אזון ווס ער וועט קעניגען איבר דר גאנצער וועלט · אונ עטליכע חדשים ארום הט זיא אן גיהויבן דס קונד צו פילען אזו הט זיא גישוקט נאך דעם נקתניבור אונ הט צו אים גיזאגט דס קונד באוועגט זיך שון אין מיין בויך דרום לאז מיך וויסן דעם סוף פון מיין מאן ווס ער וועט דר צו זאגן הט ער צו איר גיזאגט האב ניט קיין מורא דען דר שטארקר אמון וועט דיר העלפן אונ ער איז ווידער גיגאנגן אין וואלד אריין אונ הט גימאכט מיט זיין כישוף דס עס הט זיך דעם פוליפוס גיחלעמט ווי דר אפ גאט אמון הט בשלאפן זיין ווייב פר זיינע אויגן אונ ווי דר אפגאט איז פון איר אוועק גיגאנגן אזו הט ער פר איר טראכט פר חתמית מיט אחותם ווס הט אגישטאלט פון אשלאנג ווי דר פוליפוס הט זיך אוף גיחאפט פון זיין שלאף אזו הט ער זיך דר שראקן פר דם חלום אונ ער הט גישוקט אונ האט גירופן אלע כישוף מאכרס אונ האט זיי דער ציילט דעם חלום אזו האבן זיי גיזאגט דוא זאלסט וויסען דס די קיניגין וועט האבן אזון פון איין אפ גאט אונ ער וועט האבן גרוס קראפט אונ ער וועט האבען אגישטאלט וויא אלעמפערט אונ וועט זיין קרוג וויא אשלאנג אונ זיין קיניגרייך וועט זיין פון איין עק וועלט צו דר אנדערע :

אוך הט פוליפוס גיזעהן אין איין מלחמה דס אשלאנג איז גיגאנגן פר אים אונ הט דר שלאגן זיינע פיינד אונ ער הט זיך ווידר אום גיקערט צוא זיין לאנד מוקדוניאה אונ ווי ער איז גיקומן אין זיין פאלץ אריין אזו איז אים די קיניגין אקעגן גיגאנגן הט ער זי גיהאלזט אונ גיקושט אונ צו איר גיזאגט דו זאלסט גאר ניט קיין מורא האבן ווס דו ביסט מעוברת דען איך ווייס וואל דאס איינער פון אונזערי אפ געטער האט דיך בשלאפן אונ פון איהם ביסט מעוברת דרום זאל דיך קיין שום מענטש ניט בשולדיגן אין דר זאך :

איינמאל וויא פוליפוס איז גיזעסן מיט זיינע הערן אונ די קעניגין לעבן זיי

רעקטע האנד אזו האט נקתניבור גימאכט מיט זיין כישוף אונ הט זיך פאר ענדרט פר אשלאנג אונ ער הט זיך גילייגט אין איר שוס אריין אונ הט זיא גיהאלזט אונ גיקושט אזו הט זיך דער קיניג אונ אלע הערן דר שראקן אונ דר קיניג הט גיזאגט איך האב גיזעהן דאס גישטאלט פון דעם שלאנג אין דר מלחמה ווען מיר האבן בצווינגן דס לאנד אונ ער הט גיהרגת אלי פיינד אונ עטליכע טאג דרום אזו איז פוליפוס גיזעסן אוף זיין שטול אונ איז גשלאפן הט ער גיזעהן אין חלום דס אפויגיל איז אריין גיפלוגען אין זיין שוס אריין אונ הט גילייגט איין איי אונ דס איי איז ארויס גיפאלן פון זיין שויס אונ עס איז צובראכן גיווארען אזו איז ארויס גיגאנגן פון דעם איי אשלענגיל עס איז זייער גישווינד גילאפן אוף דעם בויך אונ ווי עס הט גיוואלט ווידער צוריק לופען אין איי אריין איז עס גישטארבן אזו הט זיך דער קעניג פר ווינדערט איבר דעם חלום ער הט גירופן אלי קלוגע אונ כישוף מאכרס זיי זאלן אים דם חלום בשיידן האבן זיי גיזאגט דר חלום בטייט דס דר זון ווס ווערט פון דר קיניגן גיבורן ווערן ווערט איבר דר גאנצר וועלט קיניגן אבר איידער ער ווערט זיך אום קערן צו זיין לאנד ווי ער איז גיבורן גיווארן ווערט ער אוף דעם וועג שטארבן. אונ ווי עס איז גיקומן דיא צייט זיא זאל דס קונד האבן איז דיא גאנצע וועלט טונקיל גיווארען אונ די זון הט איר שיין פר לורן אזו הט דער קיניג צו איר גיזאגט איך האב גיוואלט דס קונד טייטן ווייל עס איז ניט פון מיר נאר ווייל איך האב גיזעהן אונ דעם טאג ווען עס איז גיבורן גיווארן גרויסע ווינדר ווייס איך שוין דס ער ווערט זיין איין געטלעכר מאן אונ ער הט אים אנאמן גיגעבן אלכסנדר:

דער אלכסנדר איז ניט גליך גיוועזן צו זיינו פאטר אונ מוטר זיינע האר זענן גיוועזן וויא פון אלייב זיינע אויגן זענן גיוועזן גרוס איין אונ איז גיוועזן שווארץ אונ דאס אנדרי אונ איז גיוועזן בלאה זיינע ציין זענען גיוועזן גרוס אונ זיין קול איז גיוועזן גליך ווי פון איין אוקס אונ ער איז אוף גיוואקסן אונ איז גיוועזן זייער קלוג אונ נקתניבור הט גילערנט דעם אלכסנדר קלוגהייט אונ אז ער איז אלט גיווארן צוועליף יאר אזויא האט ער שוין גירוטן אוף אשטארק פערד אונ עס האט אים קיין שום רייטער ניט גיקענט חאפן אונ דר קיניג הט גיזאגט צו איב איך האב דיך זייער ליב אבר מיין הארץ איז ניט גאנץ מיט דיר ווייל דו האסט ניט מיין גישטאלט אונ בימט פר ענדרט אוף דעם פנים אז די קיניגן הט דס דר הערט הט זיא זיך גיטראכט ווען ער הט מיין זון פיינד אפשר האט ער מיך אוך פיינד אזו הט זיא גישוקט נאך נקתניבור אונ הט אים גיפרעגט ווס מקאן טון הט ער איר גיזאגט דוא זאלסט קיין בייז הארץ ניט האבן אוף דיין מאן ווארן זיין הארץ איז מיט דיר גאנץ. אונ אז אלכסנדר הט דס גיהערט הט ער צוא אים גיזאגט פון וואנען האסטו אזא חכמה אז די זאלסט וויסן ווס ביים מענטש אין הארץ איז דא. הט נקתניבור גיענטפערט די זאכן קען מען וויסן דארך די שטערן הט אלכסנדר

גיזאגט ווארום האסטו מיך ניט גילערונט דיא זאך דס איז דאך בעסער ווי
אלץ אזו הט נקתניבור גיזאגט ווער עס וויל דאס לערנען מוז זיך אליין אפ
שיידן פון דר וועלט אין דר מדבר אריין אונ מוז טאג אונ נאכט דארט זיין
אונ אלכסנדר הט אים גיפרעגט צו קאנסטו דו אוך וויסן דעם סוף פון דיין
לעבן אזו האט נקתניבור גיזאגט מיין סוף איז קורץ דען מיין זון וועט מיך
טייטן· אזו הט אלכסנדר גיענטפערט דו האסט מיר די זאך אין מיין הארץ
נאר טיף אריין גיברענגט איך קען ניט רוען ביז דו וועסט מיך די זאך אויס
לערנן אזו הט ער גיזאגט קום מיט מיר אין וואלד אריין וועל איך דיר ווייזען
דארך די שטערן אזו זענן זיי ביידי גיגאנגע אונ וואלד אריין אונ ווי זיי זענן
גיקומען צו א טיפן גריב אזו הט אים אלכסנדר גיגעבן אשטום אונ גריב אריין
אונ הט גיזאגט דס האב איך גיטון ווייל דו האסט ענטדעקט די סודות פון
מיין פאטער· אונ נקתניבור הט גישריגן אונ גיוויינט אונ הט גיזאגט דס איז
וואס איך האב דיר גיזאגט אז מיין אייגענער זון וועט מיך טייטען אונ דוא
אלכסנדר ביסט מיין זון הט אלכסנדר גיזאגט ווי אזו בין איך דיין זון אזו הט
נקתניבור גיענטפערט איך זאג דיר מיט דעם אמת אז דוא ביזט מיין זון אונ
פרעג מיך ניט וויא אזו. הט גיגבן ענט דער צארן פון אלכסנדר ער הט גינומן
אגרוסן שטיין אונ הט אוף אים ארוף גיווארפן ביז ער איז גישטארבן דר נאך
הט אלכסנדר זיך גיטראכט אפשר איז עס דאס אמת אז איך בין זיין זון אונ
ער הט אים ארויס גישלעפט אוס דעם גריב אונ הט אים גיטראגן צום קיניג
אונ ווי זיין מוטר הט דס דר זעהן הט זיא גיזאגט פר וואס האסטו אים גטייט
ער איז דאך אמת דיין פאטר אדר גלייך ווי איין פאטער אונ דו האסט אים
בצאלט בייז פר גוטס אזו הט אלכסנדר גיענטפערט דס איז דארך אין ווילען
דיין ווייך הארץ וואס דו האסט אים גיפרעגט ער זאל דיר זאגן וואס דער קיניג
הט אין זיין הארץ. אונ דיא קיניגן הט באפוילן אז מען זאל דעם נקתניבור
בגראבן אין איר פאלעץ :

## דער זיבעטער פרק

### דא ווערט דער ציילט פון אלכסנדרס מלחמות

דער קיניג פון פלוטיא הט גישוקט איין מתנה דעם קיניג פוליפוס א שיין
פערד וואס זיין גלייכן איז ניט פר האנדן אונ עס הט גיהייסן בוציפאל קיין שום
שום מענטש הט ניט גיקענט דרויף רייטן דען עס איז גיוועזן זייער צארונדיג
אזו הט דער קיניג גימאכט דעם פערד איין אייזרני שטאל אונ יעדר מענטש
וואס איז גיוועזן חייב מיתה האט מען אים גיווארפן צום פערד אונ עס הט אים
צו רוסן אין איין אוגן בליק אונ עס הט אים אוף גיגעסן איינמאל האט זיך
גיחלומט דעם קיניג פוליפוס איין חלום אז אבולד איז גיקומן צו אים אונ הט
אים גיזאגט אז דר מאן וואס וועט רייטען אוף דעם פערד בוציפאל דער וועט
קיניגין נאך דיר· אונ פוליפוס הט קיינים ניט דר ציילט דעם חלום :
אונ ווען אלכסנדר איז אלט גיווארן פופצען יאר אזו הט ער שוין גיקענט אלי

חכמות איין מאל איז ער דארך גיגאנגן פאר דער שטאל וואס דס פערד איז דרונען גיוועזן אזו הט ער גיזעהן פיל ביינער פון די מענטשן וואס דס פערד בוציפאל האט אוף גיגעסן אזו איז ער זייער בייז גיווארן אונ ער הט אויס גישטרעקט זיין האנד דארך דעם לאך אונ הט אן גינומן דס פערד ביי דעם האלז אונ דס פערד הט זיך אום גיקערט צוא אים אונ הט גילעקט זיין האנד אזו הט ער גיהייסן אוף שליסן די טיר פון דער שטאל אונ ער הט זיך אוף גיזעצט אוף דעם פערד אונ הט גירוטן אונ אלע גאסן אן אצוים אונ ווי זיין פאטר הט דס דר זעהן אזו הט ער זיך זייער גיפרייד דען דארך דעם הט ער דר קענט אז אלכסנדר וועט קיניגין אונ וועט זיצען אוף זיין שטיל נאך אים אונ ער האט גיזאגט גילובט איז גאט דען זייני ווערטר זענן אמת · אונ ער הט גישוקט רופען צו אלכסנדר אונ הט אים דר ציילט וואס ער הט גיזעהן אין חלום הט אלכסנדר גיזאגט ווען דר קיניג זאל מיר געבן רייטר אונ פאלק אזו וואלט איך גיגאנגן מלחמה האלטן מיט דעם קיניגס פיינד אונ די וואלטן גיגלייבט אונ דיין חלום אזו הט דר קיניג גיענטפערט מיין ליבר זון טוא ווי דיר וואל גיפעלט אונ קלוב דיר אוס פון מיין פאלק וועלכס דיר גיפעלט אונ איך גיב דיר פערציג טויזנד גולדן אוף צערונג אונ הט אים גיגעבן הונדרט שטארקי רייטר אונ הט גיהייסן פירן דס פערד בוציפאל אין זיין רעכטע האנד אונ איז גיגאנגן מלחמה האלטן. פסחיום דר שרייבר איז גיוועזן זיין יועץ.

ער הט בגעגינט אוף דעם וועג דעם קיניג ניקולאש דער קיניג פון אנדריאש איז גיקומן מיט אגרוסע מלחמה אונ וויא ער הט דר זעהן דעם אלכסנדר הט ער אים גיפרעגט ווער ביזטו אזו הט אלכסנדר געענטפערט מיט שטאלצקייט איך בין צדיכמהיירר דער זון פון דעם שטארקן קיניג פוליפוס האט ניקולאש גיזאגט צו די האסט ניט גיהערט ווער איך בין וואס דיא ביסט אזו שטאלץ קעגן מיר אזו הט אלכסנדר גיענטפערט איך קען דיך דו ביזט ניקולאש דר קיניג פון אנדריאש אונ די זאלסט דיר גיט איין רעדין אז דו ביסט גרוס דען מיין פאטר איז אוך גרוס הט ניקולאש גיזאגט זיך דיר בעסער איין אורט צו אנטרונפר מיר אזו הט אלכסנדר פון אים גשפעט אונ הט גזאגט טרעט אפ פון מיר דען ווער ביסטו אונ ווער בין איך· ווי ניקולאש הט דס דר הערט הט אין עם גיברענט זיין צארן אונ ער הט צו אים גיזאגט וויא דיר דו נאר אונ יונגער שנעק ווען מיין פאלק וועט אויף דיר נאר שפייען ווערסטו דער טרונקן אונ זייער שפייעכס נאר איך דר בארום מיך איבר דיר דען די ביסט איונגער נאר אונ ער הט פאר אים אוס גישפונן אונ הט גיזאגט אזו זאלסטען טאן צו איין יונגן נאר וואס הט קיין בושה ניט אבר אלכסנדר האט אים גיענטפערט מיט ווייכע רייד דו ניקולאש האסט מיר גיטאן ווי אנאר אבער דס זאג איך דיר אז דו זאלסט אום וועצין איין טאג דס מיר זאלן ביי אנאנדער מלחמה האלטען אזו וועט בקענט ווערן ווער שטארקר איז: ער הט אים אום גיזעצט איין טאג ווען זיי זאלין מיט אנאנדר מלחמה האלטן: אונ זיי האבן מיט אננדר מלחמה

גיהאלטין ביז אלכסנדר הט דר שלאגי דס חיל פון ניקולאש אונ ער הט אים נאך גיאגט ביז אין זיין לאנד אריין ער הט בצווינגן דס לאנד אונ ער הט זיך אום גיקערט צו זיין פאטער אונ הט אוף זיך גיטראגן די קרון פון ניקולאש ווי ער איז גיקומן אין זיין לאנד מוקדוניאה אזו הט ער גיזעהן דס זיין פאטר פוליפוס הט גינומן נאך איין ווייב אונ איר נאמען איז גיוועזן קליופטרא אונ ער מאכט אנדרום מאל צייט פאר אלע זיינע הערן אונ קנעכט אונ זיי עסין אונ טרונקן אונ זענן פריילך אזו הט ער גזאגט צום קעניג איך האב דיר גברענגט א בשורה מיין הער פאטר מיט דער קרון וואס אונזער גאט הט מיר גיגעבן אין דר ערשטער מלחמה אונ איך וועל זוכה מיין מוטר איין אנדרן מאן אונ איך וועל דיך אוך ניט רופן צו דר חתונה אזו ווי דו האסט מיין מוטער ניט גירופן צום מאל צייט אזו הט זיך אן גירופן סליגאוס דער ערשטער מיניסטער מיין הער הט דרום גינומן אווייב כדי זיא זאל אים גיווינן אזון וואס ער זאל זיין גלייך צו זיין גיזוכט ער זאל זיצן אוף זיין שטיל נאך זיין טוט ווי אלכסנדר הט דס דר הערט הט גיגרומט אין אים זיין צארן אונ ער הט גינומן אשטעקין אונ הט דר שלאגן דעם מיניסטר צום טוט אונ ווי פוליפוס הט דס דר זעהן האט אין אים גיגרומט זיין צארן אונ איז אוף גישטאנן מיט זיין מעסר פון דעם טיש אונ הט גיוואלט שעכטן צו אלכסנדר אבר עס איז אויף אים גיפאלן אגרוסע שרעק ער איז גיפאלין צו דר ערד אונ זיין מאל צייט איז פר שטערט גיווארן אונ איז גיווארן זייער קראנק · אום דריטן טאג איז אלכסנדר גיגאנגען צום קינעג אונ הט אים גיזאגט נעם צוריק מיין מוטר נביארש זיא הט דיר קיין שלעכטס ניט גיטון אונ דו האסט קעגין איר ניט רעכט גיטון דס הש דוא האסט גינומן איין אנדר ווייב אונ די זאלסט מיך ניט שולדיג מאכן וואס איך האב טוט גישלאגן דיין מיניסטער סליגאוס דען ער האט שלעכטס קעגן מיר גירעד דס וואס דיינע אויערין האבן אליין גיהערט דער קינעג הט גיוויינט אונ אלכסנדר הט אוך מיט גיוויינט אונ איז גיגאנגן צו דר מוטער אונ הט איר גיזאגט דו זאלסט ניט צערנין אוף דעם קיניג וואס ער הט גינומן אנדער ווייב אונ ער הט זיא אן גינומן ביי דער האנד אונ הט זיא גיפירט צום קיניג אונ ווי דר קיניג הט זי דר זעהן הט זיא גיפונן חן אין זיינע אוגין אונ ער הט זיא גיהאלזט אונ גיקושט אונ הט זיא גיזעצט אוף איר שטול אונ הט פר טריבן דאס אנדערי ווייב וואס ער הט גינומן :

## דער אכטער פרק

דא ווערט דער צייל די ווינדרליכע זאכי וואס אלכסנדר הט גיטון :

אונ עטליכע יאר הט גישוקט דריוש דר קינעג פון פרס דם פוליפוס זאל אים געבן צונז אזו וויא ער פלעגט צוא געבן אלע יאר אזו הט אלכסנדר ניט גיוואלט דאס מזאל געבן אונ ער הט גיזאגט די שלוחים זאגט אייער קינעג א ביז אהער האט מיין פאטער גיהאט איין הין וואס הט אים גילייגט אלי טאג איין גולדן איי אבר אצונד הט אוף גיהערט די הין צו לייגן די אייער הט ער

נישט

ישט ווי צו נעמן דיר צונז צו געבן אזו הט זייער פר דראסן די שלוחים זייא זאבן אהיים גיצוגין אונ זייער לאנד אביין דער וויל איז טען גיקומן זאגן צוא פוליפוס אז די פעלקיר ווס זענן אונטער אים האבן אין אים ווידער גישפעניגט אונ די ווילן קיין צונז ניט געבן הט פוליפוס גיזאגט צו אלכסנדר גיי מיט זיי זלחמה האלטן אזו איז אלכסנדר גיגאנגען מיט אגרוס חיל אונ האט פאר ארבן אלע לענדער אונ הט זיי גימאכט אונטער טעניג· אזו זענן גיקומן דיא לייט פון לאנד בריטניא מלחמה צו האלטן מיט פוליפוס אונ האבן גיוואלט וועק נעמן דיא קינגין נביארש דיא מוטער פון אלכסנדר אונ דער קעניג פוליפוס איז מיט זיין פאלק זייא אקיגן גיגאנגען אזו האט ער גיזעהן אז עס איז דא אגרוס חיל· האט ער זיך גיוואלט אום קערין קיין מוקדוניאה אזו זט אים דר זעהן יושנים דער הער פון בריטניא אונ ער הט אים נאך גיאגט אונ הט גישלאגן פוליפוס אוף זיין קאפ דס ער איז אראפ גיפאלן פון זיין רייט זאגן אונ ער איז גילעגין גלייך ווי טוט· אונ דר יושנים קומט ביז צום טויער פון דער שטאט אינ בצווינגט זיא ער זוכט דיא קינגין נביארש אונ שלאס אונ וויל זיא מיט גיוואלד נעמן אבר ער הט זיא ניט גיפונען דען זיא הט זיך באהאלטן אונ אשטארקן טורעם אונ ווי דער יושנים בלעגירט דעם טורעם קומט אלכסנדר אונ ווי יושנים ווערט דס גיוואר אזו וויל ער מלחמה האלטן מיט אלכסנדר אבר אלכסנדר שלאגט אים מיט דער שווערד אונ ווי ער קומט צום ארט ווי זיין פאטר פוליפוס איז גיפאלין אזו רופט ער מיין ליבר פאטער אונ דר קעניג הערט דס קול פון אלכסנדר אזו זאגט ער מיין ליבער זון דוא וועסט דיך רעכנן אן דיא שונאים ער טוט ווייגען אינ שטארבט אזוי פאלט אלכסנדר אויף זיין פאטערס פנים אונ וויינט אונ באגראבט אים מיט גרוים כבוד· אונ ער רופט אלע זיינע הערן אונ קנעכט אונ זאגט הערט מיך צוא איר זאלט אייך ניט פאר זיבערן אויף מענטשן נאר אוף גאט ער וועט אייך העלפן אונ אלי אייערע נוטין זארגט ניט ווס מיין פאטר פוליפוס איז גשטארבן אונ שארפט יעדר זיין שווערד אונ שפיז אונ ווער עס האט ניט קיין שווערד דר זאל זיך קופין דען איך וועל ניט רוהן ביז מיינע פיינד ווערין פר טיליגט ווערן· די הערן קניען אונ בוקן זיך צו אים אונ זאגן מיר ווערין טון ווס דוא וועסט אונז גביטען אזו קיניגט אלכסנדר אוף דעם אורט פון זיין פאטר ער איז דענטמאלט אלט גיווארן צוואנציג יאר ער איז אשטארקער העלד אונ זייער קלוג דען זיין לערער איז גיוועזן אריסטוטלוס:

## דער ניינטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון אלכסנדר מיט פרס ומדי:

אלכסנדר ציילט איבר זיין חיל זיי זענן פינף אונ צוואנציג טויזנד מאן שפייזן טרעגר צעהן טויזנד מאן בוגין אונ פיילין שו סר אונ דרייסיג טויזנד שווערדן טרעגר אונ דס איבעריגע פאלק אבאזונדער צאל· ער נעמט צעהן טויזנד צענטנר גאלד אונ זילבר אונ ניט עס דעם שאץ מייסטר ער זאל זייא

האבן צו שפייזין אוף דעם וועג · אונ לאזט מאכן צווייא הונדערט גרוסע אונ קליינע שיפן אונ גיט זיי פול גאלד אונ זילבר זיי זאלן האבן איבר דעם וואסר צו גיין ביז קיין איטאליא · אונ די הערן פון רום שיקען אים אגאלדינע קרון מיט אבנים טובות אונ מאכן אים פר איין הער איבר זיך אונ אנטפאנגן איב מיט גרוס פרייד פון דארט פארט ער איבער דעם לאנד אפריקא עס גיין איב אקיינן אלי הערן אונ אנטפאנגן אים אוך מיט גרוס כבוד דר נאך פארט ער איבר מדי אונ נעמט עס איין · ווי דר קיניג דריוש דער הערט דס שרייבט ער צו אים דו ווייסט דאך דאס איך בין זייער שטארק נון ווי אזו האסט דוא גיוואלט קינען אן מיין וויסן אונ ביסט גיוועזן אין מיינע לענדיר ניט ווי איין קנעכט נאר ווי איין הער דרום אייל דיך אונ קום צו מיר אונ בוק דיך צו מיר אונ אז וועסט ניט וועל איך דיך שטראפן מיט דעם טוט אבר ווען דו וועסט יוא קומן צו מיר וועל איך מיך דר בארומן איבר דיר אונ ווי אלכסנדר לעזט דעם בריף ווערט ער זייער צארונדיג אונ ער הייסט אן ריכטן זיין חיל מלחמה צו האלטן מיט דריוש אונ דער קיניג דריוש טוט אוך אן ריכטן זיין חיל אונ ווי זיי האלטן מלחמה אזו טוט פאלן פיל פון ביידע זייטען אונ אין דעם טאג איז גיוועזן גרוסע דינערין אונ שלעכטע וועטיר אזו אנטלופן דיא פרסיים פר די דינערן אונ דער קיניג דריוש פר לאזט זיין וואגן אונ זעצט זיך אוף דעם פערד אונ אנטלופט אזו יאגט אים אלכסנדר נאך פערציג טאג רייז אונ ער פאנגט זיין וייב אונ קינדער לעבעדיגע הייט אונ דער קיניג דריוש לופט ווייטער ביי נאכט, אונ אלכסנדר דר שלאגט דס גאנצי חיל מיט דר שווערד : אונ אלכסנדר בפעלט מזאל באוראבן די דער שלאגינע. אונ די צאל פון די דער שלאגעני פון דיא מוקדונים איז הונדערט. אונ ניינציג טוזענד אונ פינעף הונדערט אונ גיפאנגינע איז הונדערט אונ אכציג מאן אונ די דער שלאגינע פון דיא פרסיים איז רייטער מיט פוס גייערס צוואנציג טוזנד אונ גיפאנגנע פיר טוזנד הערן · אונ דריוש פר זאמילט נאך מער חיל פול שטארקר אלכ דם ערשטע חיל :

**וויא** אלכסנדר קומט צו דעם לאנד פרס אונ ער זעהט דאס דיא מוערן זענן פעסט אונ הוך אזו בפעלט ער מען זאל נעמן פול שאף אונ אן בינדן אן זייערי שווענץ דערנר אונ צווייגן אונ מזאל זיי נאך יאגן דארך דעם שטוב ביז דר שטוב וועט גיין איבר אלע מוערן אונ ווי די פרסיים זעהן דעם שטוב מיינן זיי אז דס איז דער שטוב פון פאלק פון אלכסנדר ווייל זיי זענן פול אזוי ווערן זיי דר שראקן אונ זיי שיקען צום קיניג דריוש דס צו וויסען טון · אונ אלכסנדר נעמט מיט זיך מיט אגיטרייען דינער א שטארקן העלד זיין נאמ איז אואיטן אונ דריי גוטע פערד אונ זיי פארן איבר דעם טייך אסטרגן אונ דר טייך איז גיוועזן גיפרורן אונ אלכסנדר הט זיך פר קליידעט ווי די הערן פון מוקדון אונ פארט איבר דעם טייך ביז ער קומט צום טויער פון דר רעזידענס שטאט פרעגט אים דר היטער ווער ביסטו ענטפערט ער איך בין א שליח פון

אלכסנדר צום קינוג דריוש אזו פירט אים דר היטר צו דריוש אונ ער זעהט ווי דריוש זיצט אויף זיין קיניגליכע שטול אונ דיא קרון אויף זיין קאפ אזוי גייט אלכסנדר צו אים צו אונ בוקט זיך פר אים אונ זאגט מיין הער אלכסנדר הט מיך גישוקט צו דיר קיניג צו זאגן אז דו זאלסט מיט אים מלחמה האלטן אונ אוב דוא ווילסט ניט מיט אים מלחמה האלטן אזו קאן ער פר שטיין דאס דוא ביסט שלאף קעגן אים אזו טוט דריוש צערינען אונ זאגט צוא ביסטו דען אלכסנדר אליין ווס דוא רעדסט מיט מיר מיט שטאלצקייט אזו זאגט ער איך בין ניט אלכסנדר אליין נאר זיין דינער אזו זאגט דריוש זעץ דיך אנידער אונ עס ביי מיר אמיטאג ער עסט אונ טרונקט מיט עם אונ אלע גילדעני כלים ווס ער טרונקט אונ זייא בהאלט ער זייא צוא זיך אזו פרעגט אים דריוש ווארום טוסטו דס זאגט ער אזו איז ביי מיין הער אלכסנדר ווען אשליח טרינקט בייא אים אונ ווי אלכסנדר הט דס גירעד הט אים איין הער פון דריוש דער קענט אונ ער הט גיזאגט צוא די ווס זענן לעבן אים גישטאנען דס איז דאך אלכסנדר אליין. אונ ווי אלכסנדר הט דס גיהערט אזו שטייט ער אויף אונ אנטלופט ער קומט צום טייך אסטרגן אונ ער רייט גישווינד איבר דעם אייז ווארן עס איז נאך גיוועזן הארט אונ ווי אלכסנדר איז אריבר גיקומען איז דס אייז צוא שמאלצין גיווארן. אונ ווי דריוש הערט אז דאס איז גיוועזן אלכסנדר הייסט ער אים נאך יאגן אבר זיי האבן אים ניט גיקאנט האפן דען דר טייך איז גיוועזן צו שמאלצין אונ זיי זענן מיט שאנד צוריק גיגאנגן. אונ ווייא אלכסנדר איז גאר צו זיין חיל גיקומן הט ער זיי אלע גלייך איינגיזאמילט מלחמה צו האלטן מיט דעם דריוש אונ דיא פרסים זענן גיווארן דער שלאגן אונ דריוש איז מיט גאר ווייניג פאלק איבר דעם טייך איסטרגן אנטלאפן אונ דס איבעריגע פאלק איז דער טרונקן גיווארען אונ דעם טייך. אונ ער שרייבט אבריף צוא דעם אלכסנדר אזו צו זאגן דר בארום דיך איבר מיר אונ גיב מיר צו ריק מיין ווייב אונ קונדר אונ פר ווישט מיר ניט מיין לאנד אונ איך וועל דיר געבן גאלד אונ זילבער אונ זיבעציג קעפס ווייבער אלע קיניגליכע טעכטר דיא ווס איך האב ביי מיר אין שושן ווי אלכסנדר הט דעם בריף גילעזט אזו האט ער גילאכט אונ האט גיזאגט ווען איך וועל אים בצווינגען איז דאך אלץ מיין. אונ ער בלייבט אנאנצין ווינטער מיט זיין חיל אונ לאנד פרס. אזו שיקט דריוש צו פורוס מלך הודו אז ער זאל אים העלפן מיט אלכסנדר מלחמה צוא האלטן אבר אלכסנדר איז גיקומן פר דר רעזידענט שטאט אונ דריוש אנטלופט פון דארט אזו יאגט אים אלכסנדר נאך. אונ ווי די הערן פון דריוש דר הערן אז אלכסנדר איז דא אזו דר שלאגן זיי דריוש. אונ ווי אלכסנדר הערט דס גייט ער צו דריוש אונ וויינט איבר אים אונ דריוש שטארבט אין שוס פון אלכסנדר אונ ער בטרויערט אים אונ באגראבט אים מיט גרוס כבוד אונ בשטראפט די אלע ווס האבן אים אום גיברענגט:

# דער צעהנטער פרק

דא ווערט דער ציילט דיא שרעקליכע זאכען וואס
אלכסנדר הט גיזעהן אין דר מדבר אונ לאנד מדי :

נאך דעם וואס אלכסנדר הט אונטער טעניג גימאכט דס לאנד מדי פארט ער דארך דער מדבר אזו קומט ער צוא איין מאל ער האט דארט גיפונען אלירליא חיות אונ צו דעם הט ער גיפונען אלרליי קליינע מענטשן וואס הייסין אין דייטש שפראכע צווערגין ער הט זייא גיוואלט האפן לעבדיגעהייט נאר זיי לופן זייער גישווינד אונ זיינע לייט הארגינן הונדרט אונ צוואנציג צווערגן : אונ ער איז גיגאנגן פון דאנן צו דעם לאנד סלוואקין אונ ער הט דארט גיפונן ווילדע מענטשין וואס זיי האבן גיוואנט אין דיא וועלדר זייא זענן גרוסע גבורים זייער גווער איז גיוועזן אום לוטער העלצר אונ שטיינר אבר ניט קיין שווערד אונ שפיז זיי דר שלאגן פון זיינע לייט הונדערט אונ פופציג מאן אבער אלכסנדר לאזט אן צינדן אפייער אונ וואלד אזו אנטלופן די ווילדע מענטשין פאר דעם גרוסען פייער אונ זיי גייען וייטר אונ גיפונען גרוסע אונ ווילדע חיות וואס זייא זענן הויך פיר איילין אונ זיי האבן דריי אוגן אונ זענן גיפלעקט מיט אלירליי פארבן צו דעם האבן זיי אוך גיפונן כיקען גרוס וויא די טובין זיי גייען ווייטר אזו זעהן זיי איין מאן בדעקט מיט האר אבר זייא קענן אים ניט האפן וואדן ער איז שטארק אונ לופט זייער גיך · אזו הייסט אלכסנדר אויס טון א פרויא נאר נאקיט זיי פירן זיא צו אים זיי טראכטן פיל לייכט וועט ער זיך קערן צוא איר שיינהייט אזו וועלין זייא אים לעבעדיגער הייט פאנגן ער נעמט אבערדי פרוי אונ פרעסט זיא אוף · אזו יאגין זיי אים נאך אונ ער רעד אוף זיין לשון אזו גייען אום דעם וואלד נאך פול זעליכע מענער מיט האר בוואקסין אן צאל אזו לאזט אלכסנדר אן צינדן דעם וואלד אונ זיי פאנגן פון זיי פינעף הונדרט אבר ווי ער זעהט דס ער קען מיט זיי ניט ריידן דען זיי זענן ביז ווי די הונד אזו לאזט ער זיי ווייטר לופין · ניעבור משם אונ ער גייט פון דארטן אוועק אזו גיפונט ער איין טייך דרינן זענן גיוועזן גרוסי פיש אוך גיפונט ער ווילדע חיות וואס האבן פינף פוס אונ דריי אוגן אונ זענן הויך צעהן איילין אבר זיי קענן ניט זעהן נאר מיט צוויי אוגן אויך זעהט ער ווילדע מענטשן אן קעפ נאר די אוגן אונ דס מול האבן זיי אוף דר ברוסט ווי רעדן איין אייגין לשון אונ זייער שפייז איז פיש אויך זעהט ער קרעבסין אזו גרוס ווי קליינע שיפלעך ער גייט פון דאנען אין איין אנדרי מדבר אריין אונ ער גיפונט ניט מער נאר הימל אונ ערד אונ וואסער אונ ער קומט ניט ווייט פון איין אינזעל אזו גיפונט ער מענטשן וואס רעדן יוניש אבער ער קען זיי ניט זעהן אזו שיקט ער פול שטארקע העלדין צו זיי אזו קומט איין קרעבס נאר אגרוסער אונ שטארטץ איבער פון זיי פופציג מאן אזו פארכט ער זיך אונ ער גייט אוועק פון דארט צוויי טאג רייז אונ קומט צו (הרי חושך) די בערג פון פינצטערניש ער וויל גיין ביז צו דר שטאט פון די קינדר פון יונדב דר זון

פון רֶכֶב אונ אַטייל פון דיא שְׁבָטִים וָוס זיצֶען אונטער די הָרֵי חוֹשֶׁךְ אונ עֶר
רופט פון זיין חַיִל טוזנד אונ דְרַייא הונדערט שְׁטַארְקֶי הֶעלְדִין אונ איז מיט
זיי אַהין גיצוֹיגֶען אונ ווי עֶר קוּמְט אַהין אַזוֹ גיפונט ער דָס די ליכְט פון דֶער
שְׁטָאט איז טינְקֶעל אונ וואלקְנְדִיג דָס איינֶער קען דעם אַנְדֶרֶן ניט זֶעהְן אונ
די עֶרְד פון דעם לַאנְד איז לוּטֶער לֵיים אונ עֶר זֶעהְט זייעֶר גְרוֹסֶע פֵייגִיל זֵייעֶר
פָּנִים איז ווי מֶענְטְשִׁין אונ רֶעדֶן יְוָנִישׁ אונ זֵייא זָאגֶן צוּ אים אַלֶכְּסַנְדֶר קֶער
אוּם צוּ דַיין וועג דען דוּא טָארְסְט ניט טְרֶעטֶען אוף דֶער עֶרְד פון די רֶעכְטֶע
קְנֶעכְט פון גָאט דען זֵיי זֶענֶן די קִינְדֶר פון גָאטְס קְנֶעכְט אַבְרָהָם אונ זָאלְסְט
ניט פְּרִיוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין אין הִימֶל אַרַיין ווי דוּ הָאסְט גיפְּרוּבְט אונ עֶס זָאגְט
צוּ אים ווידֶער איין אַנְדֶרֶער פוֹיגִיל איךְ פַר זִיכֶער דִיר דָס דוּא וועסְט בַּצְווינְגֶען
דָס קִינִיגְרַייךְ פון הוֹדוּ אונ וֶועסְט דֶר שְׁלָאגֶן דֶעם פוֹרוּס דֶר קֶינֶעג פון הוֹדוּ ·
אַזוֹ ציטֶערְט אַלֶכְּסַנְדֶר פַר די פֵייגִיל אונ קֶערְט זִיךְ צוּרִיק אוּנְטֶער זִיךְ צְוָואנְצִיג
טָאג רַייז אונ עֶר קִימְט צוּ זֵיין חַיִל וָוס עֶר הָט פַר לָאזְט עֶר בּוֹיט אוף דֶעם
אָרְט אַגְרוֹיס שְׁלָאס אונ שְׁרַייבְט אוף דְרוֹיף אַלְץ וָוס עֶר הָט גיזֶעהֶן :

## דער עליפטער פרק

דָא ווערְט דֶר צֵיילְט די קְרִיג פון פוֹרוּס מיט אַלֶכְּסַנְדֶר
אונ דָאס בַּאגֶעגִינֶעשׁ מיט דֶער קֶינֶעגִין קַנְדַקִי :

נר גייט פון דַאנֶען צוּם לַאנְד הוֹדוּ אונ ווי פוֹרוּס מֶלֶךְ הוֹדוּ דֶער הֶערְט אַז
אַלֶכְּסַנְדֶר קוּמְט אונ זיין לַאנְד אַרַיין · אַזוֹ שִׁיקְט עֶר צוּ אים אַבְרִיף אַזוֹ
צוּ זָאגֶן צַנְטְלוֹיף פון מַיין לַאנְד דען איךְ וֶועל דיךְ טֵייטֶען · אָבֶּר אַלֶכְּסַנְדֶר וויל
ניט אַנְטְלוֹיפֶן אַזוֹ פַר זַאמִילְט פוֹרוּס אַלֵי זֵיינֶע הֶערִין דֶר צוּ לָאזְט עֶר אוֹיךְ אַיין
וַאמְלִין פוּל בֵּייזִי חַיּוֹת מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶען מיט אים ווי אַלֶכְּסַנְדֶר הֶערְט דָס
ווערְט עֶר דֶער שְׁרָאקִין דֶען עֶר הָט נָאךְ קַיין מָאל ניט מיט קֵיין ווילְדֶע חַיּוֹת
מִלְחָמָה גִיהַאלְטֶען · עֶר פַר קְלֵיידְט זִיךְ פַר איין קוֹפְמַאן אונ גייט צוּ דֶעם לַאנְד
הוֹדוּ עֶס אוּם צוּ זֶעהֶן עֶר זָאגְט דָארְט אַז עֶר הָט פֶּערִיל צוּ פַר קוֹפֶן אונ מֶען
פִירְט אים צוּם קֶינֶעג אונ עֶר פְרֶעגְט אים ווער בִּיסְטוּ זָאגְט אַלֶכְּסַנְדֶר איךְ
בִּין אֵיינֶער פון אַלֶכְּסַנְדֶרְס הֵילְדֶען עֶר איז בֵּייז אוֹיף מִיר הָט עֶר מִיךְ פַר טְרִיבְּן
פון זִיךְ בִּין איךְ גיקוּמֶען צוּ דִיר דֶען איךְ וויל דִינֶען בֵּיי דִיר אונ וויא אַלֶכְּסַנְדֶר
זֶעהְט די ווילְדֶע חַיּוֹת פְרֶעגְט עֶר די לַייט וָוס שְׁטֵייעֶן בֵּיי אים זָאגְט מִיר מיט
וָוס קָאן מֶען מַאכֶן אַנְטְלוֹיפֶן דיא חַיּוֹת אַזוֹ זָאגֶן זֵיי די ווילְדֶע חַיּוֹת פָארְכְטֶען
זִיךְ ניט פַאר קַיין שְׁוֶוערְד נָאר פַאר פֵייעֶר אונ מיט דֶעם וָואלְט אַלֶכְּסַנְדֶר
גִיקֶענְט בַּצְווינְגֶען אוּנְזֶער לַאנְד אונ ווי אַלֶכְּסַנְדֶר הֶערְט דָס גייט עֶר צוּ זַיין חַיִל
אונ עֶר לָאזְט מַאכֶן מיט אַנְגִישְׁטַאלְט פון מֶענְטְשֶׁן בִּילְדֶער פון קוּפֶּר אִינֶווֵיינִיג
הוֹל אונ אַלְס מֶען הֵייבְּט אָן מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶען מיט דֶעם קֶינֶעג פוֹרוּס אַזוֹ
לָאזְט עֶר דִי אַלֶע קוּפֶּערְנֶע מֶענְטְשֶׁן פִירֶן אוֹיף דֶעם פֶעלְד אונ אָן שִׁיטֶען מיט
פֵייעֶר בִּיז זֵיי גְלִיעֶן ווי קוֹלִין אונ אַלְס די ווילְדֶע חַיּוֹת זֶעהֶן דָאס די קוּפֶּרְנֶע
מֶענְטְשֶׁן שְׁטֵייעֶן אוֹיף אַיין אָרְט אַזוֹ לוֹיפִין זֵיי צוּ אונ ווילֶן זֵיי אוֹיף פְרֶעסֶן אַזוֹ

פר ברענן זיי זיך זייערי לייבר אן דיא קופרנע מענטשן אונ זיי אנטלויפן פון דער מלחמה . אונ אין דער מלחמה שטארקט זיך דאס חיל פון אלכסנדר איבר דעם חיל פון פורוס אונ אין דר מלחמה איז דער שלאגן גיווארען דאס גרוסע פערד בוציפאל אונ אלכסנדר איז זייער טרויריג איבר זיין פערד . אונ עס גידויערט די מלחמה דרייא טאג אזו גייען פאלטשע לייט אונ וויקען איבר געבן דעם אלכסנדר אין פורוס הענד אבר אלכסנדר איז אין דיא זאכען גינית גיווען אונ ער הט גילאזט די לייט אלי טייטען . דער נאך לאזט ער זאגן דעם קיניג פורוס אזו צו זאגן ווארום זאלן מיר פר דארבן די חילות אום זונסט קום מיט מיר אין פעלד אריין וועלן מיר ביי אננדר מלחמה האלטן אונ וועליכער עס וועט גיווינען דר זאל הערשן אזו גיפעלין די ווערטר דעם פורוס ער פרייד זיך דרום דען ער איז הויך פינעף איילין אונ אלכסנדר איז נאר דרייא איילין הויך אבר ער ווייסט ניט די קראפט ווס אין אלכסנדר איז אונ זיי זעצין אום אצייט מלחמה צו האלטון אונ זיי גייען ביידע אונ פעלד אריין אונ האלטון מלחמה מיט אננדר אונ ווי זיי שלאגין זיך ווערט אגרוס גישריי אונ דעם חיל פון פורוס אונ ווי ער קערט זיך אום צו זעהן וואס דס גרוסע גישריי בטייט אזו שלאגט אים אלכסנדר מיט דער שווערד אוף זיין קאפ אונ פורוס פאלט אנידר טוט אזו הערשט אלכסנדר איבר דעם גאנצע קיניגרייך פון הודו אונ ער מאכט עס אונטער טעניג :

ער גייט פון דאנען צום לאנד אוקסדרקים אונ דאס פאלק הט אנאמן אין דער וועלט דארך זייער קלוגהייט אונ זיי שיקען אים אבריף צו וואס ווילסטו מלחמה האלטן מיט אונז קום בעסר צו אונז מיט פרידן מיר בגערן ניט מיט דיר מלחמה צו האלטון דען ביי אונז איז לוטער פריד אונ קלוגהייט אונ מיר ווארטן אוף דיר מיט שלום . ווי אלכסנדר הערט דס גייט ער צווייי מיט דריי שטארקי העלדן ווי ער קומט אהין זעהט ער וויא מענער אונ ווייבער אונ קונדר זיצען נאקיט ווי די שאף אוף דעם פעלד . ער פרעגט איינים הט איר ביא אייך איין בית הקברות אזוי ענפערט ער אונזערי לייבער איז אונזער באגרעבינעש ווען די נשמה שייד זיך אפ פון אונזער לייב אזו לעבן מיר ווי פריער . ער פרעגט ווידר אנדערן וועלכע זענן מער צו די טוטע אדער דיא לעבידיגע אזו ענטפערט ער ביי אייך זענין די טוטע מער אבר ביי אונז זענין אלע לעבידיג . אזו פרעגט ער ווידער אנדערן ווער איז קליגר צו דר מענטש אדר די ווילדע חיות זאגט ער דער מענטש איז דער קלוגסטר . אזו פרעגט ער ווידער אנאנדערין ווער איז דר ווס זאגט קיין מאל ניט קיין ליגענט זאגט ער אים דער ווארהאפטיגער גאט דער זאגט קיין מאל ניט ליגינט דען ער איז אליין דר אמת . אונ ער פרעגט ווידער אנדערן וועלכי זייט איז בעסר אי מענטש די רעכטי אדר די לינקע זאגט ער ביי אייך איז בעסר די רעכט זייט אבר ביי אונז די לינקע זייט דען אוף דער לינקע זייט ליגט דס הארץ ווס דאס לעבן הענגט דראן . ווען איין פרויא הייבט אן איר קונד צו זייגי

זייגט עס צום ערשטן מיט דער ליגנר ברוסט . אוך די מלכים טראגין די ריט פון מכות אונ דר ליגנער האנד · אונ דר נאך זאגט ער זייא בגערט איר עפים ווס איך זאל אייך געבן אזו שרייען אלע מיט אגרוס קול גיב אונז דם אייביגע לעבין אזו זאגט ער זיי דם קאן איך אייך ניט געבין ווארום איך האב ניט דר ממשלה צו טאן . אזו זאגן זיי צו אים אז עס איז יוא אזוי דוא ווייסט דאך דו וועסט שטארבן ווארום האסטו אזו אגרוסע מוה אונ לוסט צו בצווינגן אונטער דיר די גאנצע וועלט אונ דוא ווייסט ניט וועמן דו וועסט דיין פר מעגין לאזין נאך דיין טוט ענטפערט ער זיי דר אלמעכטיגר גאט הט גיבאטין אז מיר זאלין זיין קנעכט צו די ווס נאך אונז וועלין קומן אונ צוא דעם זענן מיר אלע בשאפן גיווארון אונ איך וואלט גערן אז איך זאל זיצען אין מיין הויז נאר דר גאט ווס אין זיין האנד זענן אלע לעבעדיגע וויל מיך ניט לאזין רוהן . אונ אלכסנדר שליסט מיט זיי פריינשאפט אונ גייט זיין וועג ער שרייבט צוא זיין לערהר אריסטוטלוס אזוי אזו צוא זאגן אז איך בין גיקומן צו דעם לאנד פרסיאקין אוף איין אינזעל אזו האב איך גיפונן מענר אין גישטאלט פון ווייבער אונ ווייבער אין גישטאלט פון מענר אונ זיי עסין נאר לעבידיגע פיש אונ רעדן יוניש זיי האבן מיר גיזאגט דם אוף דם אינזל איז בגראבן איין אלטר מאן ווס הט פר אלטע צייטן גיקיניגט זיין נאמן איז קינן דר זון פון אנוש ער איז גיוועזן זייער קליג אונ הט גיוויסט אז גאט וועט ברענגן אמבול אוף דר גאנצער וועלט אין דיא טעג פון נח הט ער דם אויף גישריבן אויף אשטיין צוא אגידעכינש · דעם טאביל האב איך מיט מיינע אויגין גיזעהן אונ דם גישריפטץ איז אוף לשון הקודש . אונ נאך דעם האב איך בצווינגן דם גאנצי לאנד הודו אונ איך בין דער נאך גיקומען צו דעם לאנד סמידמים אונ דארט הערשט איין פרוי איבר זיי איר נאמן איז קנדקי אונ זיא איז זייער שיין אזו שיק איך צו איר אבריף אזו צו זאגן נון דר אפ גאט אמון האט זיין וואנונג אוף איין הויכען בארג אין דיין קינעגרייך אונ מיר זענן זייני דינער דרום וויל איך גיין צום בארג איך זאל מיך צו אים ביקען אונ אז דוא וועסט אונז ניט לאזין וועל איך מיט אייך מלחמה האלטן אזוי ענטפערט מיר די קיניגן מיר ווייסן שוין פון לאנג דם דר אפ גאט אמון איז שטענדיג אין דיין הילף אונ זיא האט מיר גישיקט הונדערט גאלדעני לעפיל גימאכט אוס ריין גאלד יעדר לעפיל וועגט אפונט אונ אוך זייער פול פעריל אונ איין קרון פון דעם אפ גאט ווס איז בזעצט מיט פול דימיטין איר גיוויכט איז גיוועזן הונדערט פונט אונ פינעף הונדערט פונט גוט גווירץ אונ דרייצען לעמפערטען אונ זעקס לייבען אונ פערצין אנדערי ווילדע חיות אונ אויך ניינציג הונד ווס עסין מענטשן אונ דרייא עלפאנטען אונ אוך אכט טוזינט בעטין ווס זענן גימאכט גיווארען אוס דעם פיינסטע האלץ איך האב מיר אבער פאר גינומן צו זעהן איר קינעגרייך אלס אבר די קיניגן האט גיהערט אז איך האב לוסט צו איר צו קומן אונ זיא הט גיהערט מיין שטייגער אז איך

טוא מיך פר קליידען אונ גייא אליין אום זעהן די לענדער אזו האט זיא גיזאגט שטילערהייט אוף מאלין מיין גישטאלט אוף אטאביל אז ווען איך וועל צוא איר קומן זאל זיא מיך גלייך דר קענן אונ איך האב פון דעם גאר ניט גיוויסט אונ קנדקלים דר זון פון דר קיניגין קנדקי גייט צו דעם חיל פון אלכסנדר אונ זייא פירען אים צום הויפט מאן תלמירה ער פרעגט אים ווער ביסטו ואגט ער איך בין דער זון פון קנדקי אונ איך בין גיקומן צום קיניג אים צו דר ציילין אזאך פון דעם קיניגרייך פון די ווייבר וואס הייסן אמזונס איך בין מיר גיגאנגען מיט מיין ווייב אונ מיינע לייט שפאצירן אזו איז איבער אונז גיפאלין דער הויפט מאן פון די אמזונס אונ האט מיין פאלק טוט גישלאגן אונ מיין ווייב אוועק גינומן דרום בעט איך דעם קיניג אלכסנדר אז ער זאל מיר העלפן אזו גייט תלמירה אונ זאגט עס צו אלכסנדר :

יאמר אלכסנדר זאגט צו זיין הויפט מאן אנטיגנים טוא אן מיינע קליידער אונ די קרון אונ זעץ דיך אוף מיין שטול אונ זיי דו קיניג אונ מיך זאלסטו רופן אנטיגנוס אזו טוט אנטיגנוס אזו אונ זעצט זיך אוף דר שטול אונ לאזט רופן דעם קנדקלים ער זאל קומען צו אים אזו איז ער גיקומן צו אים זאגט דר אנטיגנוס צו זיינע קנעכט רופט מיר מיין ווארהאפטיגן מאן אנטיגנוס אזו רופן זיי דעם אלכסנדר זאגט אנטיגנוס צו אים הער צו וואס איך וועל דיר זאגן אז דר מאן איז אזון פון דר קיניגין קנדקי ער איז גיקומן אונז כבוד אן טון אזו האט אים בגעגינט דר הויפט מאן פון די אמזונס אונ האט אוועק גינומן זיין ווייב זאגט אלכסנדר מיין קיניג אויב דו וועסט מיר גיביטן וועל איך נעמן דיין חיל אונ וועל בשירמן זיין ווייב זאגט אנטיגנוס מיר וועלן שיקען צו אים בעטן מיט גוטן ער זאל אים אפ געבן זיין ווייב אונ ווען ניט וועלין מיר מיט אים מלחמה האלטן זאגט אלכסנדר זאל איך גיין צוא אים זאגט אנטיגנוס גיי . דא שיקט אלכסנדר איינעם פון זיינע קנעכט צום הויפט מאן פון דיא אמזונס אזו צו זאגן דר קיניג אלכסנדר האט בפולן אז דו זאלסט צוריק געבן קנדקלים ווייב וואס דוא האסט אוועק גינומן אז ניט וועל איך וויסען וואס דיר צו טון ווי דר הויפט מאן לייענט דעם בריף דר שרעקט ער זיך זייער אונ שיקט אפ דם ווייב אונ זיא איז גיקומן פר דעם אלכסנדר אזו פאלט זיא אוף אירע קניה אונ ביקט זיך מיט איר פנים צו דער ערד זאגט אלכסנדר שטיי אוף אונ פאל ניט אוף דיין פנים דען איך בין ניט דר קיניג נאר זיין הויפט מאן אבר ווען דוא וועסט קומן פר אלכסנדר ער זיצט אוף זיין שטול אונ דיין מאן איז ביי אים דא זאלסטו אים כבוד אן טון . אין דריטן טאג ברענגט אלכסנדר די פרוי פר אנטיגנוס וואס ער זיצט אוף דר שטול ווי דר קיניג אונ אז קנדקלים זעהט זיין פרוי פרייד ער זיך זייער אונ אלכסנדר זאגט צום אנטיגנוס מיין הער איך זאג דיר אז דר הויפט מאן פון די ווייבר אמזונס וויל זיין דיין קנעכט אונ ווען ער וואלט גיוויסט דאס קנדקליס וועט גיין צוא דיר וואלט ער זיא ניט גינומן אזו פאלט די פרוי אוף אירע קניה אונ ביקט זיך פר אנטיגנוס אונ

קנדקליס האלזט דעם אלכסנדר דעם הופט מאן אונ קישט אים אונ זאגט
צו אים קום מיט מיר צוא מיין מוטר אזו וועל איך דיר געבין גרוסי מתנות
זאגט אלכסנדר ווען דר קיניג וועט מיר ערלובין אזו וועל איך גיין מיט גרוס
פרייד דען איך האב נאך פון לאנג לוסט צו זעהן דיין מוטער די קיניגן אזו
קומט קנדקליס צו אנטיגנוס דען ער מיינט אז דס איז דר קיניג אונ ער זאגט
מיין הער אוב עס איז גיפעליג אין דיינע אויגן אזו שיק דיין הופט מאן אנטיגנוס
מיט מיר צו מיין מוטר איך וועל אים פול גוטס טון זאגט ער איך וועל אים
שיקן מיט אבריף צוא דיין מוטר אבר דוא זאלסט אים אפ שיקן גאנץ אונ
גיזונד גלייך ווי ער ברענגט דיך מיט דיין ווייב גאנץ גיזונד אזו גייען זיי צו
זאמן אלכסנדר אונ קנדקליס אונ ער מיינט אז דס איז אנטיגנוס. ווי זייא
קומן צו דר קיניגן דר ציילט קנדקליס אלץ וואס אים הט זיך פאסירט אונ דיא
קיניגין ערקענט אבר גלייך אלכסנדר דען זיא האט זיין פאטרעט אבר זיא
שווייגט. אונ צווייטן טאג פירט זיא דעם אלכסנדר אונ דעם צימער אריין וואס
איז גיבויט פון דימינטע אונ פון גאלד אונ דער באלקן איז אום גאלד אונ
דארט איז דא גילדעני בעטן בשטעקט מיט לוטער דימינטען אונ עס איז אויף
זיי אום גימאלט רייט וועגן מיט פערד אונ כלי זיין אויס לוטער גאלד אונ
דימענטן דו פערד זעהן בשלאגן מיט גאלד אונ קעגן איבר איז גמאכט אטייך
פון גאלד אונ ארום אים שטעהן בייטר מיט גילדעני פרוכטן. אונ אנדערן
טאג פירט זיא אים אין איין צימער וואס איז פון עדל שטיין אונ ווער עס טראגט
דעם שטיין ביי זיך ווערט דר פילט זיין ווילן צו גוטן זאגט אלכסנדר די
שיינע צירינגן דארפן זיין ביי די יונים ניט ביי אייך ענטפערט די קיניגין דו
אלכסנדר ביסט ארעכטר נאר דען ווער זענט איר דען איר יונים אונ וויא ער
הערט דס זי הט אים גירופן ביי זיין נאמן ערשרעקט ער זיך אונ זאגט גנעדיגע
קיניגין מיין נאמן איז ניט אלכסנדר נאר אנטיגנוס מיין הער אלכסנדר האט
מיך גישיקט צו דיר מיט זיין בריף אונ וויא אזו קאנסטו מיך רופן מיט דעם
נאמן פון קיניג אזו זאגט די קיניגן צוא אים דוא קליגער מאן קום מיט מיר
וועל איך דיר ווייזן אז דו ביסט אלכסנדר אונ זיא גייט מיט אים אין איר
צימער אריין אונ ווייזט אים זיין פאטרעט הענגט אויף דר וואנד אונ זאגט צוא
אים ווארום ביסטו אזו דר שראקן ביסטו ניט דער מאן וואס הט אונטער טעניג
גימאכט דס לאנד פון פרס ומדי אונ האסט דר שלאגן דעם קיניג פורוס דוא
האסט גימאכט ערשרעקן די גאנצע וועלט אונ ווי איז אצונד דיין קלוגהייט
אז דו ביסט גיפאקן אין איין פרווען האנד אריין אן אשווערד אזו איז אלכסנדר
זייער בייז גיווארן ער וויל זיך אליין הארגנען אונ אויך די קיניגין. וויא דיא
קיניגין קנדקי זעהט זיין צארען זאגט זיא דוא זאלסט דיך ניט פארכטן דען
וויל דו האסט גוטס גיטון מיין זון וועל איך דיך בשערמן עס זאל דיך קיין
בייז ניט טרעפן נון מיין יונגסטר זון איז איין איידם פון קיניג פורוס פון הודו
אונ די האסט זיין שוועער ערשלאגן מיט דער שווערד אונ ווען ער זאל וויסען

דס דו בישט דר אלכסנדר וואלט ער דיך טוט גישלאגן אבר איך וועל דיך גיט אום געבן צוא קיין שום מענטש און איך וועל דיך רופן אנטיגנוס פאר אלע מיינע קונדר און זיא גייט מיט אים צו איר זון קנדקלים · זיא זאגט צו איר זון דר אנטיגנוס וויל אהיים ציהן צוא זיין קוניג אלכסנדר און ער האט בשירמט דיך און דיין וייב פון דעם פיינד און מידארף עם באלוינן און צו שיקן אמתנה צו אלכסנדר דען ווען ער וואלט אונז ניט גיהאלפן אזוי וואלט איך שון קיין מאל ניט גיזעהן מיין זון קנדקלים מיט זיין וייב · אזו זאגט איר יונגקווייר זון ברברון מיינע גינעדיגע מוטר דוא האסט רעכט און אלעם אבר מיין וייב הט לוסט אים צו טייטן וייל ער איז אגרוסר הער ביי אלכסנדר וואס הט אומגיבראכט איר פאטר דעם קיניג פורוס זאגט די קיניגין וואס וועט איך דען דס ניצען וועט איר דען מיט דעם אונטר טעניג מאכן דעם שטארקן קיניג אלכסנדר און קנדקלים זאגט מען וועט אים גאר ניט טון נאר אפ שיקן בשלום ווען דר אלכסנדר אליין זאל דא זיין וואלטן מיר אים טויט גישלאגין אבר אצונד אז דר קיניג אליין איז ניט דא מוזן מיר אים אפ שיקן מיט פרידן · ווי די קיניגין קנדקי זעהט דס זאגט זי צו זיי שווייגט שטיל און לאזט מיך איבר קלערן וועלכר עס איז גירעכט און זיא נעמט דעם אלכסנדר און פירט אים אין איר צימער אריין און זאגט צו אים גיב מיר איין עצה דו זעהסט דאך דס איבר דיר ווילן זיך מיינע קונדר איינר דם אנדרן טוט שלאגן אזו זאגט ער פיר מיך צו זיי וועל איך אליין מיט זיי רעדין און זיא פירט אים צו זייא אזו זאגט ער איך בין אין אייערי הענד איר קענט מיך טייטן אבר איר וועט מיט דעם מיין הערין קיין לייד ניט אן טון דען ער הט פול בעסערע הערין וויא איך בין און אז עס וועט אים באנג טוהן אזו וועט ער אוף אייך קומן מיט דר שווערד און וועט פר וויסטן אייערי לענדר אבר ווען איר וועט מיך לאזין צו פרידן און וועט מיר געבן מתנות אזו וועל איך מיין הער איבר רעדן און וועל אים פירן צו אייך און אייערי הענד אריין. אזו זאגט די קיניגין דיא עצה פון דעם אנטיגנוס איז גוט און נאך מער זאג איך ווען ער וועט האלטן זיין ווארט וועל איך אים מאכן פאר איין הויפט מאן ביא מיר · אזוי באריהיגן זיך אירע קונדר און זי פירט איהם צוריק אין איר צימר אריין און זאגט צו אים אצונד ווייס איך אז דו בישט אהבם און נאט איז אין דיין הילף · זיא גיט אים אקרון מיט פיל איידיל גישטיין פון צוויי צענטין גאלד און איין פאנציר פון פעריל מוטער און אקלייד פון זייד דארך גיוועבט מיט גאלד און לאזט אים בגלייטן און ער קומט מיט פרידן צו זיין חיל :

און מארגין פריא זעצט זיך אלכסנדר אוף זיין שטול און דיא קרון אוף זיין קאפ און ווי די לייט פון דר קיניגין קנדקי זעהן דס וואנדרן זיי זיך זייער און ער זאגט צו זיי איר זאלט וויסן דאס איך בין אלכסנדר מוקדון און איר גייט אין פרידן דען איך האב גישווארן אייער קיניגין איך זאל אייך קיין שלעכטס ניט טון · נון ליבר לערער אריסטוטלוס דא טוא איך דיר צו וויסן

דיא ווינדערליכע זאכן פון דער וועלט אונ טוא בעטן פון מייגעט וועגן דעם
גאט פון הימל וואס איז דער הערשר פו דער וועלט :

## דער צוועליפטער פרק

דא ווערט דער ציילט דס האנדלונג פון אלכסנדר מיט דער
קינינגן פון דיא ווייבער וואס ווערין אן גירופען אמזונס :

אין אצייט ארום גייט אלכסנדר צו די אונזקן פון די ווייבר ווס ווערן גירופן
אמזונס אונ ער שיקט צו זיי איין בריף אזו צוא זאגן איר הט גיהערט
ווי איך האב גימאכט אונטר טעניג אלי קינעגרייכן אונ אצונד וויל איך אייך
אונטער טעניג מאכען דרום זאלט איר בעטין גאט אוף מיין פריד אונ ווען
ניט וועל איך פר ווסטן אייערי לענדר אזו שרייבן אים די ווייבער צוריק דוא
האסט וואל גיהערט דס מיר זענן אוך גילערונט צו אמלחמה דען מיר זיצען
צווישן טייכר אונ אונזלן עס איז קיין וועג ניט דא צו אונז צוא קומן נאר איין
שמאלר וועג אוך הט דר טייך קיין גרונד מען זאל אים אפ שטעכן אונ דיא
יונגע פרויען פון אונז זיצן אין מיטען פון די אונזקן אונ די ווייבר וואס האבן
מאנן זיצן ביים וואסער אונ זייא האבן ניט ביי זיך קיין מאן דען דיא מענער
זיצן אוף יענער זייט אונ היטן די שאף זייא קומן ניט צו אונז נאר ווען מיר
בגערן זייא אזו קומן זייא מיט דער צאל דארך דעם בפעל פון אונזער קיניגין
אונ וויא באלד דיא ווייבר ווערן טראגינדיג פאר טרייבן מיר זייא ווידער צוא
היטן די שאף אונ דיא פרויען ערציהן דיא קינדער ביז זיבן יאר אונ דער נאך
שיקען זיי די זכרים צו זייערי פעטר אונ די נקבות בלייבן ביי אונז אונ מיר
לערנן זיי רייטן אוף פערד אונ מלחמה צוא האלטן מיט דער שווערד נוא
ווי אזו האסטו דיר איינגיבילדט צו קומן צו אונז מלחמה האלטן אויך שעכטן
מיר אלי יאר פול פערד צוא דיא אפ געטר זיאוס אונ פורינוס אונ זייא
העלפן אונז מלחמה צוא האלטן אונ אוך אז מיר האבן תמיד מנצח גיוועזן
אונזערי פיינד האבן מיר באקומען איין גרוסן נאמן אבר ווען אונזערי פיינד
וועלן אונז אצונד מנצח זיין וועלן זייא ווייניג רוהם האבן דען זיי זענן מענר
אונ האבן בצווינגן ווייבער אונ וויא אזו קען מען זיך רוהמן איך האב איין
פרויא גישלאגן דרום אוב דוא באגערסט פריד וועלין מיר מיט דיר פריד
שליסן · ווילסטו אבר מלחמה האלטן אזו ווערסטו אונז גיפונן בייא דעם בארג
מיר וועלין דיך זאט מאכן מיט מלחמה ווי אלכסנדר לעזט דעם בריף לאכט
ער אונ שרייבט צו זיי אוב איר ווילט איך זאל קומן אין אייער לאנד אריין
צוא פאר ווסטין אזו שטעלט אייך בייא דעם בארג אונ אוב איר בגערט גינאד
אזו קומט צוא מיר איבער דעם טייך אזו וועל איך אייך גאר קיין שלעכטס
ניט טון אזו שיקן זיי נאך איין בריף צוא אלכסנדר אזו צו זאגין גינעדיגר הער
מיר בעטין דיך קום צוא אונז מיר וועלין דיר גיבן הונדרט צענטין גאלד אונ
פינף הונדערט שייני פרויען אונ הונדערט אונ צוואנציג שטארקי פערד אזו
גוט ווי דאס פערד בוציפאל · אונ אלכסנדר גייט איבער דעם טייך אונ קומט

צו די אונזלן אונ בזעהט די אמזונס ווי זיי זענן. זיי זענין זייער היפש אונ גקליידעט גלייך וויא דיא יונים אונ ער נעמט פון זייא צוויי. פון זיי איז ער גגאנגן צום טייך אנטלנטא אונ גפינט דארט פול ווילדע מענטשן אונ חיות אונ מענטשן מיט הונטס קעפ. פון דאנן נייט ער אין איין לאנד וס איז אויף דעם וואסער זיבן מייל דארט גפינט ער דיא שטאט אליאוס דיא מויער פון איר איז לאנג הונדרט אונ צוואנציג מייל גצירט מיט לוטר גאלד אונ דימיטן אונ אין דער שטאט איז אטעמפיל פון דער זון אזוי דינט אלכסנדר אויך צו דער זון פון דארט גייט ער צוריק צום לאנד פרס אונ נעמט מיט פול גאלד אונ זילבער :

## דער דרייציטער פרק

דא ווערט דער צייקט דאס בשרייבונג פון אלכסנדרס טוט :

אונ אצייט ארום טראכט אלכסנדרס ערשטר מיניסטר אנטיפרוס אים צו פר סמן ער שיקט דעם סם צוא זיין ברודר אליאוס. איינמאל ווערט אלכסנדר צארנדיג אויף אליאוס אונ ער שלאגט אים. ניט לאנג דער נאך מאכט אלכסנדר אגרויס מאלצייט אונ אליאוס דער מאנט זיך אן דעם וואס ער האט אים גשלאגן אונ ער גיט אים אין וויין אריין סם. אין איין שעה דער נאך תאפט אים אן אגרויסער שמערץ גלייך מען וואלט אים אפייל דורך זיין הארץ גשאסן ער האט גלייגט זייני ביידי הענד אויף זיין הארץ אונ איז גשטארבן אונ זיי האבן אים גלייגט אויף אוואגין אונ האבין אים גפירט פון בבל קיין מצרים אונ האבן אים בגראבן אין אלכסנדריא וואס ער האט אויף גבוט. אונ דס לעבן פון אלכסנדר איז גוועזן דרייסיג יאר דען צו אכטצעהן יאר האט ער אן גהובן מלחמה צו האלטן אונ ווען ער איז אלט גוועזן צוויא אונ צוואנציג יאר הט ער שון צוויי אונ צוואנציג קיניגרייכן אונטער טעניג גמאכט ער האט רעגירט צוועלף יאר דען צוא צוואנציג יאר איז ער גקריינט גוואָרן פון זיין פאטער פוליפוס :

## דער פערציטער פרק

דא ווערט דער צייקט דיא מעשה פון דעם
קיניג תלמי מיט די קלוגע לייט פון יהודה :

דער קיניג תלמי פון מצרים האט גרוס לוסט גהאט צו לערנן אוס ביכער די קלוגהייט ער שיקט דיא צווייא הערן אריסטיאוס אונ אנדריאוס אז זייא זאלן דיא ביכר פון פרס ומדי ברענגן. אונ זייא האבן גברענגט ניין הונדרט מיט פינף אונ ניינציג ביכר אזו פרייד זיך דר קיניג. זאגט צו אים אריסטיאוס דיין מיה איז אומזוסט דען דיא אלי ביכער וס מיר האבן איין גזאמלט איז לוטר נארישקייט אבער ווען דעם קיניג גפעלט זאל ער שרייבן קיין ירושלים צום כהן גדול ווט ער דיר שיקן קלוגע לייט אונ ווערן דיר באשיידן זייערי ספרים. אונ דער כהן גדול שיקט אים זיבציג אלטי כהנים

קלוגע אונ גלערינטע אוך אלעזר הכהן וואס איז אום גברענגט גווארן אין די צייטן פון אנטיוכוס הרשע אונ דער קיניג אנטפאנגט זיי מיט גרוס כבוד אונ זעצט יעדין אין אבזונדר הוז אונ יעדר זעצט איבר די היליגי תורה אוף יוניש אונ ווי זיי זענן פארטיג גווארן אזו לאזט דער קיניג זיך פאר לייגן די ביכר יעדן בזונדר הט ער גזעהן דס איינר פון אנדערין הט קיין ווארט ניט פר ענדרט פרייד ער זיך זייער אונ זאגט צו אריסטיאוס אונ אנדריאוס גאט זאל אייך בגליקן פר אייער עצה יעצט ווייס איך דס די ביכר פון די יהודים זענין ווארהאפטיגר אלס אנדרי ביכר. אינ צו אלעזר הכהן מיט די איבריגע כהנים שענקט ער פול גאלד אונ זילבער אונ קליידער אונ שיקט זייא קיין ירושלים אונ גיט יעדן הונדרט גולדנע דוקאטין:

## דער פופציטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמה פון אנטיוכוס הרשע מיט ירושלים אונ נאכט ווידער

וויא אנטיוכוס הט גקינוגט איבר מצרים האט ער גלאזט מאכן אגולדינעם בילד מיט זיין גשטאלט אונ האט עס ארום גשיקט פון איין לאנד צום אנדרן כדי יעדר זאל זיך צום בילד ביקן אונ זאל עס מאכן פאר אגאט אונ אלי פעלקר טוהן זיך ביקן צום בילד אונ עטליכע פון די פריצים דר אלקומוס מיט זייני גזעלן גייען צו אנטיוכוס צו ביקן זיך צום בילד אונ רייצן אים אן ער זאל שלעכטס טון צוא די יהודים. דעמאלט האט מען גזעהן אין ירושלים צווישן הימל אונ ערד פערציג טאג פייערדיגי פערד אונ זייערי רייטר טראגן אין זייערי הענד גוועהר אוס גאלד אונ זילבר אונ קופער אונ אייזן אונ זיי שטרייטן איינער מיט דעם אנדרן פערציג טאג לאנג. אונ דיא גלערינטע ערקלעלין דס פון הימל ווערט נאכט מלחמה האלטען מיט אונזערי פיינד אונ אנטיוכוס הרשע ווערט באלד פאלן אין אונזרי הענד אריין האבן די שלעכטי לייט גזאגט צו אנטיוכוס עס איז אצייכן גזעהן גווארן אין ירושלים אזו האבן אונזרי יהודים פון ירושלים גזאגט אז דס באווייזט דאס דער קיניג אנטיוכוס ווערט באלד שטארבין אונ זייא פרייען זיך דריבער אזו פאר דריסט דאס דעם אנטיוכוס אונ ער קומט קיין ירושלים מיט זיין חיל אונ ער באצווינגט זיא אונ דער שלאגט דאס פאלק אונ פאנגט אלע קלוגע אונ פרומע וועלכע זענין אין ירושלים. אונ די איבריגי פר יאגט ער. זיי מוזין זיצין אין דיא וועלדר אונ עסין דס גראז פון דעם פעלד אונ האט איבר גלאזט פול הערין אונ קנעכט פון זיין פאלק זיי זאלין פייניגין אונ פר דארבין די איבריגי פון ירושלים אונ יהודה אונ ער זעצט איבר זיי איין הער דעם פוליפוס הרשע ער בפעלט אים דס יעדר יהודי וואס ווערט זיך ביקן צו זיין בילד אונ ווערט פרעסין חזיר פלייש אונ ווערט פר שעמן תורת משה דר זאל לעבן בלייבין אונ ווער עס ווערט גיט וועלן טון דס גבאט דער זאל שטארבין. אוך בפעלט אנטיוכוס מען זאל ניט האלטין שבת אונ יום טוב אונ ניט צו בשניידין די קלייני קינדער אונ

דער פוליפוס בליבט איין הערשר איבר אלי יהודים אונ אנטיוכוס הרשע גייט צוריק צום לאנד מוקדוניאה אונ דר פוליפוס הרשע טוט ווי דער קיניג הט אים גבאטן ער הט ירושלים אונ יהודה שטארק גפייניגט :

אונ צווייא ווייבער האבען בשניטן זייערי קונדר אזו גייען שלעכטי לייט אונ זאגן דאס דעם פוליפוס הרשע אזו באפעלט פוליפוס אז מען זאל בייד ווייבר מיט זייערי קונדער אוף הענגין :

ואז אונ דענמאלט איז גחאפט גוואָרען דער פרומער מאן אלעזר הכהן אזו ברענגט מען אים פר דעם פוליפוס אונ ער זאגט צו אים דו ביסט דאך אקלוגער מענטש זעה וויא פול עס זענין אום גקומן וויל זיי האבן זיך ניט גוואלט ביקן צום בילד דרום זאג איך דיר ביק דיך צום בילד אונ עס חזיר פלייש וועסטו לעבן בלייבן ענטפרט אלעזר איך וועל ניט איבר טרעטן גאטס געזעץ. זאגט צוא אים פוליפוס וויל דוא האסט איבר גזעצט אייער תורה נביאים וכתובים פאר דעם קיניג תלמי אונ אויך איבר דיין עלטר האב איך מיך דער בארימט דרום גיב איך דיר אשטיק פלייש פון אייער שעכטונג אז דו זאלסט דאס עסין פר דעם בילד מען זאל מיינן דוא האסט גטון דאס גבאט פון אנטיוכוס אונ וועסט לעבן בלייבן :

אבר אלעזר זאגט צו אים איך בין ניינציג יאר אלט אונ האב מיך גהאלטן פון מיין יוגענד אן ביז יעצט אן דעם גאט פון דיא ישראלים אונ ווען איך וועל פר לאזין גאטס גבאט אונ וועל פר אום ריינגן מיין היילינקייט אזו וועלין די יונגע לייט זאגן ווען אלעזר הכהן דר אלטר מאן פר לאזט די תורה וועלין מיר אויך פאר לאזין די תורה. אונ ווען איר נעמט צוא דאס לעבן פון מענטשן ברענגט איר אים אום נאר פון דער וועלט אבר ניט פון יענר וועלט דרום וויל איך גערין שטארבין איצט דעם דאזיגן טוט אונ אלס פוליפוס הערט דס הייסט ער זיין פאלק זיי זאלן אים אונ אלע יהודים שלאגן מיט אום דער בארומקייט אונ ווי זיי שלאגין דעם אלעזר זיפצט ער אונ הייבט אוף זיינע הענד צום הימל אונ זאגט מיין גאט דוא ווייסט וואל דס איך האב גקענט בשירמן מיין לייב פון דעם ביטרן טוט אבר איך האב דיך זייער ליב אונ זאל מיך פון דיינט ווענן אזו שלאגן דס איך האב ניט קיין קראפט מער אום צו האלטן אבר איך טוא מיט פרגניגן ליידין דעם שמערץ אונ דער בארים דיך איבר דיין ארום פאלק אונ בשערים זיי ווייטר פון פיינדס האנד אונ ווי ער האט גיענדיגט צוא רעדן איז ער גשטארבין :

## דער זעכצעטער פרק

**דא** ווערט דער ציילט דיא גשיכטע פון דער פרומע חנה מיט אירע זיבען זון :

אמאל האט מען גחאפט זובן ברודער פון איין מוטר זיא האט גהייסין חנה אונ מען הט זיי גבראכט צו אנטיוכוס דען ער איז גוועזן ניט וייט פון ירושלים מיהאט גבראכט דעם ערשטן ברודר פר אנטיוכוס אונ ער רעדט מיט

אים אום אפ צו רעדן פון יודישן גלויבן אונ פון גאטס געבאט :
אבר ער זאגט צום קיניג וואס בגערסטו אזוי פול צו רעדן מיר וועלן דיך ניט פאלגן דען אונזערי עלטערן האבן אונז געלערנט מיר זאלן האלטן וואס מיר האבן צו געשווארין אונ זאלין זיך לאזין דאפיר הארגענן דרום טייט מיך גרי איך זאל קענן קומן צו גאט ווי דר קיניג הערט דם בפעלט ער מזאל אים אפ שניידן זיין צונג אונ הענד אונ פוס אונ אוך זאל מען אים אפ רייסן די הויט פון זיין קאפ אונ דם איבריגע לייב וועלכס עס הט נאך געלעבט גבוט אנטיוכוס אז מזאל צו גליען אקופרנע בלעך אונ אים דרויף ארויף זעצין ער זאל מער שמערצין ליידין ער טוט דם בדי דו איבעריגע ברודר זאלן דם צו זעהן אפשר וועלן זיי זיך בוקן אבער וויל זיי האבן צו געזעהן דם גרוסן קדושת השם פון זייער ברודר אזו טוען זיי זיך נאך מער שטארקן אונ זאגן כי ידין יי עמו ועל עבדיו יתנחם דם הייסט גאט ווערט זיך אן נעמן פר זיין פאלק אונ ווערט זייערי פיינד בשטראפן · אונ מען ברענגט דם אנדרי קונד זאגן אלע הערן צו אים הער צו די געבאט פון קיניג ענטפרט ער איילט אונ טייט מיך ווי מיין ברודר דען איך בין ניט בעסר ווי ער איך וויל לויבן דעם גוטן גאט אזו בפעלט אנטיוכוס מזאל אים אזו טון ווי מהאט געטון דעם ערשטן ברודר אונ דם קונד זאגט צום מלך ווייא דיר דו שלעכטר מאן מיינסטו דען דם דו נעמסט אונזערי נשמות פון דוא נעמסט נאר אונזערי שולדיגע לייבער דען אונזערי נשמות גיין גלייך צוא גאט אונ וועלן לעבן דם איביגע לעבן וואס האט קיין עק ניט אבר דוא אונ דיין נשמה ווערט זיין אין גיהנם · אונ מען ברענגט דם דריטע קונד וויל עס זיך פר דעם מלך ניט בייגן אונ זאגט ווייא דיר דוא שלעכטר מענטש מיר נעמן אן די שמערצן מיט גרוס פאר געניגן גאט ווערט אונז פר געבן אונזערי זינד אזו בפעלט אנטיוכוס מזאל אים טייטן מיט שווערי ליידן · אונ עס ווערט געברענגט דר פערדיר פר דעם קיניג אזו זאגט דם קונד דו שלעכטיר מענטש איך וויל ניט ווידער שפעניגן אן אונזער ליבן גאט דען קיין מענטש קאן ניט בשירומט ווערן פון דעם טוט דו ווייסט אליין ניט וויא דיין סוף ווערט זיין אבר דו זאלסט וויסן דם אונזער גאט ווערט פון דיר רעכנונג נעמין אונ דו וועסט פר לורין ווערן פון ביידע וועלטן אבער די יהודים וועלן האבן גרוס פרייד ווען גאט ווערט אויף וועקין די טויטע. אזו בפעלט ער אים צו טייטן · אונ מען ברענגט דעם פופטן אונ דם קונד זאגט דו שוטה זאלסט ניט מיינן גאט הט אונז איבר געגעבן אונ דיין האנד ארויין דען גאט הט אונז צו געזאגט דאס מיר וועלן קומן פר אים מיט גרוס כבוד אונ דוא מיינסט מיט דעם וואס דו ווילסט אונז צווינגן צו בוקן זיך צוא דיין ביילד ווערסטו דיך גרוס מאכן ניין דו וועסט דיך נאך ערגר פר טילעגין דען גאט ווערט פר טילגן דיין נאמן אונ דעם נאמן פון דיינע קונדר · אונ אנטיוכוס הייסט אים אוך טייטן אונ מען ברענגט דעם זעקסטין ברודער זאגט ער אצונד בקענין מיר אונזרי זונד אונ די זונד פון אונזערי עלטערין וואס מיר האבן געזינדיגט צו גאט דרום

ווילן מיר גערין שטארבן אונ דוא אום דער בארמיגר דו האסט דיר אונ דיין הארץ אריין גינומן מלחמה צו האלטן מיט גאטס קנעכט אום זוסט אבר ווען אונזער גאט וועט אן הייבן מלחמה האלטן קעגין דיר דא וועט ער דיך אום וארצלין אוף אייביג אנטיוכוס לאזט אים אויך טייטין · אונ מען האט דעם יבמין גיבראכט ער איז נאך גאר אקליין קינד אונ די היילגע מוטר חנה האט צו גיזעהן ווי מיהאט אום גיבראכט אירע קינדר אבר זיא נעמט זיך גאר גיט צום הארץ אונ איז פרייליך אונ זאגט אם הבנים שמחה הללויה די מוטר מיט י קינדר ווערין זיין פרייליך · אונ זי לויבט גאט אונ שטייט ביי אירע קינדער י כהנים אונ זעהט ווי מיווארפט זייערי גלידר אונ זיא הייבט אן צו זינגען זייגע קינדר איך וויים ניט ווי אזו איר זענט גיקומן אונ מיין בוך אריין איך האב ניט ניבלאזין אין אייער נאז אריין די נשמה איך האב אייך אויך גיט דר בויגין נאר גאט פון ישראל ער האט אייך גיגעבן דס לעבין אצונד האט איר אים אפ גיגעבין זיין נשמה אונ אייערי לייבר זענן גישטארבן איבער זיין היילגי תורה דרום וועט ער אייך לעבידיג מאכן צום אייביגין לעבין אונ צו די גרויסי פרייד ווס ער האט בהאלטן פר זיינע פרומי לייט וואל דר מוטער ווס האט אייך גיווינין גאט וועט מיט אייך זיין אזו ווי ער איז מיט אייערי עלטערן גיוועזן · אונ אנטיוכוס ווינדערט זיך זייער איבר דעם שטארקין הארץ פון דר מוטער אונ פוליפוס שעמט זיך אז איין אשה האט אים מנצח גיוועזן · אונ זאגט גנעהנט צו מיר דס קינד ווייל ער איז אזו קליין פיליכט וועל איך אים איבר רעדן ער זאל לעבן בלייבן כדי די אשה זאל זיך ניט בארימין דס זיא האט מיך מנצח גיוועזן · אונ מען ברענגט דאס קינד פאר דעם מלך ׃

אזוי זאגט דם קינד דו אלטער אונ אום דער בארימדיגער קעניג דוא ווילסט בצווינגן אקינד פון זובען יאר וואס שפעט פון דיר איך גלייב אן דער תורה פון גאט אונ וועל מיך ניט קערן צוא דיינע אונווירדיגקייטין אונ דארך די שמערצין ווס מיר ליידין ווערין מיר קומן אונ גן עדן אריין אונ דעם גרויסן ליכט ווס דארט איז קיין טוט ניט דא אבר דוא וועסט קומן אין שאול התחתון אין אונטרשטין גרוב אריין אונ אין פינצטערן שאטן פון טוט וועסט קיין רוה ניט האבן דיין לייב וועט זיך זעטיגין מיט אלערלייא שמערצין דען דוא ביסט איין בלוט שולדיגר אונ אפאלטשער מאן אונזער גאט וועט זיך דר בארומען איבר זיין פאלק אונ וועט אום גיסין זיין צארן אוף דיר · אונ אנטיוכוס ווערט צארונדיג איבר דעם קינד אונ הייסט אים נאך מער פייניגן אלס אלי ברודר ביז ער שטארבט אויך · אונ די פרומע חנה שטייט בייא אירע זובין טוטע קינדר אונ שטרעקט אוס אירע הענד קייגין הימיל אונ זאגט (עליץ לבי בה׳) עס פרייד זיך מיין הארץ מיט גאט (רמה קרני בה׳) גאט האט דער הובין מיין הערשאפט דען ער האט זיך איבר זיין פאלק מיט מייני קינדר גיטרייסט (רחב פי על אויבי) ער האט דר ברייטערט מיין מול איבר מיין פיינד דס ער האט ניט גיקאנט איבר ריידן איינם פון מיינע קינדר זיי זאלן דינן אונווירדיגע אפ געטר



אין

זין קָדוֹשׁ כֵּאלֹהֵינוּ) עס איז קיינער ניט אזו הייליג ווי אונזער גאט (אַל תַּרְבּוּ
תְדַבְּרוּ גְבוֹהָה גְבוֹהָה) איר זאלט ניט מער רעדען שטאלץ (כִּי אֵל דֵּעוֹת ה׳) דען גאט
ווייסט אלע זאכען אונ זיינע פיינד וועלין פר שניטן ווערן (אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָּא
אָנָּא ה׳ הַצְלִיחָה נָּא) איך בעט דיך גאט העלף מיר אונ בגליק מיך · אונ
ברענג מיך צו דיר דו פעלקיר זאלין מיך ניט פאר אום ברייינגען לאז מיך זעהן
דיא שטאט ירושלים אונ איר שיינהייט פון וועגין מיינע קונדער וואס זענען
גישטארבען אונ וועגין דיין הייליגער תורה אונ גיב מיר מיין חלק צווישן אלי
פרומע · אונ ווי זיא ענדיגט דס גיבעט אזו גייט איר אוס די הייליגע נשמה
אונ זיא פאלט אנידר אוף דר ערד אוף די לייבר פון אירע קונדער :

## דער זיבענצענטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווס יודן האבן גיליטן פון פוליפוס
הרשע אונ דיא מלחמות פון דיא חשמונאים :

אונ עס איז גיוועזן נאך דעם אזו ציהט אנטיוכוס אהיים צום לאנד מוקדוניאה
אונ באפעלט זיין הויפט מאן פוליפוס דס ווער עס וועט זיך מעלדן פר
איין יהודי זאל מען אים טייטון אזו הט פוליפוס פר טיליגט אלע יהודים · אונ
מתתיהו בן יוחנן כהן גדול איז אנטלאפן צום בארג מודעית אונ הט גישיקט
זיין זון יהודה ער זאל שטילערהייט זאגן אלי יהודים דאס ווער עס וויל זיך
קערן צוא גאט זאל קומען צו מיר אזו זאמלין זיך איין צו אים פיל פרומע
מענטשין אונ קומן מיט אים צו זיין פאטר מתתיהו דא זאגט מתתיהו מיט
פריד זאל זיין אייער קום מיר קענן ניט פיל רעדן נאר בעטין דעם ליבן גאט
ער זאל אונז העלפן אונ זייא בשליסין מלחמה צו האלטון מיט פוליפוס · ווי
פוליפוס הערט דאס זאמילט ער איין זייער פיל חיל אונ אויך פיל שלעכטע
יהודים אונ גייט מלחמה האלטן מיט מתתיהו אוף דעם בארג מודעית · אונ
זיי ניפען איין הייל מיט טויזנד יהודים ווייבר אונ קונדער ווס האלטון שבת
אזו גייט פוליפוס צו דר עפינונג פון דר הייל אונ זאגט צו די יהודים קומט צו
אונז אונ האלט דס גיבאט פון אונזער קיניג אנטיוכוס וועט איר לעבין בלייבן
זאגן זיי מיר האבן גישווארן אוף דעם בארג סיני אז מיר זאלן גאטס גיבאט
האלטון דרום טוט מיט אונז וואס איר ווילט אונ מיר ווילין ניט אפ טרעטן
פון אונזער ליבען גאטס גיבאט אזו לאזט פוליפוס הרשע אן לייגין איין גרוס
פייער ביי דעם עפענונג פון דר הייל אונ אלע ווערין דר שטיקט פון רויך · נייך
פוליפוס גייט פון דארט צום בארג מודעית אונ זאגט צו מתתיהו הער כהן
גדול פון ישראל טוא דאס גיבאט פון אונזער קיניג וועסטו לעבין בלייבין ·
ענטפערט מתתיהו איך וויל האלטון דס גיבאט פון מיין גאט דער קיניג פון
דער גאנצער וועלט · אזוי זאגט איין שלעכטיר יהודי מיר טוין דעם מתתיהו
בשטראפן ער נעמט א שווערד אונ האקט איין חזיר אפ דעם קאפ אונ ברענגט
אים אוף דעם מזבח פון די אפ געטר · ווי מתתיהו זעהט דס ברענגט אונ אים
דר צארן ער ציהט אוס זיין שווערד אונ שפרינגט אויף דעם מזבח אונ טייט

דעם יהודי מיט פול שונאים אונ זאגט זיי מיט זיין מחנה נאך ביז ער הט דס לאנד גירייניגט פון זיי אונ די יודן זעני גרוס גיווארן. אונ זיין צייט אונ הט אויך אלע שלעכטי לייט פר טיליגט :

(ויקרבו ימי מתתיהו למות) אונ ווי עס איז גיקומן די צייט אז מתתיהו זאל שטארבין רופט ער זייני פינעף קונדער אונ זאגט צו זיי איך ווייס וואל דס עס וועט זיך דר וועקן אגרוסי מלחמה קיגין אייך. ווייל איך האב פאר טיליגט אלע קנעכט פון אנטיוכוס דרום זאלט איר אייך שטארקן אונ גאטס גיבאט אונ זאלט ניט מורא האבין פאר פיל פאלק דען אונזער גאט קען העלפין פר זאמילט אייך איין אלי לייט גלייך ווי איין מאן מיט איין הארץ אונ האפט צו גאט. אונ ער זאגט צו זיין עלצטן זון שמעון גאט הט דיר גיגעבין קלוגהייט אונ דיין הארץ אביין דרום זאלסטו זיין צו דיין פאלק אונ צו דייני ברודר ווי א פאטר. אונ מתתיהו לאזט רופין דעם אנדערין זון יהודה אונ ער זאגט צו אים דו ביזט א שטארקר מאן דרום זאלסטו ניט זארגן דען גאט הט דיר גיגעבן שטארקייט זאלסט מלחמה האלטון גאטס מלחמות אונ זיי ניט טרויריג אונ פויל וועט דיר גאט העלפן אונ וועסט זיין איין כהן משוח מלחמה. ענטפערט יהודה מיין ליבער פאטר איך וועל טון ווי דו האסט מיר גיבאטן. אונ מתתיהו נעמט דס קריגיל מיט אייל אונ זאלבט אים פר איין משוח מלחמה אונ דס פאלק בלאזט מיט דעם שופר אונ זאגי עס זאל לעבן אונזער משוח מלחמה. אונ דער נאך איז מתתיהו גישטארבן. אונ זיין זון יהודה איז גיצוגין מיט זיין פאלק קיגין דיא שונאים אונ האט פון זיי גיטייט אכט טויזנט אונ צוויי הונדערט מאן אונ הט פר טיליגט פון די ישראל אלי שלעכטי אונ אפוליאנוס זאמילט איין אגרוס פאלק אונ קומט מלחמה האלטון מיט די יהודים אונ ווי זיי הייבין אן מלחמה צו האלטן דר זעהט יהודה דעם אפוליאנוס צווישין דעם פאלק מיט דעם פאנציר לופט ער מיט גרוס צארן אונ שלאגט די מוקדונים ביז ער קומט צום אפוליאנוס אונ טייט אים אונ דיא מוקדונים אנטלופין אונ יהודה מיט זייני לייט יאגין זיי נאך אונ טייטן פול פון זיי אונ נעמין גרויס רוב פון זיי אונ אוך דיא שווערד פון אפוליאנוס. וויא סרון דער הופט מאן פון מוקדון הערט דס זאגט ער איך וועל מיר מאכן איין גרוסין נאמן אונ וועל מלחמה האלטון מיט יהודה. ער זאמילט איין זיין גאנץ חיל אונ קומט ביז בית חורון אונ דס ווערט גיזאגט צו יהודה אזו ווארט ער ניט אוף זיין פאלק נאר גייט מיט ווייניג מענטשין אים אנטקייגין. אונ וויא עס לייכט דר מארגין אזו שרייט יהודה צוא די מוקדונים מיט גרוס גישרייא (לה' הישועה) ביי גאט איז די הילף ווערט דר שראקן דר יענעראל סרון אונ זיין פאלק אונ זיי אנטלופן אונ יהודה יאגט זיי נאך אונ דר שלאגט דעם סרון מיט פול חיל צום טוט אונ די איבעריגע זענין אנטלאפן :

וישמע אונ דער קיניג אנטיוכוס הט דער הערט דס צערונט ער זייער אונ זאמילט איין זיין פאלק אויך אלי קינעגרייך וס זענן אונטר זיין האנד

אונ ער שיקט זיין הויפט מאן ליסיאה ער זאל גיין איין נעמן דס לאנד פון יהודה וויל ער הט דר שלאגן זיינע צווייא הויפט לייט אונ שיקט מיט אים מיט זיין זון · אונ אנטיוכוס אליין גייט מלחמה האלטן מיט פרס. אונ ליסיאה דר וויילט זיך אום דרייא העררן וויא זאלין מיט אים מיט גיין דעם טולמיאוס אונ ניקנור אונ גריגוריאוס אונ פוס גייער פערציג טויזנט אונ זיבן טויזנט רייטער אונ ער זעצט איבר זיי דעם ניקנור ער זאל צום ערשטן מלחמה האלטן מיט די יהודים אונ ליסיאה הט צוריק גיקערט צו זיין לאנד מוקדון אונ ווי יהודה דר הערט דאס זאמילט ער צוין זיין פאלק אונ לאזט אויס רופען ווער עס הט מורא צו גיין אונ דר מלחמה אריין זאל זיך אום קערין אזוי האבן זיך פול אום גיקערט אונ עס איז נאר גיבליבן זיבן טויזנט גבורים וואס איינער קאן שלאגין אויף הונדערט אונ זיי האבן פר קיינער ניט קיין מורא:

אונ זייא ציהן ביז זייא קומן אקעגן ניקנור אונ יהודה גייט צו אים מיט אונטערטעניקייט אבר ניקנור קומט מיט שטאלץ. אזו טוט יהודה תפלה צו גאט אונ נאך דער תפלה שפרינגט יהודה מיט זייני שטארקי לייט אין דר מלחמה אריין אונ פר גיסן פול בלוט פון די מוקדונים ניין טויזנט מאן אוך דיא גבורים פון ארם אונ פלשת אונ נעמן אוועק פול זאך רוב אונ זייא רוען אין דר שטאט דען די מלחמה איז גוועזן אין ערב שבת:

אונ יהודה יאגט נאך די צווייא העררן פון מוקדוניא בגרוס אונ תמתיאוס ביז קיין עשתרות אונ הט זיי ניט גיכאפט אונ ווי ער יאגט זיי אנטלופט פוליפוס הרשע אונ פאר בארגט זיך אין איין הויז · יהודה קומט צו דעם הויז אונ צינדעט עס אונטער איז פוליפוס הרשע פר ברענט גווארן · וינקום אונ ער הט זיך גרעכינט אן אים דיא נקמה פון אלעזר הכהן אונ דם בלוט פון די פרומע וואס ער הט פאר גאסין · וישב יהודה משם · אונ יהודה הט גנומן פול זאך רוב אונ פירט עס קיין ירושלים אונ צו טיילט עס צו דיא ארימע לייט · אונ ניקנור הט זיך פר ענדרט די קליידר אז מע זאל אים ניט דר קענן אונ אנטלופט פון דער מלחמה קיין מוקדוניאה אונ דר ציילט דעם ליסיאה ווי עס איז אים דר גאנגן · אין דער דאזיגר צייט הט זיך אנטיוכוס מיט שאנד אום גקערט פון לאנד פרס אונ וויא ער הערט וואס יהודה הט גטון צו זיין פאלק ווערט ער זייער בייז אונ זאגט איך וועל גיין קיין ירושלים אונ וועל זיא פר וויסטן אונ גאט שיקט אויף אים איין בייזן גרונד אונ קראנקייטן אין זייני גדערים אבר אנטיוכוס הט זיך ניט גבעסרט אונ זאגט ווייטר איך וועל פאר וויסטן ירושלים אונ וועל זיי אלי טויט שלאגין · אונ אנטיוכוס זאמילט אין זיין חיל אונ זעצט זיך אויף זיין רייט וואגן אונ גייט מלחמה האלטן מיט יהודה אבר וויא ער איז גקומן אויף דעם וועג אזו ווערן זייני פערד דער שראקן אונ האבן אום גקערט זיין רייט וואגן אונ אנטיוכוס איז ארוס גפאלן אונ ער צוא ברעכט זיך אלי זייני ביינר אזו מוזין אים זייני קנעכט טראגן וויל ער קען ניט רייטן אונ ניט זיצן אין וואגן אונ וויל ער איז גוועזן איין

דיקער מאן הט זיין פלייש גישטינקן אונ דיא קנעכט וואס האבן אים גיטראגן האבן דעם ריח ניט גקאנט דר לייזן האבן זיי אים פון זייער אקסיל אוף דר ערד אראפ גווארפן :

אונ אנטיוכוס בקענט זייני זינד וואס ער הט גטון אונ זאגט גרעכט ביסטו גאט דאס דוא האסט מיך גישטראפט דען איך האב פול שלעכטס גטון דיין פאלק איך שווער דיר צוא אז דוא וועסט מיך היילן וועל איך ניין קיין ירושלים אונ וועל אן פילן די שטאט מיט זילבר אונ גאלד אונ קליידר אונ פעריך אונ וועל געבן אלי אוצרות פון מייני עלטרן אין בית המקדש אריין אונ איך וועל מיך לאזן באשניידן אונ וועל גיין פון איין קיניגרייך צום אנדרן אונ וועל אוס רופן אז עס איז ניט פר האנדן קיין גאט וויא דר יודישר גאט . אבר גאט הט זיין גבעט ניט צו גיהערט דען זיין הארץ איז ניט גאנץ מיט גאט אונ ווי ער לאזט היילן זיין לייב פאלט פון אים אפ זיין פלייש ביז עס זענין נור פון אים איבר גבליבן ביינר אונ ער שטארבט אין אפרעמד לאנד אונ זיין זון אאופטר קינוגט נאך אים . אונ יהודה דער זון פון מתתיהו כהן גדול אונ אלי פרומי קומן קיין ירושלים אונ זיי צו ברעכן אלי במות וואס די פעלקר האבן גמאכט אונ בוען איין נייא מזבח אונ שעכטן פול קרבנות אונ לייגן דם האלץ צו פר ברענין אבר עס קומט ניט דם פייער פון הימיל אזוי שרייען זיי צו גאט . קומט איין פייער צווישן די שטיינר פון מזבח אונ עס בלייבט ביז די יודן זענן פר טריב גווארן . דס בית המקדש איז גווארן באנייהט פינף אונ צוואנציג טאג אין כסליו אונ זיי מאכן חנוכה אכט טאג :

## דער אכצינטער פרק

דא ווערט דער צייילט דיא גרוסי מלחמות פון יהודה דר זון פון מתתיהו :

אונ אז דיא ישראל האבן גענדיגט חנוכה צו מאכן אזו גייט יהודה צום לאנד אדום קייגן גריגוריאוס אונ ער האלט מלחמה מיט אים אזו אנטלופט דם חיל פון גריגוריאוס פר יהודה אונ ער יאגט זיי נאך אונ טייט פון די אדומים צוואנציג טויזנט גבורים אונ די איבריגי אנטלופן אונ ער בצווינגט דם לאנד אדום אונ לייגט אוף זיי צינז אונ דר גריגוריאוס לופט צו דעם תמתיאוס אין לאנד ערב אונ תמתיאוס שיקט קייגן יהודה הונדרט טויזנט שטארקי העלדן פון די מוקדונים אונ ער גייט צו דעם לאנד גלעד אונ שלאגט דארט פול לייט . אזו שיקן די לייט פון גלעד אונ פון גלגל אבריף מיט איין גוויין אונ גבעט צו יהודה ער זאל זיי קומן צו הילף ווי יהודה הט דם גהערט אזו ווייילט ער אוס פינף טויזנט שטארקי העלדן אונ גייט אריבר דעם ירדן צו גיין צום לאנד גלעד אונ שמעון זיין ברודר נעמט מיט זיך דריי טויזנט העלדין אונ גייט מיט זיי קיין גלגל אונ טייט דעם זעלבן טאג צוויי טויזנט מאן אונ ער העלפט זייני ברודר אין גלגל אונ נעמט דאס זאק רוב אונ שיקט עס קיין ירושלים . אונ יהודה פארט איבר דעם ירדן אונ קומט קיין גלעד . אונ תמתיאוס איז גוועזן ביים בארג גלעד מיט פול פאלק . אונ יהודה

קיינן איבר אים מיט וויניג פאלק אזו רופט יהודה ה צו גאט מיט גישריי אונ זאגט איך בעט דיך מיין גאט העלף דיין פאלק ישראל אונ גיב אין מיין האנד אריין דס שטארקי פאלק אין היינטיגן טאג ׃ אונ ווי ער רופט צו גאט הייבט ער אוף זייני אויגן אונ זעהט וויא עס קומן פון הימל פינף יונגע לייט אוף פייערדיגי פערד אונ זייערי קליידר זענין פון גאלד אונ צוויי פון זייא קומן צו בשיצן צו יהודה מיט זייערי פאנצערס אונ דרייא גייען צקייגן תמתיאוס אונ וויא ער זעהט דס זאגט ער צו זיינע לייט זייט וויסן דס גאט הט גשיקט פון הימל פינף מלאכים מלחמה צו [illegible]טן פר אונז אונ יהודה מיט זיין פאלק דר שלאגן דעם טאג צוואנציג טויזנט אונ פינף הונדרט גבורים אונ תמתיאוס אנטלופט איבר דעם ירדן אונ קומט קיין עזה אונ ער זאמלט איין פול פאלק פון די פלשתים אונ האלט ווייטר מלחמה מיט יהודה אבר יהודה שלאגט אים אונ בלעגרט אים אין דער שטאט עזה אזו גייען דיא מוקדונים אוף דער טויער אונ פלוכן צו יהודה אונ לעסטערן גאט אזו דער ביירערן זיך צוויי יונגע לייט אונ נעמן די שווערדן אונ שפרינגן אוף דער טויער ביז זיי קומן צום טויער פון אינוויניג אונ האלטן מלחמה מיט זייא דר ווייל פר ברענן די חשמונאים פון אויסן וויניג דעם טויער אונ זיי שלאגין די איינוואונר פון עזה צוויי טעג דורך אנאנדר אונ תמתיאוס הט זיך פאר בארגין אין איין טיפן גריב דאס זיי האבן אים ניט גקאנט גפינן אונ זיי חאפן זיינע ברודר זיינען אנטלאפן צו אפוליאנוס אונ ברענגן זיי לעבדיג צו יהודה אזו לאזט ער זיי זייערי קעפ אפ האקן אונ זיי נעמן פול רויב אונ ברענגען עס קיין ירושלים אונ זינגען מיט גרוס נגאנג הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו ׃

## דער ניינצענטער פרק

דא ווערט דער ציילט דיא מלחמה פון
אאופטר דער זון פון אנטיוכוס מיט יהודה

אונ אז אאופטר הערט דס יהודה הט זיך גישטארקט איבר די מוקדונים אזו די חשמונאים האבן פר טיליגט אלי פעלקר פון היילגן לאנד אזו שיקט ער זיין פעטערין זון ליסיאה מיט אכציג טויזנט רייטר אונ אכציג עלפאנטן וואס זענין גילערנט צו מלחמה צום לאנד יהודה אונ זיי קומן צו דר שטאט ביתר אונ בלעגרין זיא אונ הייבן אן די מויער צוא צו ברעכין מיט אייזערני ווידער אונ יהודה מיט די חשמונאים האבן זיך פר בארגן אונ די וועלדיר פר מורא פון די שונאים ׃ אונ זיי האבן גיפאסט אונ גאט גיבעטין ער זאל זיי העלפן אונ נאך דעם איז יהודה גיגאנגן מלחמה האלטן פר די יודן וואס זיצן אין ביתר אונ ווי זיי גייען ארוס פון ירושלים דר זעהט יהודה צווישן הימיל אונ ערד איין מאן באקלייד מיט איין גילדין קלייד אונ ער רייט אויף א פייערדיג פערד אין זיין רעכטר האנד טראגט ער אשפיז קערט זיך אום יהודה מיט זיין רוקן צו די חשמונאים אונ זיין פנים אונ די הענד שטרעקט ער אום קיגן הימיל

אונ זָאגְט צוּ זַיין חַיִל איר זָאלְט אַייךְ נִיט פָארְכְטְן פַאר דִי מוּקְרוֹנִים דֶען אַיין מַלְאָךְ פוּן גָאט אִיז בַּייא אוּנְז גִילוּבְּט אִיז גָאט וָוס עֶר הָט אוּנְז גִישִׁיקְט אַיין מַלְאַךְ מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן פַר אוּנְז דְרוּם לוּפְט מִיט מִיר דֶען בַּיי אוּנְז אִיז דִי הִילְף אונ זֵיי לוּפְן אִים נָאךְ אונ קוּמֶען קֵיין בֵּיתַר אונ שְׁפְּרִינְגֶן צְווִישְׁן דִיא מוּקְדוֹנִים אונ זֵיי דֶר שְׁרֶעקְין זִיךְ זֵייעֶר אונ וֶוערִין פַר טוּמִילְט זֵיי טֵייטְן פוּן זֵיי עֶלִיף טוֹזוּנְד פוּס גֵייעֶר אונ דְרַייצֶען הוּנְדֶערְט רַייטֶער אונ לִיסִיאָה אַנְטְלוֹפְט מִיט זַיין מַחֲנֶה פַאר יְהוּדָה מִיט גְרוֹס בּוּשָׁה אונ לִיסִיאָה דֶער קֶענְט דָס גָאט הַאלְט מִלְחָמָה פַר דִיא יְהוּדִים אונ וִויל שָׁלוֹם מַאכִין מִיט יְהוּדָה אונ וִויא עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁרַייבְּט עֶר צוּ יְהוּדָה אַזוֹ צוּ זָאגֶן דוּ זָאלְסְט וִויסֶן דָס מַיין קֵינִיג וִויל מִיט דִיר שָׁלוֹם מַאכֶן אונ וִויא יְהוּדָה לֵייעֶנְט דֶעם בְּרִיף שׁוּקְט עֶר צְווַייא קְלוּגֶע מֶענְטְשִׁין יוֹחָנָן אונ אַבְשָׁלוֹם אונ נָאךְ אַנְדֶערִי יְהוּדִים מִיט אַבְרִיף דָס עֶר מַאכְט מִיט אִים שָׁלוֹם · אונ וִוי עֶס קוּמֶן דִי מֶענְטְשִׁין מִיט דֶעם בְּרִיף צוּא לִיסִיאָה אַזוֹ לֵייעֶנְט עֶר דֶעם בְּרִיף מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אונ טוּט אָן כָּבוֹד דִיא שְׁלוּחִים פוּן יְהוּדָה אונ שְׁרַייבְּט אַתְּשׁוּבָה צוּ יְהוּדָה אַזוֹ צוּ זָאגֶן · פוּן לִיסִיאָה דֶר אָבֶּרְסְטֶער יֶענֶערַאל פוּן אַאוּפְּטֶער דֶער זוּן פוּן אַנְטְיוּכוּס צוּא יְהוּדָה מָשׁוּחַ מִלְחָמָה דֶער עֶלְצְטֶער פוּן דִי יְהוּדִים פְרִיד צוּ אִים אונ צוּ זַיין פָאלְק זָאלְסְט וִויסִין דָס אִיךְ הָאבּ דַיין לִיבְּן בְּרִיף דֶר הַאלְטוּן אונ הָאבּ צוּ מַיין קֵינִיג אַזוֹי גִישְׁרִיבְּן וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גִיזֶעהֶן מִיט מַיינֶע אוֹיגִין דָאס גָאט אִיז דָא בַּייא דִיא יוּדֶען דְרוּם אִיז מַיין עֵצָה צוּא מַאכֶען שָׁלוֹם מִיט דִיא יְהוּדִים · אַזוֹיא שִׁיקְט דֶר מֶלֶךְ צוּ לִיסִיאָה אַזוֹ צוּ זָאגֶן דוּ הָאסְט זֵייעֶר רֶעכְט וָוס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דֶען מַיין פָאטֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן אונ הָט קֵיינְמָאל נִיט קֵיין שָׁלוֹם גִיהַאט מִיט לַייט אָבֶער אִיךְ וִויל פְרִיד הָאבְּן אונ אַלְס אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז דִיא יְהוּדִים הָאבְּן נִיט גִיוָואלְט פַאר שְׁוֶועכִין זֵייעֶר הֵיילֶעגִי תּוֹרָה דְרוּם הָאבְּן זֵייא גְרוֹס גְלִיק גִיהַאט אונ הָאבְּן פוּל אוּם גִיבְּרַאכְט פוּן אוּנְזֶער פָאלְק דְרוּם מַאךְ שָׁלוֹם מִיט זֵייא פוּן מַיינֶעט וֶועגִין מִיט גוּטֶע גִידַאנְקִין אונ מִיט אַגוּט הַארְץ בַּאנֶער אִיךְ שָׁלוֹם אונ זֵיי זָאלִין הַאלְטְן דִי תּוֹרָה וִוי דֶר לֶעבִּידִיגֶר גָאט הָט גִבָּאטְן · אונ דָס אִיז דֶער בְּרִיף וָוס אַאוּפְּטֶר דֶר זוּן פוּן אַנְטְיוּכוּס הָרָשָׁע הָט גִישְׁרִיבְּן צוּ יְהוּדָה אַזוֹ צוּ זָאגֶן דוּ זָאלְסְט וִויסֶען אַז אִיךְ הָאבּ בַּאפוֹילִין אִין אַלִי שְׁטֶעט עֶס זָאל אַייךְ קֵיינֶר קֵיין שְׁלֶעכְטְס גִיט טוּן דֶען מַיין פָאטֶר הָט שְׁלֶעכְטְס גִיטוּן קֶעגִין אַייךְ דְרוּם פַר גִיבְּט אִים זַיינִי עֲבֵירוֹת אונ פַר גִיבְּט מִיר מַיינִי עֲבֵירוֹת אונ בֶּעט צוּא אַייעֶר גָאט פַאר אוּנְז · אִינ אִיךְ שִׁיק צוּא אַייךְ מַיין פְרֵיינְד מְנִילָאס עֶר וֶועט רֶעדְן מִיט אַייךְ פוּן מַיינֶעט וֶועגְן :

## דער צוואנציגסטער פרק

דָא וֶוערְט דֶער צֵיילְט וִוי יְהוּדָה אַלֵיין אִיז גִיפַאלִין אִין דֶר מִלְחָמָה :

אונ בְּקִירוּס דֶער קֵינִיג פוּן מוּקְדוֹן קוּמְט אוֹיף יְהוּדָה עֶר אִיז דֶערְמָאלְט גִיוֶועזְן אִין לֶשֶׁם נָאר מִיט אַכְט הוּנְדֶערְט מֶענֶר אונ בְּקִירוּס בַּלֶעגֶערְט אִים אוֹף אַלִי זַייטְן מִיט פוּל פָאלְק זָאגְט יְהוּדָה אַצוּנְד בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ שְׁטַארְבְּן

פון נאטם וועגן דע: מיין שווערד אונ מיין פייל זענן שוין זאט פון בלוט פון די פעלקיר אונ ער נעמט דעם שופר אונ בלאזט אונ שפרינגט צום פיינד אונ די חשמונאים שפרינגן אים נאך אונ טייטן פול פיינד ביז זיי קומן צו בקירוס אונ ווי בקירוס קוקט זיך אום ערשרעקט ער זיך זייער פר אים אונ אנטלופט קיין אשדוד אונ וויא יהודה וויל זיך אום קערן בגעגינען אים די מוקדונים פון הינטען איז יהודה גיבליבן שטיין אונ האט אן גיהובן מלחמה צו האלטון דר וייל איז גיקומן בקירוס אונ יהודה איז גיוועזן זייער מיד אונ איז גיווארן דר שלאגן אזו נעמן אים זיינע ברודר שמעון אונ יונתן אונ באגראבן אים ביי זיינע עלטערון אוף דעם בארג מודעית מיט גרוס כבוד · אונ דיא ישראל האבן אים באוויינט פול טעג :

## דער איין אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וואס עס איז גישעהן נאך דעם טויט פון יהודה :

נאך דעם טוט פון יהודה טערן זיך די פיינד פון די יהודים אונ יהונתן דער ברודער פון יהודה איז גיווארן כהן משוח אונ ער גייט מיט ווייניג פאלק אונ פארט איבר דעם ירדן אבר בקירוס יאגט אים נאך אונ וויא יונתן זעהט דאס דיא מלחמה שטארקט זיך אנטלופט ער קיין באר שבע אונ זיצט דרונן מיט זיין ברודער שמעון אונ מיט די חשמונאים אונ בקירוס באלעגירט די שטאט פול יאר ביז זיי האבן גיהאט גרוס הונגר אזו זאגט זיין ברודער שמעון ווס זאלין מיר שטארבן אין שטאט פאר הונגער עס איז דאך בעסיר אום צו קומן אונ דר מלחמה ווי אונזער ברודער יהודה אונ ווי עס ווערט נאכט עפינט יונתן דעם טויער פון דער שטאט אונ שלאגט דעם בקירוס מיט אלי זיינע שטארקע העלדין אונ שמעון גייט דארך דעם אנדערן טויער אונ שלאגט זיין פאלק אונ דר בקירוס איז אין דר מיט אונ זיי פר ברענן אלי שאנצין וואס ער הט גימאכט ארום דר שטאט אונ זיי פאנגן דעם בקירוס אונ ער בעט זיי אז זייא זאלן עם לאזן לעבן אזו וועט ער צוריק געבן אלע מאנן אונ ווייבער אונ קונדר ווס ער הט פון לאנג גפאנגן ער שווערט זיי דרוף אונ זיי לאזן עם אפ אונ ער האט שוין זיין לעבינס טאג ניט מלחמה גהאלטן מיט די יהודים אונ יונתן האט זעהר באגליקט · אבער אנטיוכוס איין הופט מאן פון מוקדון הט גיוואלט גיין פר טילגן דס לאנד פון יהודה אזו גייט שמעון מיט זיין חיל קעגן אנטיוכוס אונ זיי טיילן זיך אוף צוויי טייל אונ בארונגן דעם אנטיוכוס מיט זיין פאלק אוף אלע זייטן אונ דיא חשמונאים מיט ניין טויזנט מאן האבן דר שלאגן דס גאנצע חיל פון אנטיוכוס אונ עס בלייבט ניט מער ווי אנטיוכוס מיט צוויי רייטר · אונ אזו איז גיזעסן דס פאלק ישראל אונ די טעג פון יונתן אונ פרידן אונ יונתן איז גישטארבן איז גווארן נאך איהם זיין ברודער שמעון כהן משוח אונ ער פירט דאס הערשאפט איבער דיא ישראל אכט יאר אונ נאך אים איז גיווארן זיין זון הורקנוס כהן משוח :

# דער צווייא אונ צוואנציגסטער פרק

## דא ווערט דר צייגט די מלחמות פון אנטיוכוס מיט הורקנוס דער זון פון שמעון הכהן :

אונ דער אנטיוכוס טראכט זיך אצונד מוז איך דיא יהודים פאר טולגן ער זאמלט איין זייער פול פאלק אונ באלעגרט ירושלים אבר ער קען איר גאר ניט טון דען עס זענן דא שטארקע מוערן אונ אין איר שטארקע גבורים ער בויעט גרוסע שאנצן ארום ירושלים איין צו ווארפן די מוערן אבר דיא יהודים שלאגן די מוקדונים אונ פר טרייבן זיי פון די מוערן אונ פר ברענן אלע שאנצין אונ אנטיוכוס איז אנטלאפען דרייא מייל פון דער שטאט אזו שיקט הורקנוס צוא אנטיוכוס אזו צו זאגן זייא וויסען אז אונזער גאט איז איין גאט איבר אלע געטער אונ הט מיר גיהאלפן גאר מיט ווייניג פאלק דרום בעט איך דיך אז דו זאלסט רוען פון מלחמה אכט טאג כדי מיר זאלן קענן האלטן חג הסוכות ווי גאט הט אונז גיבאטן . אונ אנטיוכוס שיקט צוריק אברייף אזו צו זאגן איר מעגט פייערן אייער יום טוב מיט גרוס פרייד צו אייער גאט נאר מיין טייל זאל זיין מיט אייך אונ ער שיקט אמתנה צום מקדש איין אוקס באלייגט דו הערנר מיט ריין גאלד אונ מיט אגולדני קרון אונ אגולדנים האלז באנד מיט לוטער דימינטען אונ פול גולדנע כלים פול מיט גיווירץ אונ זייא ברענגין עס צו הורקנוס אונ ער גייט מיט די שלוחים צום מקדש אונ גיט עס די כהנים אונ די יהודים פרייען זיך זייער אונ דר אנטיוכוס הט פון דר צייט אן פול גוטס גיטון די יהודים ער הט גישענקט פול געלד צו די ארומע יהודים ניט ווי דר ערשטר אנטיוכוס הרשע דר וואס הט פול בייז גיטון דרום הט מען אים גירופן פיאוס דס הייסט אפרומר מאן ווי הורקנוס הט גיזעהן דס אנטיוכוס איז גאנץ מיט גאט אונ מיט זיין פאלק אזו שליסט ער מיט אים פריינדשאפט אונ אנטיוכוס קומט קיין ירושלים אונ הורקנוס מאכט פאר אים אמאל צייט אונ שענקט אים דריי הונדערט צענטנר גאלד . אזו הייליגט אנטיוכוס דאס גאלד צו גאט צו פר בעסערן דס בית המקדש אונ ער וויל ציהן צוריק אונ זיין לאנד אריין אונ בעט דעם הורקנוס ליבר פריינד דער קינעג אשרק פון פרס האט מיך פול מאל בצווינגען דרום בעט איך זייער אז דוא זאלסט מיר העלפון מלחמה האלטון קעגן אים אונ וואס מיר וועלין בקומן גאלד אונ זילבער וועל איך היילען צו גאט זאגט הורקנוס איך בין אן גיברייט צו גיין מיט דיר אונ הורקנוס מיט אנטיוכוס האלטען מלחמה קיגין דעם קינעג פון פרס אונ האבן אום גיברענגט זייער פול חיל אונ האבען בצווינגן פול שטעט . אזו שרייבט דער קינעג פון פרס צו הורקנוס אזו צוא זאגן אונזערע עלטירן דיא מלכים פון פרס האבן גיבויט אייער בית המקדש אונ דס פאלק פון אנטיוכוס האט עס צערשטרט נון בעט איך אייך דאדורך אז איר זאלט אוף הערן מלחמה צו האלטן קעגן מיר . שרייבט הורקנוס צום קינעג אשרק תשובה דו ביסט זייער גירעכט איך וועל ניט מער מלחמה האלטון מיט דיר . אונ ער

שיקט זאגן צו אנטיוכוס גייא דיא אליין מלחמה הלטן מיט די פרסיים אונ איך וועל דיר נאך קומן אזו בגעגינט אים אשרק אונ אנטיוכוס איז גיפאלן אונ דר מלחמה אונ הורקנוס האט שלום גימאכט מיט אשרק · אונ הורקנוס בלעגירט די שטאט שכם אונ בצווינגט זי אונ צערשטערט דם מקדש אויף דעם בארג גריזים וואס סנבלט דר שווער פון מנשה הכהן הט גימאכט · אונ ער שלאגט די כותים · אונ ער בצווינגט דם לאנד ארום אונ די שטאט דביר אונ זיי מוזין זיך בשניידן אונ האלטן דיא תורה · אונ הורקנוס שיקט קיין רום זיי זאלן מיט אים פריינדשאפט שליסען אונ אום קערן אלע שטעט וואס די מוקדונים האבן צו גינומן פון די יהודים · אזו שרייבט דר עלצטור העד פון רום אזו צו זאגן איך שליס מיט דיר פריינדשאפט · אונ הורקנוס האלט מלחמה אויף שומרון ביז עס איז גיוועזן אגרוסר הונגר אין שומרון · אונ ער לאזט זיינע צווייא זון אנטיגנוס אונ אריסטובלוס ביי שומרון מלחמה צוא האלטן אונ ער גייט קיין ירושלים דען ער איז אכהן גדול · אונ עס איז יום כפור ער בעט גאט ער זאל אים העלפן · אזו הערט ער אקול פון הימיל וואס זאגט פארכט דיך ניט הורקנוס דען דיינע קינדר ווערן גיווינן קייגן דעם פיינד אונ הורקנוס גייט אונ דער ציילט דאס דעם פאלק אונ זיי שיקן צווייא רייטער קיין שומרון אונ ווערן גיוואר דאס אלס איז אמת אונ זייא גיבען אלויב צום אלמעכטיגן גאט :

## דער דרייא אונ צוואנציגסטער פרק

אונ די מוקדונים שיקן קיין מצרים צוא גלימונדר אז ער זאל זיי קומן צוא היקף קענן די צווייא זון פון הורקנוס ווי הורקנוס הערט דס גייט ער ארום פון ירושלים אונ שלאגט דעם גלימונדר מיט זיין פאלק אונ ער גייט קיין שומרון אונ באלעגערט אגאנץ יאר אונ בצווינגט זי אונ צרשטערט עס ביז צום גרונד אזו גייט די קיניגן לטירו דר זון פון קלופטרה די קיניגן פון מצרים מלחמה צו האלטן מיט הורקנוס שיקט הורקנוס זיינע צווייא הערן חנניה אונ חלקיה מלחמה צוא האלטן מיט דעם לטירו אונ זייא דער שלאגן אלע הערן פון מצרים אונ דער לטירו אנטלופט צוא איין אינזעל אונ זיצט דארט אלי זייני לעבינס טאג · אזו ווערט דיא מלחמה גישטולט אונ דיא טעג פון הורקנוס אונ יעדערער זוצט אונטער זיין פייגן בום אונ אונטער זיין וויין שטאק אונ שטארקן זיך זייער :

## דער פיר אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט די מלחמות פון אלכסנדר דר זון פון הורקנוס :

אונ יום טוב סוכות שטייט דר קיניג אלכסנדר אויף דעם מזבח ווי דר שטייגר איז פון די כהנים אונ די פרושים דס הייסען די קלוגי פרייען זיך מיט דעם אתרוג ולולב אונ ווארפן זיך מיט דעם לולב אונ די אתרוגים אזו ווארפט איינער זיין אתרוג אויף אלכסנדר · זאגט איינער פון דיא קנעכט ווארום טוט

איר פאר שעמן דעם קיניג ענטפערן די פרושים עס איז ביי אונז אזא חק אזו האבן די קנעכט פון אלכסנדר גישריגן אויף די פרושים ביז די פרושים שעלטין דעם אלכסנדר אונ זאגן צו אים ווי קאנסטו זיין אכהן דיין מוטר איז דאך גיוועזן איין חללה · פר דריסט דס דעם קיניג אונ ער שרייט מיט אגרוס קול די שווערד זאל זיין אויף די פרושים · אזו דער שלאגן זיינע לייט זעקס טוזונט פרושים אונ ער לאזט בויען אוואנד צווישן דעם מזבח אונ צווישן דעם פאלק אונ ער גייט צוא דר שטאט סלע המדברה אונ בצווינגט דעם קיניג פון ערב אונ מאכט אים אונטער טעניג · אונ גייט קיין חמת אונ טייט זייער הער תיארדום אונ קערט זיך אום קיין ירושלים · אונ עס איז זעקס יאר גרוס קריג צווישען דיא פרושים מיט אלכסנדר אונ ער דר שלאגט פון זייא זעקס טוזונט מאן · אזו גייען די פרושים צו דימיטריאוס קיין שכם אונ ער איז גקומן מיט פול היל אונ מיט פערציג טוזונט מוקדונים אונ אלכסנדר נעמט צוואנציג טוזונט גבורים פון דיא יהודים אונ גייט דעם דימיטריאוס אקיגין אונ עס איז אגרוסי מלחמה צווישען זייא אונ עס פאלין זייער פול פון ביידע זייטין ביז אלכסנדר איז נאר אליין איבר גיבליבען · דערנאך הט ער צו זאמן גינומן זעקס טוזונט שטארקע מענער אבער ער האט מורא גיהאט מלחמה צוא האלטען מיט דעם דימיטריאוס ׃

אונ עס איז אוועק גגאנגן פיל מענר פון דימיטריאוס אונ זענן צו גשטאנן צו אלכסנדר אזו איז דר אלכסנדר ווידר שטארק אונ ער וויל ווידר מלחמה האלטן מיט דעם דימיטריאוס אונ ער פאנגט אכט הונדרט פרושים אונ ברענגט זיי קיין ירושלים אונ ער פרייד זיך מיט זייני ווייבער אונ קעבס ווייבר אונ לאזט העגגן די אכט הונדערט פרושים אונ ער קינגט איבר דיא יהודים מיט גוואלט אונ בצווינגט פול שטארקי שטעט אונ הט גטייט דעם דימיטריאוס · אונ דריי יאר ארום קערט ער צוריק קיין ירושלים אונ זייא גייען אים אקיגין מיט גרוס כבוד אונ לובן אים זייער אבר ער ווערט באלד קראנק אונ דאך פירט ער נאך מלחמה אונ פירט מיט זיך מיט זיין ווייב אונ קינדר אונ אלי זייני הויז לייט · אונ אלס עס קומט דר טאג פון זיין טוט זאגט צו אים זיין ווייב אלכסנדרה דוא ווייסט וואל דס פיינדשאפט פון דיא פרושים קיגען דיר אונ איך האב צווי קליינע קינדר אונ בין איין אשה צו וועמן זאל איך מיך קערן נאך דיין טוט · זאגט דר קיניג צו איר הער צו מיין עצה אונ פאלג מיך ווערט דיר וואל זיין דוא זאלסט מיך זאלבן נאך דעם טוט מיט אלרלייא גווירץ דס איך זאל ניט שטינקן אונ זאלסט מיך לאזן ליגן אין מיין וואגן גלייך איך וואלט גלעבט אונ אז דו ווערסט די שטאט איין נעמן זאלסטו מיך פירן קיין ירושלים אונ זאלסט רופן צו דיר די פרושים אונ זאלסט זייא זאגן היינט גיב איך אייך איבר דעם טוטן קערפר פון אייער שונא טוט מיט אים וואס איר ווילט דא ווייס איך גוויס דס זיי ווערן מיך מיט כבוד באגראבן אונ וועלן מיט דיר פריינדשאפט האבן דו זאלסט אבר אלך

טון וואס זיי וועלן דיך הייסן אזו וועסטו קינגן ביז דיינע קינדר וועלן גרוס ווערן · אונ זיא טוט אזו · ווי זיא האט נור די שטאט בצווינגן גייט זיא קיין ירושלים אונ לאזט רופן די פרושים אונ זאגט זיי ווי איר מאן האט אן גזאגט אונ זיי בגראבן אים מיט גרוס כבוד אונ אלכסנדרה הערשט איבר ירושלים אונ יהודה :

## דער פינף אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט די מעשה פון דר קיניגן אלכסנדרה מיט די פרושים :

ויהי אונ עס איז גוועזן ווי אלכסנדרה איז גווארן קיניגן אזו לאזט זיא בפרייען אלע פרושים וואס זענין גוועזן פון איר שווער הורקנוס אונ איר מאן אלכסנדר גפאנגן · אונ ווי אירע קינדער זענין גרוס גווארן אזו מאכט זיא איר ערשטן זון הורקנוס פר אכהן גדול דען ער איז גוועזן זייער אפרומר מאן אונ איר יונגסטן זון אריסתובלוס מאכט זיא פר איין הויפט מאן איבר דעם פאלק :

ותשלח המלכה אונ זיא שיקט צו אלע קיניגן וואס איר שווער הורקנוס אונ איר מאן אלכסנדר האבן זיי בצווינגן דס זיי זאלן איר געבן זייערי עלצטי קינדר צו זיכרהייט · אונ זיא קינוגט איבר די ישראל אונ יהודה מיט שלום אונ אלי קיניגען שיקן איר פול גאלד אונ זילבר וועגן די קינדר וואס זענין ביי איר גוועזן · אבר באלד ערוועקט זיך גרוס קריג צווישן די פרושים אונ די צדוקים אזו קומט צו איר הורקנוס דר כהן גדול וואס האלט מיט די פרושים אונ זאגט צו איר מיין ליבע מוטר מיר בעטין דיך דו זאלסט געבן אין אונזר האנד אריין די צדוקים דען זיי האבן איין עצה גגעבן דיין מאן אונ מיין פאטר צו הענגן אכט הונדרט פרושים פון ישראל דרום ווילן מיר זיי משפטן נאך דער תורה :

## דער זעקס אונ צוואנציגסטער פרק

דא זאגט די קיניגן איך גיב זיי אייך אין אייערי הענד איר קענט טון מיט זיי וואס איר ווילט אזו גייען די פרושים אונ ערשלאגן פול פון די צדוקים דא קומן די צדוקים צו דר קיניגן מיט איר יונגסטן זון אריסתובלוס אונ פאלן איר צו די פוס אונ זאגן ווארום לאזט דו אונז דר שלאגן ווי די שאף דו וויסט דאך וואל דס מיר זענן גוועזן פריינד פון דיין מאן אלכסנדר אונ האבן פול מלחמה גהאלטן פאר אים אונ די פרושים זענין דאך גוועזן זיינע שונאים אונ איר זון אריסתובלוס הייבט אן אקיגן איר צו ריידן מיט צארן אזו זאגט די קינוגן גייט אוועק פון ירושלים אונ בזעצט אייך אין יהודה איר טארט ניט זיין צו זאמן מיט אייערי שונאים די פרושים :

## דער זיבן אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט דער טוט פון דער קיניגן אלכסנדרה אונ איר צוואה :
אונ די קיניגן אלכסנדרה איז גווארן קראנק דס זיא זאל שטארבן אזו גייט איר זון אריסתובלוס אום ירושלים צו די צדוקים צום לאנד יהודה אונ

זאמילט איין אלי פריינד פון זיין פאטר אונ אוך די צדוקים פון בארג גבעה. אונ ווי דיא קינוגן הערט דאס לאזט זיא מאכן דס ווייב אונ די קינדר פון אריסתובלוס. ער זאמילט אבר איין אגרוס חיל פון דיא צדוקים פון בארג לבנון אונ פון גלגל אונ פון דעם קיניגרייך פון דיא ישראל אונ גייט מלחמה האלטן אוף ירושלים. אזו איז הורקנוס מיט אלי פרושים ערשראקן גוואהרן אונ זיי גייען צו דר קיניגן אונ זאגן צו איר מיר בעטן דיך זייער דו זאלסט אונז געבן איין עצה דען מיר מוזין אלי שטארבן ענטפערט זיא מיט איין ביטער הארץ איך ווייס איין וועג פון אלי מענטשן אונ האב קיין צייט מיט איך צו ריידן טוט ווי איר ווילט איר הט פון מיר אונ פון מיין מאן גנוג אוצרות ביי איך דינגט איך גבורים זיי זאלן איך העלפן צו דר מלחמה אונ ווי זיא רעד אזו שטארבט זיא אונ זיא איז אלט גוועזן זיבן אונ דרייסיג יאר אונ זיא הט גקיניגט ניין יאר אונ איז זייער פרום גוועזן אונ האט ניט גזינדיגט קעגן גאט אונ די יודן האבן זייער גוט גהאט אין אירע צייטן:

## דער אכט אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווייא די ביידע ברודר הורקנוס אונ אריסתובלוס מאכן שלום:

דרייא חדשים נאך דעם טוט פון אלכסנדרה איז גוועזן איין מלחמה צווישן די ברודר הורקנוס כהן גדול אונ אריסתובלוס ביי דעם ירדן יריחו אונ עס איז דר שלאגן גווארן פול יהודים אונ אריסתובלוס הט גשלאגן דס חיל פון הורקנוס אונ הט בלעגרט ירושלים. אזו נעמט הורקנוס דס ווייב אונ קינדר פון אריסתובלוס אונ האלט זיי ביי זיך ער זאל דורך זיי בשירמט ווערן פון זיין ברודר אריסתובלוס. אונ די עלצטי פון ירושלים מאכן שלום מיט אריסתובלוס דס ער זאל קיניגן איבר יהודה אונ ירושלים אונ הורקנוס זאל זיין כהן גדול אונ הורקנוס גייט זיין ברודר אריסתובלוס אנטקעגן אונ פירט אים מיט דעם ווילן פון אלי פרושים אלס קיניג קיין ירושלים:

## דער ניין אונ צוואנציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט דס פריינדשאפט וואס איז צווישן אנטיפטר אונ הורקנוס:

אונ הורקנוס הט א פריינד מיט דעם נאמן אנטיפטר ער איז זייער רייך אונ איז איין גבור אונ זייער קלוג אונ ער איז איין הער איבר דעם לאנד אדום אונ ער נעמט איין ווייב מיט דעם נאמן קפרון. זיא איז איין אדומית אונ זי הט אים גווינן פיר זון זיי האבן גהייסן פסיאה אונ אורודוס אונ פרודה אונ יוסף אונ איין טאכטר שלומית. אין אמת אבר איז אנטיפטר גוועזן פון שבט יהודה פון די וואס האבן ווידר גקערט פון בבל קיין ירושלים אין נחמי׳ צייטן. אונ אנטיפטר גייט צו די גרעסטי יהודים אונ זאגט צו זיי ווי אזו קענט איר צו זעהן דס דר יונגסטר זון זאל קיניגן פר דעם עלצטן דעם הורקנוס וואס איז א גוטר אונ פרומר מאן. זאגן די יהודים וואס זאלן מיר טון מיר

זאגן צו גשווארן דעם אריסתובלוס אז ער זאל איבר אונז הערשן · וישלח אונ אנטיפטר שיקט שטילרהייט צו הורקנוס אונ לאזט אים זאגן דס זיין ברודר אריסתובלוס וויל אים טייטן אבר הורקנוס ענפרט איך גלייב דס ניט דען מיין ברודר אריסתובלוס הט מיר אין בית המקדש צו גשווארן אז ער זאל זיך מיט מיר אין פרידן פר האלטן אזו גייט ער אליין צו אים אונ זאגט מיין ליבר הורקנוס דו ביסט דאך מיין פריינד אונ איך האב דיך ליב אונ איך האב אליין גהערט וויא אלי צדוקים האבן גזאגט צו אריסתובלוס וויא לאנג דיין ברודר הורקנוס לעבט ביסטו ניט זיכר מיט דעם קיניגן דען ער איז דר עלצטר ברודר אזו איז רעכט אז ער זאל קיניגן דרום גיבן מיר דיר איין עצה אז דו זאלסט אים טייטן אונ הורקנוס גלייבט דס גיט אוף זיין ברודר אזו דינגט אנטיפטר פאלטשי עדות אז זיי זאלן בשטעטיגן זייני רייד · אונ אנטיפטר זאגט צו הורקנוס איך גיב דיר איין עצה אז דו זאלסט אנטלופן פר דיין ברודער אריסתובלוס אונ איך וועל דיר אום זוכן איין ארט · אונ אנטיפטר גייט קיין סלע המדברה צו הרתם דער מלך פון ערב ער זאל ביי זיך האלטן דעם הורקנוס אונ זאל אים ניט איבר געבן צו זייני שונאים · אונ הורקנוס גייט מיט אנטיפטר אום ירושלים קיין סלע המדברה אונ דער מלך הרתם גייט זיי מיט פול הערן אנטקיגן צו אנטפאנגן זיי מיט גרוס כבוד אונ זיי זענן עטליכע טאג מיט אים אין זיין הוז :

## דער דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי דר מלך הרתם בלעגרט ירושלים :

אונ אנטיפטר רעד אן דעם מלך הרתם אז ער זאל מיט הורקנוס גיין קיין ירושלים מלחמה צו האלטן מיט אריסתובלוס אבר הרתם הט פארכט מלחמה צו האלטן אוף ירושלים אונ ער זאגט ווען איר וועט מיר אפ געבן די שטעט ווס דר מלך אלכסנדר הט מיר אוועק גנומן וועל איך מיט אייך גיין מלחמה האלטן מיט אריסתובלוס אזו שווערט אים הורקנוס דס ער וועט אים ווידר קערן זייני שטעט · אונ זיי גייען קיין ירושלים מיט פול גבורים אונ דריי טוזונט רייטר · אונ הרתם בלעגרט דעם אריסתובלוס אין ירושלים ביז ראש חודש ניסן אונ וויא עס קומט פסח אנטלופן פיל יהודים קיין מצרים זיי זאלן דארט פייערן דעם חג המצות דען זיי קענן ניט מאכן קיין פסח פר דעם גשריי פון דר מלחמה · עס איז גוועזן אין דעם חיל פון הרתם אונ הורקנוס איין פרומר מאן מיט דעם נאמן חוני ער הט פיל מאל פון גאט אום גבעטן דעם רעגין ווען מען הט אים בדארפט אונ עס גייען צו אים די פרושים ער זאל גאט בעטן אז זיי זאלן קענן בצווינגן דיא שטאט ירושלים זאגט חוני ווי אזו זאל איך שעלטן די כהנים אונ בעטן דס ירושלים זאל בצווינגן ווערן אזו זאגן זיי צו אים ווען דו ווילסט ניט בעטן זאלסטו וויסן דס דו מוזט שטארבן הט ער אוף גהובן זייני אויגן צום הימל אונ הט גזאגט ליבר גאט פון דער גאנצר וועלט עס זאל זיך איבר קערן דס הארץ פון די כהנים אונ פון פאלק

צום גוטן אונ עס זאל זיין שלום צווישן זיי אזו פאלן איבר אים די שלעכטי לייט אונ טייטן אים אבר גאט הט זיין בלוט גרעכינט אונ עס שטארבן זייער פיל פון דעם פאלק אונ די כהנים שרייען אראפ פון דר מויער צו די יהודים וואס האבן בלעגרט די שטאט אונ זאגין איר זענט דאך אויך יהודים גיט אונז אקסן אונ רינדר אונ שאף צו אפפערן צו גאט אין יום טוב פון חג המצות ענטפערן די לייט מען זאל זיי געבן טזוונד גילדעני דיקאטן פר איין שאף אזו שיקט אריסתובלוס מיט די כהנים פול גאלד אונ זילבר פר די קרבנות ווי זיי האבן אבר דס גאלד צו גנומן אזו וויכן זיי קיין שאף אונ קיינע רינדר געבן. אזו טון די כהנים תפלה צו גאט אויף דר זאך אזו שיקט גאט אויף זיי איין גרוסן הונגר ביז איין מעסטיל ווייץ הט גקאסט אגילדענר דיקאט:

# דער איין אונ דרייסיג[illegible]ער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי עס איז גישעהן מיט פומפיוס דר הופט מאן פון רום: אין יענר צייט איז גיוועזן פומפיוס דר הופט מאן ביי די רומים אזו שיקט אים אריסתובלוס פול גאלד דס ער זאל קומן מלחמה האלטן קיגן זיין ברודר הורקנוס מיט דעם מלך הרתם. אונ פומפיוס שיקט אבריף צו הרתם מלך ערב אזו צו זאגן פר מייד צו גיין אויף ירושלים מלחמה צוא האלטון דען די רומים וועלן קומן אויף דיר מלחמה האלטון אונ וויא הרתם לייענט דעם בריף קערט ער זיך אום פון ירושלים צום לאנד ערב אונ הורקנוס מיט אנטיפטר גייען אים נאך אונ אריסתובלוס יאגט נאך דעם הרתם אונ אנטיפטר אונ ער שלאגט זעקס טזונט גבורים פון ערב מיט דעם ברודר פון אנטיפטר אונ ער קערט זיך אום אונ קינוגט איבער דעם לאנד יהודה אונ פומפיוס דער הופט מאן פון דיא רומים קומט קיין דמשק אזויא שיקען איהם אלע פעלקיר גרוסע מתנות אויך אריסתובלוס שיקט אים אגאלדענים ווייון שטאק זיין גיווויכט איז פינעף הונדערט צענטין גאלד אונ איין גארטן פון ריין גאלד אונ הורקנוס שיקט דעם אנטיפטר צו פומפיוס אזו צו זאגן ווען דוא ווילסט העלפן דעם הורקנוס אזו וועט דס גאנצע לאנד יהודה אונטער טעניג זיין אונטער דיר. אונ ווי פומפיוס הערט דס פון אנטיפטר אזו פרייר ער זיך דס הורקנוס אונ דס לאנד יהודה וועלן צו אים זיין אונטער טעניג ער זאגט צו אנטיפטר שוויג שטיל איך וועל שיקען נאך אריסתובלוס ער זאל צוא מיר קומען דען איך פארכט מיך מיט אים מלחמה צו האלטון דען ביי אים זענן דא שטארקי העלדין. ער שרייבט צו אריסתובלוס דס ער זאל צו אים קומן אונ זאגט צוא הורקנוס אונ אנטיפטר זייט ביי מיר ביז ער וועט קומען אזו וויל איך ווידער מערן דס קיניגרייך צו אייך איר זאלט צוא מיר אונטער טעניג זיין אונ מיר נונז געבן אלי יאר אונ זיי בלייבן ביי אים אונ שווערן אים צו אויף אלעם וואס ער פרלאנגט:

דא

## דער צווייא און דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא אריסתובלוס קומט צו פומפיוס:

און אריסתובלוס גייט קיין דמשק צו פומפיוס און דערנאך איז געוועזן הורקנוס מיט אנטיפטר און אלי עלצטי פון יהודה אויך ביי פומפיוס · זאגן זיי צוא אים דו גרוסר הער זאלסט משפטין דו זאך מיט שכל דען הורקנוס איז דער עלצטער ברודר און אריסתובלוס הט געוועלטיגט איבר אים מיט געוואלד און הט בצווינגן דס פאלק יהודה און הט פול אום שולדיג בלוט פר גאסן · און אנטיפטר ברענגט טויזנד עדות דרויף · זאגט אריסתובלוס צו פומפיוס עס איז אמת דס הורקנוס איז מיין עלצטר ברודר ער איז אבר שוואך דען עס האבן פיל פרעמדע פעלקר אים בצווינגן און פיל שטעט אוועק גינומן אזו האב איך מלחמה געהאלטן און האב צוריק געקערט אלע שטעט אונטער דר האנד פון יהודה אזו האבן זיי מיך גיזעצט איבר זיך מיט גוטן ווילען און מיין ברודר הורקנוס הט דרויף איינגעוויליגט ער זאל זיין אכהן גדול און מיין מוטר הט מיך אויך געהייסן קיניגען נאך איר טויט ווייל זיא הט גיזעהן זיין שוואכהייט און ער ברענגט פול עדות אויף די זאכן · און פומפיוס פר וואונדרט זיך זייער אויף דיא שיינהייט פון דיא יונגע מענטשן פון אריסתובלוס און זייערי רייכע קליידר און ער זאגט צו זיינע עלצטי וואל דעם קיניג וואס קינוגט איבר אזו איין פאלק דען דס זענען לוטער פרינצן און וואל וועט אונז זיין ווען מיר וועלין אזו אשטארק און שיין פאלק ישראל און יהודה אונטער אונזער האנד האבן · און פומפיוס ציהט קיין ירושלים צוא זעהן און נאך צוא פרעגן דיא רעכטע ווארהייט צווישן די צוויי ברודר · און ווי זייא זענן אלע אונטער וועגנס אזו קריגן זיך די ברודער מיט אננדר איבער דעם קיניגרייך און זיי שעלטן זיך פר פומפיוס אבר ער שרייט זיי אן מיט גרוס צארן · און אויך פול פעלקר וואס זענן צוא אריסתובלוס אונטער טעניג געוועזן האבן אויף אריסתובלוס גיקלאגט פאר פומפיוס:

## דער דריי און דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא אריסתובלוס און פומפיוס מאכין שלום:

און פומפיוס רופט דעם אריסתובלוס און הייסט אים צוריק געבן אלי שטעט וואס ער הט אוועק גינומן ביי די פעלקר אזו קערט ער צוריק אלי שטעט און וועגין דעם קיניגרייך זאגט פומפיוס שווייגט שטול ביז איך וועל קומען צו אייערי שטעט וועל איך זעהן ווער גירעכט איז הט אריסתובלוס פר שטאנן דס פומפיוס וויל געבין דס קיניגרייך צו זיין ברודר הורקנוס און ער אנטלופט קיין אלכסנדריא און וויא פומפיוס ווערט דאס גיוואר קערט ער זיך אום קיין אלכסנדריא און בלעגירט עס · זאגן די קלוגע הערן צו אריסתובלוס דו ווייסט וואל דס דיא רומים קינען איבר דער גאנצר וועלט נון ווי ווילסטו מיט זייא מלחמה האלטן אזו פאלגט זיי אריסתובלוס און מאכט מיט אים שלום דער

נאך הט ער זיך ווידר גיקריגט מיט זיין ברודר איבר דו מלוכה ער גייט קיין ירושלים צו פירן מלחמה מיט פומפיוס אזו גייט פומפיוס קיין יריחו דארט איז דס בעסטי אייל וואס מירופט אפרסמון דס איז נאר אונ יריחו אבר אין אנדרי לענדר ווען מיפלאנצט פון דעם בום קען ניט וואקסין דען די טבע פון דער ערד איז אנדערש :

# דער פיר אונ דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא פומפיוס הט איין גינומן ירושלים :

אונ פומפיוס גייט פון יריחו קיין ירושלים אונ וויא ער קומט פר דער שטאט פר ווינדערט ער זיך זייער אויף דר שונהייט פון דר שטאט אונ ער זאגט ווער עס וועט ווארפן אשטיין אויף דער שטאט דעם זאל דיא האנד ווערן אפ גיהאקט אונ ער זאגט וואל דעם קיניג וואס טוט איבער דער שטאט קיניגן אונ וואל דעם פאלק וואס וואנט דרונען . אונ אריסתובלוס גייט איהם אויס ירושלים אנטקייגן אונ בעט אים ער זאל געבן דס קיניגרייך אונ זיין האנד אריין זאגט פומפיוס ווען דוא וועסט מיר געבן אלע כלים פון היכל אזו וועל איך דיר אפ געבן דס קיניגרייך ענטפערט אריסתובלוס איך וועל אזו טאן אונ פומפיוס שיקט דעם גביאורס מיט פול גבורים קיין ירושלים צו נעמן דו כלים פון היכל אבער דיא כהנים האבן ניט גיוואלט געבן אונ זייא האלטן מלחמה מיט די גבורים אונ טייטן פון דיא רומים אזו ווערט דער פומפיוס צארינדיג אונ לאזט דעם אריסתובלוס אונ אייזערני קייטען שליסען אונ גייט צוא דער שטאט מלחמה האלטן אזו איז ווידר גיהארגת גיווארן פול רומים שרעקט פומפיוס זייער אונ ציהט אפ פון ירושלים. אבר אונ דער שטאט איז גיוועז אגרוסע מלחמה צווישן די לייט פון הורקנוס אונ פון אריסתובלוס דען די לייט פון הורקנוס ווילען אריין לאזין דעם פומפיוס אונ דר שטאט אריין אונ די לייט פון אריסתובלוס ווילין דס ניט . אונ ווי פומפיוס הערט דס גייט ער צום טויער מלחמה האלטן אויף דער שטאט אזו עפנן די לייט פון הורקנוס די טויערן אונ אנטפאנגן דעם פומפיוס מיט גרוס כבוד אונ פומפיוס קאן אבער דס בית המקדש ניט בצווינגן דען זיי ווערן זיך זייער שטארק ווי עס קומט דיא צייט אז אלע כהנים זאלן שעכטען קרבנות . אזויא נעמט פומפיוס דיא אייזערנע ווידר אונ צו לייגט אווינקל פון בית המקדש אונ די גבורים פון די רומים אונ פומפיוס גייען אין בית המקדש אריין אונ דר שלאגן די כהנים ביי דעם מזבח אונ עס קומן אבר באלד אנדרי כהנים אנשטאט די טויטע אונ שעכטן קרבנות אונ די רומים טייטין אלע כהנים ביז זייער בלוט ווערט פאר מישט מיט דעם בלוט פון די קרבנות אבער זיי האבן דאך ניט אפ גיטרעטון פון שעכטן . ווי פומפיוס קומט אין קדשי קדשים אריין פר ווינדערט ער זיך אויף זיין שונהייט ער טוט זיך דר בארמן אונ טוט ניט אן רירן קיין זאך אונ ער בפעלט די כהנים זיי זאלן ריינגן דאס בית המקדש אונ זאלין שעכטן דיא קרבנות אונ ער בפעלט אויך אז אלע שטעט זאלן פריי זיין פון ירושלים דם

זיי וואלן ניט זיין אונטער טעניג אונטער איר. און ירושלים זאל אים צינז געבן אזו איז אונטער טעניג געווארן ירושלים און דאס לאנד יהודה צו די רומים ביז דעם היינטיגן טאג · און פומפיוס נעמט דעם אריסתובלוס מיט זייני צוויי זון און צוויי טעכטער און פירט זייא קיין רום אין געפענגניש אבר זיין זון אלכסנדר איז אנטלאפן קיין מצרים · און פומפיוס זעצט איין הויפט מאן אויף ירושלים זיין נאמן איז סבאורוס און הורקנוס הערשט איבר דעם לאנד פון דיא ישראל און אנטיפטר מיט אים :

## דער פינעף און דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמה וואס עס איז געוועזן צווישען הורקנוס און אלכסנדר :

און וויא פומפיוס איז צוריק געגאנגען קיין רום גייט הורקנוס און אנטיפטר און סבאורוס קיין סלע המדברה מלחמה האלטן און ווי אלכסנדר דר זון פון אריסתובלוס הערט דאס לויפט ער קיין ירושלים און שטארקט אלע מויערן ער זאמלט איין אלע גבורים און קיניגט איבער זייא און וויא הורקנוס הערט דס קערט ער זיך אום מיט אנטיפטר קיין ירושלים גייט אלכסנדר אים אקיגין און טייט פול פאלק פון זיינע לייט ביז ער מוז זיך אום קערן מיט שאנד און הט געשלאגן פול רומים אזו קומט סבאורוס אויך צו הילף אבר זיי קענן קיינר ניט בשטיין קעגין אים · און ווי גביאנוס דער הויפט מאן פון דיא רומים הערט דס ווערט ער זייער צארנדיג און קומט אויף ירושלים מיט זייער פול פאלק און הורקנוס מיט אנטיפטר און אלי גבורים פון יהודה זענן אויך מיט זיי מיט אזו גייט אלכסנדר קעגן זייא מיט צעהן טויזנד מאן פוס גייערס און פינעף הונדערט רייטער און זייא טייטן פון אים זעקס טויזנט גבורים און אלכסנדר אנטלופט קיין אלכסנדריא און גביאנוס יאגט אים נאך ביז צוא דער שטאט און וויל זיא בלעגערן גייט אלכסנדר אום דער שטאט צוא דעם גביאנוס און שלאגט פון איהם און איין טאג ניין טויזנט און דרייא הונדערט גבורים און דער גבור מרקוס אנטוניגוס איז אויך דער שלאגן געווארן · און צווייטן טאג זענן ווידער געהרגית געווארן פינעף און צוואנציג טויזנד גבורים אבר גביאנוס טרעט פארט ניט אפ ביז אלכסנדר לופט ווידר קיין אלכסנדריא און גביאנוס בלעגערט ווידער דיא שטאט אזו גייט צוא אים דיא מוטער פון אלכסנדר דס ווייב פון אריסתובלוס און בעט אים זייער ער זאל שלום מאכן מיט אלכסנדר אזו הערט ער צו און זיי מאכן שלום און ער זעצט און לאנד ישראל פיר הויפט לייט און הורקנוס בלייבט ווידער און ירושלים :

## דער זעקס און דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט דיא מלחמה פון אריסתובלוס מיט גביאנוס :

און אריסתובלוס איז געקומן מיט זיין זון אנטיגנוס און אכט טויזנט גבורים מלחמה צו האלטן קעגין גביאנוס און גביאנוס האט מיט זיך פול רומים

אונ יהודים אזו דר שלאגט אריסתובלוס פון די רומים זייער פול אבר פון די יהודים הט ער ניט גיטייט קיין איינציגן אונ פון אריסתובלוס חיל איז דער שלאגין גיווארון זובעו טוזונט מאן אונ ער אנטלופט מיט זיינע טוזונט מאן אוף דעם שפיץ בארג אזו רינגן אים די רומים ארום אונ ער קערט זיך אום אונ האלט ווידער מלחמה מיט זיי · אונ די רומים דער שלאגין די איבריגע טוזונט מאן אזו בלייבט נאר אריסתובלוס אליין אונ ער שלאגט זיך מיט זיי ביז ער פאלט אנידר אזו חאפן זיי אים לעבידיג אונ פירן אים צו גביאנוס אונ ער שיקט אים גיבונדן אין קייטן קיין רום צום פרעזעס פון דיא זקנים · אזו הייסט אים דר פרעזעס הענגן אבר די זקנים דער בארמין זיך אוף אים אונ לאזן איין אנדרין הענגן אונ אים בהאלטן זיי ביז דר פרעזעס איז גישטארבן :

## דער זיבן אונ דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די שטראף וואס הט גיטראפן דעם הויפט מאן גריסוס וויל ער הט גירויבט די כלים פון בית המקדש :

אונ גביאנוס שרייבט אבריף קיין רום צום פרעזעס אזו צו זאגין דער בארום זיך איבער אריסתובלוס וייב אונ קונדער אונ שיק זייא אפ קיין ירושלים · אונ אלכסנדר דער זון פון אריסתובלוס פירט ווידער מלחמה מיט דיא רומים ביא דעם בארג גריזים אזוי שיקט גביאנוס דעם אנטיפטר צוא אלכסנדר אז ער זאל מיט אים רעדן וועגן שלום אונ ער זאל אים ווידר קערן אונטער דר האנד פון די רומים · אונ אנטיפטר גייט צום פאלק יהודה אונ שטראפט זייא אונ מאכט זיי אונטער טעניג צו גביאנוס אבר אלכסנדר אליין וויל ניט הערן ער נעמט מיט זיך דרייסיג טוזונט גבורים פון יהודה אונ גייט צום בארג תבור אונ האלט מלחמה מיט גביאנוס · אונ גביאנוס דר שלאגט צעהן טוזונט מאן אונ אלכסנדר אנטלויפט מיט צוואנציג טוזונט מאן · אזו קערט גביאנוס קיין ירושלים אונ שטארקט דס קינעגרייך פון הורקנוס אונ אנטיפטר · אונ דר נאך גייט ער צוריק קיין רום · אונ איאר ארום הט דאס לאנד פרס ווידער גישפעניגט קייגין די רומים · אזו שיקן זיי דעם הויפט מאן גריסוס מלחמה צו האלטן אוף דעם לאנד פרס ומדי · אונ גריסוס גייט דארך דעם ים צו דר שטאט יפו אונ ער קומט צום ערשט קיין ירושלים ער גייט אין בית המקדש אריין אונ פאר נעמט אלע אוצרות פון גאלד · אזו זאגט אלעזר כהן גדול צו גריסוס פר וואס שטרעקסט דו אום דיין האנד צו נעמן די הייליגי כלים פון גאטס הוז איך וועל דיר שענקין איין גאלדעני זייל זיא וועגט דרייא הונדערט פינט גאלד אבער דו זאלסט מיר שווערן אז דו זאלסט ניט נעמן די כלים פון גאטס הוז אזו שווערט גריסוס אוף דעם. נעמט אלעזר הכהן די גאלדעני זייל פון דעם קדשי הקדשים אונ גיט זיא צוא גריטוס · אזו ברעכט דער גריסוס זיין שבועה אונ נעמט דיא כלים פון גאטס הויז זיי וועגין צווייא טוזונד צענטנער גאלד :

אונ גאט הט דעם גריסוס באלד גשטראפט דס זיין גאנץ חיל אונ ער אליין

איז ניפאלען אין דער מלחמה פון פרס ומדי אונ די פרסים זענין ווייטר
גנאנגן אונ האבן אונטר טעניג גמאכט דס לאנד ארם ביז עס איז גקומן
קאסיאוס פון רום אונ הט זיי פר טריבן אונ ער גייט נאך דעם צום לאנד
יהודה דען דס פאלק האבן מלחמה גהאלטן מיט הורקנוס אונ אנטיפטר
אזו העלפט זייא קאסיאוס אונ מאכט דעם הורקנוס ווידר פר קינעג · אין
יענר צייט איז אין רום אוייב פון איינעם פון די דריי הונדרט אונ צוואנציג
יועצים גנאנגן צום קינד אונ זי שטארבט אונ דס קינד צאפילט אין איר
אזו שניידן זיי אוף איר בוך אונ נעמן דס קינד לעבדיג ארוס אונ מען ציהט
דס קינד אוף אונ רופט עס מיט דעם נאמן יוליאוס וויל עס איז גבורן גווארן
אין חודש אב אונ דר חודש אב הייסט אוף רומיש לשון יוליאוס זיי רופן
אים נאך אנאמן קיסר דס איז אוף זייער שפראכי אוס גשניטן וויל ער
איז אוס גשניטן גווארן אוס דעם לייב פון זיין מוטער אונ אזו בלייבט זיין
נאמן יוליאוס קיסר · פון אים אן רופט מען יעדן קינעג ניט מלך נאר קיסר
אונ דס איז אלץ גשעהן פר דעם בית שני :

## דער אכט אונ דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער צייגט ווי דער יוליאוס הט
זיך אליין גמאכט פר איין קיסר אין רום :

אין זעקסטן יאר פון חזקיה מלך יהודה איז אוף איין אינזל גוועזן צוויי ברודר דר עלצטר הט גהייסן מאייא אונ דר יונגרר יונייא דעטאלט איז ביי די יונים גוועזן אין יאר נור אכט חדשים אונ די צוויי ברודר האבן גבועט אגרוס שלאס אזו האבן די יונים גמערט צוויי חדשים אין יאר נאך די נעמן פון די צוויי ברודר מאיי אונ יוניי אוך האבן די צוויי ברודר גהייסן רומילוס אונ רומילאוס אונ דאדורך הט מען די שטאט ווס זיי האבן גבועט גרופן רום דר נאך האבן אין דר שטאט קינגט יוליאוס קיסר אונ אגוסטוס קיסר אזו האבן זיך גמערט נאך צוויי חדשים אין יאר אזו האבן זיי אין יאר צוועלף חדשים אונ אזו בלייבט עס ביז אין היינטיגן טאג · אונ יוליאוס קיסר איז אלט גוועזן ניינצעהן יאר אז ער איז גווארן קיסר · אונ ער הייבט אן מלחמה צו האלטן ער זאל אלי פעלקר מאכן אונטער טעניג אונטר די רומיים אונ ווי ער קומט צוריק מיט שמחה אונ מיט גרוס כבוד זאגט ער צו די גבורים פון די רומיים עס איז רעכט איך זאל זיין דר קיסר פון רומי אונ זאל קינגן איבר אייך · אונ ווי דער פרעזעס הערט דס שיקט ער נאך אים אונ זאגט דו ביסט דס דר דאזיגר ווס הט גרעד מיט שטאלצקייט דס דו ווילסט קיסר זיין ענטפערט יוליאוס דס ווס איר הט גהערט דס איז אלץ אמת איך וויל קיסר זיין אונ דר פרעזעס איז גוועזן אפריינד צו אים אזו זאגט ער ווען איך זאל מיך ניט דר בארמן אוף דיינע יונגע יאר וואלט איך דיך גהייסן הארגנן וויל דו האסט איבר גטרעטן דס גזעץ ווס מיר האבן גשווארן עס זאל אין רום קיין מלך ניט הערשן נאר אפרעזעס מיט דריי הונדערט אונ צוואנציג

יועצים דען ווען תארבינוס הט געקיניגט הט ער בצווינגן אאשה מיט גוואלט אונ זי איז דאנאך געשטארבן הט מען דעמאלט גשווארן אז עס זאל ביי אונז קיין מלך ניט זיין אונ דער נאך ווען אלכסנדר מוקדון הט גהערשט איבר אונז. נאך זיין טוט האבן אונזרי עלטערן אוך גשווארן אז עס זאל ביי אונז קיין מלך ניט זיין אונ וויא אזו ווילסטו איבר טרעטן אונזר געזעץ דרום שווייג שטול אונ רעד ניט מער דס נארישקייט אבר יוליאוס גייט אונ טוט זיך אן די קרון אוף זיין קאפ אונ גייט ארוס פון רום מיט אלע זיינע גבורים אונ האלט איין גרוסע מלחמה מיט זיינע פיינד אונ פר גיסט פון זיי פול בלוט אונ ער גייט צוריק קיין רום אונ ער לאזט דעם פרעזעם טייטן אונ די איבריגע פאלן אים צו דיא פוס אונ אנטפאנגן אים אלעם קיסר מיט גרוס כבוד. אונ ווי פומפיוס דר אברסטר הופט מאן פון רום הערט דס זאמילט ער איין פול חיל פון אלע לענדר אונ קומט מלחמה האלטן מיט יוליאוס קיסר אונ ווי יוליאוס הערט דס לאזט ער פריי דעם אריסתובלוס וואס איז גזעסן פול יאר אין דר תפיסה אונ גיט אים צוועלף טוזונט גבורים ער זאל גיין מלחמה האלטן מיט דעם פומפיוס אונ שיקט צו די וואס זיצען אין לאנד יהודה זיי זאלן דעם אריסתובלוס בהילפיג זיין מלחמה צו האלטן קיינגן ירושלים אונ פומפיוס דר שרעקט זיך פר אריסתובלוס אונ ער שיקט צו אים שלוחים וועגן שלום אונ זיי עסין אונ טרונקן מיט אים אונ ביי דעם עסן גיבן זיי אים סם אונ ער שטארבט. דער נאך גייט פומפיוס קיין רום מלחמה צוא האלטן קייגן יוליאוס אבר יוליאוס טייט אים אין דר מלחמה דעמאלט קומט אנטיגנוס דר יונגסטר זון פון אריסתובלוס אונ וויינט אונ שרייט פר דעם קיסר יוליאוס וועגן זיין פאטר אריסתובלוס דס מען הט אים סם איין גגעבן דורך דער עצה פון אנטיפטר וואס איז גוועזן אגוטער פריינד פון פומפיוס: אזו זאגט אנטיפטר צום קיסר צום ערשטן בין איך גוועזן אפריינד פון פומפיוס אבר יעצט בין איך געטריי מיין הער דעם קיסר יוליאוס. זאגט דער קיסר יוליאוס צו דעם אנטיפטר פריד צו דיר דו האר פון יהודה דוא זאלסט זיין איין אברסטר הופט מאן אין רום אונ אנטיפטר גייט קיין ירושלים אונ יוליאוס קיסר קערט זיך אום קיין רום:

## דער ניין אונ דרייסיגסטער פרק

דא ווערט דער צייקט ווי הורדוס לאזט דער שלאגן דעם הורקנוס:

ווי הורדוס הט אן גהובן צו קיניגן הט ער אלי פרושים ליב גהאט אוך אלי תנאים אונ רבנן וויל זיי האבן אים איין עצה גגעבן ער זאל קיניגן אבר זייני פיינד הט ער גטייט אונ הט אוועק גנומן זייער פר מעגין אוך ווער עס איז ארוס גגאנגן פון ירושלים אונ יעדן טוטן וואס מען הט ארוס גטראגן הט ער גלאזט בזוכן אונ אוועק נעמן דאס גאלד אונ זילבר וואס זיא האבן ביי זיך. אין דער צייט איז גזעסן הורקנוס דער זון פון אלכסנדר אין לאנד קדם דען אנטיגנוס דער זון פון אריסתובלוס הט אים פר טריבן קיין בבל

און ווי הורדוס הערט דס אז הורקנוס יעצט אין בבל מיט גרוס כבוד פארפט אר זיך דס ער זאל ניט צוריק קומן אפ צו נעמן דס קיניגרייך פון אים און ער שיקט זאגי צום קיניג פון פרס אזו צו זאגן ביי דיר אין לאנד איז דא מיין פריינד הורקנוס און וויל איך וויל אים כבוד אן טון פר דעם גוטס ווס ער הט מיר גטון דרום בעט איך דיך שיק אים צו מיר אזו שיקט דר קיניג פרס צו הורקנוס אזו צו זאגן אז דו האסט לוסט צו גיין קיין ירושלים צו הורדוס מעגסטו גיין אבר איך גיב דיר איין עצה אז דו זאלסט ניט גיין דען הורדוס מיינט ניט ערינסט . אוך האבן די לייט פון בבל גזאגט צו הורקנוס ליבר הורקנוס זיצט ליבר ביי אונז ווי איין קיניג עס פעלט דיר גאר ניט ביי אונז גלייב ניט דעם הורדוס ער איז אפאלטשער מענטש אבר הורקנוס וויל ניט פאלגן און גייט פון בבל קיין ירושלים . אזו גייט אים הורדוס אקייגן און אנטפאנגט אים מיט גרוס כבוד :

וועשמע און וויא אלכסנדרה די טאכטר פון הורקנוס די שוויגער פון הורדוס הט דאס גהערט און זיא האט אלץ גוויסט זאגט זיא צו איר פאטר היט דיך פר מיין איידם הורדוס דען ער וויל דיך שטילער הייט דער שלאגן דרום פאלג מיך און אנטלויף צום מלך פון ערב אבר הורקנוס וויל ניט צו הערן אזו שיקט זיא צו רוסטיאוס און דער ציילט אים דס און זיא שרייבט איין בריף צו מלוק מלך ערב ער זאל שיקן צו הורקנוס פערד ער זאל צו אים אנטלויפן און שיקט דעם בריף דורך רוסטיאוס ער איז אבר דער וויל מיט הורדוס שלום גוואָרן אזו ווייזט אים רוסטיאוס דעם בריף ווס אלכסנדרה הט גשריבן צו מלוק וועגן דעם הורקנוס אזו הייסט אים הורדוס דעם בריף צו מלוק אוועק שיקן און די אנטוואָרט מיט די פערד צו אים צו ברענגן כדי ער זאל דעם הורקנוס קענן פאנגן . ויעש און רוסטיאוס טוט ווי הורדוס הט אים גבאטן און הורדוס לאזט פר זאמלן אלי זיבציג סנהדרין און זאגט צו זיי איך האב פר אייך אהיימליכע זאך צו ריכטן אזו קומט הורדוס און הורקנוס פר דיא סנהדרין און עס הט קיין מענטש ניט גוויסט פר ווס זיי זענן איין גזאמלט גוואָרן . זאגט הורדוס צו הורקנוס פר די סנהדרין זאג מיר הורקנוס אוב עס איז איין פריינדשאפט צווישן דיר און דעם מלוק מלך ערב און אוב ער הט גשיקט פערד און רייטר נאך דיר דו זאלסט צו אים קומן ענפערט הורקנוס איך האב מיט אים ניט קיין פריינדשאפט און האב צו אים קיין בריף ניט גשיקט אזו ברענגט דר מלך דעם רוסטיאוס מיט דעם בריף פון מלך ערב און ווי די סנהדרין זעהן דס זאגן זיי דר מלך איז גרעכט דר הורקנוס איז דעם טוט שולדיג דרום טוה מיט אים ווי דיין ווילן איז . אזו בפעלט דר מלך מען זאל דעם הורקנוס דעם קאפ אפ האקן און הורקנוס שטארבט ער הט פול גוטס גטון דעם הורדוס און איז גוועזן איין פרומר מאן ער הט זיין לעבינס טאג ניט גטאן קיין בייז און ער הט בשערימט דעם הורדוס ווע מען הט אים גוואָלט הארגן איבר חזקיה פריץ

און עס איז מקוים געווארן וואס שמאי האט גזאגט דו דר בארומסטט דיך איבר
אים אבר שפעטר וועט ער זיך ניט דער בארמן איבר דיר :

## דער פערציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווי הורדוס האט אום גיהארגית זיין גאנץ הויז גיזונד :
ויהי און נאך דעם טרויערט דס ווייב פון הורדוס מיט איר מוטר אלכסנדרה איבר הורקנוס און זיי האבן פיינד דעם הורדוס און דערנאך איז גיוועזן אכהן גדול ניט פון די חשמונאים זיין נאמן איז גיוועזן חננאל · שיקט אלכסנדרה די שווינגער פון הורדוס צו קלעפטרה די קיניגן פון מצרים זיא זאל בעטן איר מאן אנטונינוס דער הופט מאן פון רום ער זאל שיקן צו איר איידים הורדוס דס אריסתובלוס איר זון זאל זיין אכהן גדול · דען ער איז זייער שיין און קלוג און ער איז דר ברודר פון מרימי דס ווייב פון הורדוס · אזו שיקט אנטונינוס אגרוסן מיניסטער יוליאוס דס אריסתובלוס זאל זיין כהן גדול דען זיין ווייב קלעאפטרה וויל טון דעם ווילין פון אלכסנדרה אבער הורדוס וויל ניט פאלגן דעם יוליאוס דען עס איז ניט רעכט אפ צו זעצין אכהן גדול פון זיין כהונה און וויא יוליאוס זעהט דיא שיינהייט פון אריסתובלוס און פון זיין שוועסטר מרימי דס ווייב פון מלך הורדוס · אזו קאן ער זיך ניט פר וואונדערן אוף איר גישטאלט · און גייט צו זייער מוטר אלכסנדרה און זאגט צוא איר הער צוא מיין עצה לאז אפ מאלין זייער בילד אוף אטאביל און איך וועל דס בילד מיט נעמן צו אנטונינוס און אז ער וועט דס זעהן וועט ער טון דיין באגעהר צוא מאכן אים פאר אכהן גדול און זיא שיקט דיא גימאלטי טאבלין דאריך דעם יוליאוס · וויא ער קומט אהיים און ווייזט דעם אנטונינוס דעם פאטרעט פון אריסתובלוס און פון זיין שוועסטר אזוי ברענט אין אים דיא לוסט און ער שרייבט אבריף צו הורדוס פון מיר מארקוס אנטונינוס קיסר און הער פון רום צום מלך הורדוס פון יהודה דו זאלסט גידענקין דס איך האב דיך גימאכט צוא אמלך דרום בעט איך דיך שיק מיר דעם אריסתובלוס דען איך האב אים זייער ליב און אוב דו ווילסט ניט שיקן וועל איך מיט דיר קריג פירען :

## דער איין און פערציגסטער פרק

און ווי דר בריף קומט צו הורדוס אזו מאכט ער דעם אריסתובלוס גישווינד פר אכהן גדול און שרייבט צוריק צו אנטונינוס דו זאלסט וויסען דס ער איז אכהן גדול וויא די האסט גיבאטן און ווען ער וועט אוועק גיין וועט פול בלוט פר גאסן ווערן צווישן די כהנים אום ווילין אכהן גדול דרום לאז אפ פון אים אויך וועלן זיי ליבר שטארבן איידר זייא זאלן לאזין דעם כהן גדול ארויס פון דעם בית המקדש · און אריסתובלוס איז גיווארן אכהן גדול ווען ער איז נאר פופצן יאר אלט גיוועזן און חננאל איז אפ גיווארפן גיווארן פון דר כהונה ניט נאך דעם רעכט פון דער תורה אבער הורדוס איז אין דער זאך גאר ניט שולדיג גיוועזן דען ער האט דעם אריסתובלוס בשירומט פר אנטונינוס פו

הוטא דס ער זאל אים ניט פר אום ריינגן אוך צוא ליב זיין שווינער זיא זאג
ניט צארינדיג זיין איבער איר פאטער הורקנוס וואס ער האט אים דער שלאגן ·
אונ דער צייט איז גיקומן איין כישוף מאכער אונ זאגט צו הורדוס איר זאלט
וויסן אייער שווינר הט אייך פאנד אונ וואלט אוף אייך גערן אנגרייצט איין
מלחמה אזו בפעלט דר מלך מזאל די זאך האלטן בסוד. אונ אלכסנדרה שיקט
אבריף קיין מצרים צו קלעאפטרה דס זיא וויל צו איר מיט איר זון אנטלויפן
פון הורדוס אונ אלכסנדרה לאזט מאכן צוויא קאסטינס גלייך ווי מען מאכט
אוף די טוטי אונ לאזט זיך אונ איין קאסטן אריין לייגן אונ איר זון אריסתובלוס
אונ דעם אנדערן אונ הייסט איר קנעכט מזאל זיא פירן גלייך קיין מצרים
צו קלעאפטרה אזו גייט סביון איינר פון אירע יועצים אונ דר ציילט די זאך
דעם מלך הורדוס אזו בפעלט אים דער מלך דס ווי זיא וועט זיך לאזן אוועק
טראגן זאל מען די קאסטינס צו אים ברענגן אזו לאזט דר סביון ברענגן זייא
ביידע צום מלך אונ ווי ער עפינט די קאסטונס גיפינט ער זיי דרונן זאגט ער
צו אלכסנדרה ווי לאנג נאך וועסטו מיך פאנד האבן אונ וועסט טראכטן צו
אנטלופן פון מיר אונ ער טוט זיי אלע ביידע שטראפן ווי אגוטר פריינד אונ
זאגט צו זיי איך שענק אייך דס מאל צוא ליב מיין וייב מרימי · אונ ווי עס אי
גיקומן סוכות אזו גייט אריסתובלוס צום מזבח או גיטון אין די קליידר פון כהן
גדול אונ ער איז זייער שיין זאגט דס פאלק גילובט ביסטו גאט דס דו האסט
אונז גיגעבן אזו אשיינעם כהן גדול זיין גישטאלט איז וויא אמלאך אונ זייא
פרייען זיך מיט אים אונ האבן אים זייער ליב אזוי טראכט זיך הורדוס אפשר
וועל זיי אים מאכן פר אמלך איבר זיך אונ וועלן מיך אפ ווארפן אונ ער הייבט
אן צו טראכטון דס ער זאל אים לאזין טייטן · אונ דר מלך גייט מיט זיין הוי
גיזונד אונ זיינע הערן קיין יריחו אונ פרייד זיך מיט זיי אגאנצין טאג דר נאך
גייט ער מיט אריסתובלוס צום וואסער אונ דארט זענן גיוועזן פול קנעכט פון
הורדוס אונ ווילן זיך איינר דעם אנדערן אויף גילעקטר דר טרינקן אונ וויא
אריסתובלוס שטייט פון ווייטין זאגט איינר מיט גיבאט פון הורדוס קום מיט
אונז אין וואסער אריין מיר וועלן זיך אביסעל שפילין אונ ווי ער וויל גיין זאגט
דער מלך עס פאסט ניט איין כהן גדול זאל זיך שפילען מיט קנעכט אבער
אריסתובלוס איז לוסטיג ווי איין יונגר מאן אונ ער גייט אין וואסר אריין אונ
שפילט זיך מיט זיי אונ הורדוס גייט אהיים דען ער ווייסט וואס וועט גשעהן
אונ ווי אריסתובלוס הט זיך מיט זיי גישפילט אזו האבן זיי אים דר טרינקן
אונ וויא דאס פאלק הערט דאס ווייגן זייא אוף אים אונ אלכסנדרה מיט מרימי
שרייען אונ וויינן · אונ מרימי זאגט צום מלך פר דעם פאלק זעהט איר דעם
בלוט שולדיגן מאן עס איז דיר ניט גינוג גיוועזן דס דו האסט דעם אלטן מלך
הורקנוס דר שלאגן אונ דס קינעגרייך מיט גיוואלט אוועק גינומן נאר דו האסט
דיך איבר מיין אלטער מוטר ניט דר בארימט אונ האסט מיין קליינים ברודר
דער שלאגן אונ בין אליין גיבליבן פון מיין משפחה אונ דו ביסט פריילעך

ותּצעק אונ מרימי שרייט אונ דר מלך הט אוך מיט איר מיט גיוויינט דען ער הט זיין ווייב זייער ליב גיהאט אונ ער שווייגט שטיל אונ רעד קיין ווארט · אזו דר קענן אלע דם פון אים איז גיוועזן דר טוט פון אריסתובלוס אונ דער מלך באגראבט עם מיט גרוס כבוד אונ פון דם טאג אן רעד ניט מרימי מיט דעם קינעגם מוטר אזה ניט מיט זיין שוועסטר שלומית אונ זיא הט מיט איר אגרוסע שנאה אונ פלוכט אונ פר שעמט זיין גאנצע משפחה איבער איר ליבען ברודר · אונ קפרון די מיטער פון הורדוס דר צייקט אים דס·אבר ער הט ניט גיוואלט הערן דען ער הט ליב זיין ווייב מרימי אונ זיא איז זיכר ער וועט איר ניט טון דארך זיין ליבשאפט אונ זיא רעסטערט גאר זיין משפחה פר גרוס קרענקונג אונ פרדרוס :

## דער צוויי אונ פערציגסטער פרק

**בימים** ההם אונ דר צייט הט אנטונינוס מלחמה גיהאלטון מיט דעם קיסר אגוסטוס · אזו הט דר קיסר אגוסטוס דעם אנטונינוס דער שלאגן אונ ווי הורדוס הערט דאס הט ער מורא דען ער איז גיוועזן איין פריינד פון אנטונינוס אונ ער שיקט זיין מוטר קפרון מיט זיין שוועסטר שלומית צו פרודה קיין אדום אונ זיין ווייב מרימי מיט איר מוטר אלכסנדרה ניט ער איבר אונ דר האנד פון יוסף דער מאן פון שלומית ער זאל זייא פירן קיין אלכסנדריא אין לאנד יהודה אונ ער בשווערט דעם יוסף מיט דעם שומי ווען איר וועט הערן דס אגוסטוס הט מיך גיטייט זאלט איר מיין ווייב מרימי טייטן כדי עס זאל ניט דר פרייד ווערן אנאנדר מאן אונ אוך איר מוטר אלכסנדרה זאלט איר טייטן · אונ הורדוס גייט צום קיסר אגוסטוס קיין רום אונ ער הט שטארק מורא דען דר קיסר הט זיך דר וויסט דס ער איז אים איין פאנד · ער קומט צום קיסר אונ בוקט זיך פר אים ביז צו דר ערד אונ זאגט איך האב גיהערט דס דו הער קיסר ביסט זייער צארינגדיג אוף מיר אזו בין איך גיקומן צו דיר אום ווילן דיין דר בארימקייט דען דו ביסט אקלוגר מאן ווי גאטס מלאך אונ אוב דו ביסט צארינגדיג אוף מיר וויל איך האב ליב גיהאט דיין פאנד אנטונינוס אזו שטייא איך אצונד פר דיר אונ וויל בקענן דען עס איז אמת דס איך בין זיין גוטער פריינד גיוועזן עס איז אבר נאר דאדורך גוועזן וויל דוא האסט אים צוא מיר גישיקט אונ נאר דארך דיין גיבאט ווס דו האסט מיר באפולן בין איך אים צוא הילף גינאנגן · אונ ווי ער הט קיינן דיר מלחמה גיפירט האב איך צווישן אייך גיוואלט שלום מאכן דוא קענסט פון מיינע רייד דר קענן דס איך רעד די ווארהייט · אוך גלייב מיר דס נאר זיין ווייב קלעאפטרה הט אים גברענגט צו אלעם בייזן אונ מיט דיר מלחמה צו האלטון ער וואר נאר דר דארך דעם טוט שולדיג ווייל ער הט צו גיהערט אונ גפאלגט איר פאלטשקייט אבר איך בין אין דעם אלעם ניט שולדיג דרום בין איך אליין גיקומן צו דיר אונ בגער פון דיר חסד :

# דער דרייא אונ פערציגסטער פרק

## דא ווערט דער ציילט וויא מען הט מרימי גיהארגית:

אונ דר קיסר אגוסטוס זאגט צו אים דיר קומט די מלוכה פון יהודה אונ עס זאל פר שטאפט ווערן אלע מיילער וואס וועלן אויף דיר שלעכטס רעדן דען איך זעה דס דו רעדסט די ווארהייט אונ דו ביסט מיין פריינד דרום וועל איך טון דיין ווילן. אונ דר קיסר אגוסטוס נעמט די קיניגליכע קרון אונ זעצט זיא אויף דעם קאפ פון הורדוס אונ גייט מיט אים ביז קיין מצרים אונ שענקט אים אלע שטעט וועלכי אנטונינוס הט דר קלעאפטרה אוועק גגעבן אויך שיקט ער פיר הונדרט גבורים זיי זאלן אים מיט גרוס כבוד קיין ירושלים בגלייטן. נישב אונ ווי דער מלך הורדוס קערט זיך אום גיפינט ער זיין הויז גיזונד אין טרויעריג. דען זיי האבן גיהערט פון יוסף דס דר מלך הט בפולן ווען ער ווערט גיטייט ווערן פון קיסר אגוסטוס זאל מען זיין ווייב מרימי מיט איר מוטער אלכסנדרה אויך טייטן דריבר הט מרימי גיטרויערט. אונ דער מלך טוט זיא טרייסטן אונ דר ציילט איר דעם כבוד וואס ער הט גיהאט אין רום פון קיסר אגוסטוס אבר זיא איז דאך ניט פריילך אונ זיא שעלט אונ פר שעמט גאר זיין פאמיליע אונ דר מלך הט גרוס צער דר פון דען ער הט זיא זייער ליב. אונ עס איז גיוועז אמאל קריג צווישן מרימי אונ שלומית דיא שוועסטער פון הורדוס אזו פלוכט מרימי די פאמיליע פון שלומית. אזו גייט שלומית צוא איר ברודער הורדוס אונ זאגט דו זאלסט וויסען ווען דו ביסט גיוועזן ביי דעם קיסר אגוסטוס איז מיין מאן יוסף גילעגן ביי דיין ווייב מרימי דרום זעה וואס צו טון אבר הורדוס וויל ניט גלייבן דען ער ווייסט דס זיין ווייב מרימי איז פרום אונ ער רופט די מרימי אונ זאגט צו איר ווארום האסטו מיך אזו פאנגד איך האב דאך דיך זייער ליב ענטפערט מרימי וויא קענסטו מיך ליב האבן ווען דוא האסט מיך גיוואלט לאזין טייטן דען ווי דו ביסט גיפארן קיין רום צום קיסר אגוסטוס האסטו בפולן דיין שוואגר יוסף דער מאן פון שלומית דס ווען דר קיסר אגוסטוס וועט דיך טייטן זאל יוסף מיך הארגנן. אונ ווי דער מלך הערט דס ווערט ער זייער דער שראקן אונ טראכט זיך אצונד זעה איך אז דס וואס שלומית הט גיזאגט איז אמת דס איר מאן יוסף איז גילעגן ביי איר דען ער הט איר מיינע סודות אוס גיזאגט אונ ער גייט ארוס פון דעם הויז פון מרימי. ווי שלומית דר הערט אז דר מלך איז אין צארן אויף מרימי. אזו רופט זיא אקנעכט פון מלך אונ גיט אים פול גאלד אונ זאגט צו אים נעם דס פלעשיל מיט סם אונ גיי צום מלך אונ זאג אים אז מרימי הט מיך מיט דעם פלעשיל גישיקט צו דיר דס ווען דוא וועסט עס טרונקען וועסטו זי ווידר ליב האבן אבר איך פארכט מיך אוב דס איז ניט קיין סם דען זי הט מיר צוא גיזאגט גרויסע מתנות דאפיר. דר מלך דער שרעקט זיך זייער אונ גיט ראס גיטראנק צו טרינקען אמענטש וואס איז דעם טוט שולדיג. אונ דער מענטש שטארבט באלדי. אזו לאזט דר מלך פאנגן זיין ווייב מרימי אונ זיין שוועסטרם

מאן יוסף מיט זיין פריינד שומי וואס איז פון דר שטאט צור • אונ אוך איינער פון די באדינער פון מרימי כדי זיי זאלען מודה זיין אז זיא האבן צו מרימי גיגעבן איין עצה זיא זאל דעם מלך פאר סאמן אבר זיי האבן ניט מער מודה גיוועז נאר אז זיי האבן איר ענטדעקט אז ער הט מרימי גיהייסן טייטן ווען דר קיסר אגוסטוס וועט אים אומברענגן • אזו בפעלט הורדוס צו טייטן דעם יוסף אונ שומי אבר מרימי הט ער גילאזט אונ דר תפיסה ביז ער וועט איין זאמלין די סנהדרין זיא צו משפטין דארך דער תורה אבער זיין שוועסטער שלומית זאגט צו אים דו זאלסט וויסן ווען דו וועסט מרימי דעם היינטיגן טאג לאזין לעבן • אזו וועלן זיך איין זאמלן אירע פריינד אונ וועלן מיט דיר מלחמה האלטון אז דוא זאלסט זיא ניט טייטן דרום לאז זיא דעם היינטיגן טאג אום ברענגן אזו וועסטו זיין אין שלום אונ עס וועט שון קיינר קיין ווארט ניט רעדן זאגט דר מלך צו זיין קנעכט וואס איז גיוועזט איבר דר תפיסה פיר ארום די מרימי אונ גיב זיא אונ דר האנד אריין פון מיין שוועסטר שלומית. אזו לאזט די בייזע שלומית פירען די פרומע מרימי אום דער שטאט אונ אלכסנדרה די מוטר פון מרימי גייט צו שלומית אונ זאגט צו איר ווי לאנג נאך וועסטו זיין שלעכט גאט וועט זיך אין דיר רעכנן אונ דו וועסט ניט לאנג לעבן נאך מיין טאכטערס טוט דען דוא וועסט ניט רוהן מיט דיין בייזהייט ביז דו וועסט דיין אייגינם ברודר הורדוס אוך הארגנן • אוך פרעמדי ווייבר קוקין אום די פענצטר אונ פלוכן די שלומית וויל זיא פירט די מרימי צו הארגנן אום זוסט אבער מרימי שווייגט גאר שטיל אונ נעמט אן פון גאט פר ליב אונ גייט צום טוט גלייך ווי מיגייט צום טאנץ אונ עס ווערט ניט פר ענדרט איר פארב פון פנים אונ ווי זיא קומט אוף דעם ארט ווי מיזאל זיא הארגען אזו שטרעקט זי אום איר האלז צו דר שווערד אונ מען שעכט זיא דארך דעם גיבאט פון מלך אונ עס איז איר גלייכן אוף דער גאנצר וועלט ניט גיוועזן אונ שיינהייט אונ קלוגהייט אונ פרומקייט אונ גאט האט ניט גיזומט צוא בצאלן דעם טוט פון מרימי אונ הט גישוקט אמגפה אוף דעם הוז פון הורדוס אונ עס זענן זייער פול פון זיי גשטארבן . אזו הט הורדוס אונ דס פאלק יהודה גוויינט אונ גשריגן צו גאט אונ הורדוס זאגט הער גאט איך וויים וואל דס דיא זונד איז פון מיר איבר דר פרומי מרימי איך האב זיא אום זוסט אום גיברענגט פאר גיב מיר מיינע עבירות אונ לאז מיך אליין שטארבן אבר וואס איז דס פאלק שולדיג אזו הערט גאט צו זיין גיבעט אונ די מגפה הערט אוף :

## דער פיר אונ פערציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי הורדוס הט גלאזט הארגינען אלכסנדרה אונ דער מלך טרויערט נאך זיין ווייב מרימי ער גדענקט תמיד איר נאמן אונ קאן זיא גאר ניט פר געסן אונ לאזט מאכן איר פאטרעט אונ האלט אים לעבן זיך אונ אלי הערן טוען אים טרייסטן אבר ער נעמט ניט אן קיין טרייסט אונ וויינט אלי טאג ביז ער ווערט קראנק אונ ווי אלכסנדרה הערט

אז דר קיניג איז קראנק אזו טראכט זיא ביי זיך דעם מלך צו טייטן אונ דס ווערט דר מלך גוואר אונ בפעלט מען זאל אלכסנדרה אוך טייטן. אונ דער מלך הורדוס הט צוויי זון פון דער קיניגן מרימי אריסטובלוס אונ אלכסנדר אונ מען הט זיי גשיקט נאך ביי דעם לעבן פון דער מוטר קיין רום צו לערנן לטייניש אונ ווי זיי הערן דס מען הט גהרגית זייער מוטר ברענט אין זיי זייער צארן אבר זיי שווייגן שטיל. אונ ווי דר מלך הורדוס איז ווידר גזינד גווארן גיט ער זיין שוועסטר שלומית איין מאן זיין נאמן איז כוסתובורוס דער זון פון דעם מלך אדום ווס איז גוועזן אונטר דר האנד פון יהודה אונ כוסתובורוס שרייבט קיין מצרים זיי זאלן קומן מלחמה האלטן אוף דעם מלך הורדוס. אזו ווערט הורדוס בייז אונ וויל אים הרגני אבר שלומית בעט פר אים אזו שענקט ער אים זיין לעבן. דר נאך איז ווידר קריג צווישן שלומית אונ איר מאן כוסתובורוס אונ זיא רעד שלעכטס פר דעם מלך אוף אים אזו בפעלט אים דער מלך אז ער זאל איר גט געבן. אונ שלומית זאגט צו הורדוס אז כוסתובורוס הט פר בארגן פול חשמונאים פון אלאנגי צייט אין אקליין דארף. אזו שיקט הורדוס אונ לאזט זיי אלי אונ אוך דעם כוסתובורוס הארגעגן אונ הורדוס פר שוועכט דיא תורה ער מאכט פול ווינדרליכע זאכן. ער מאכט איין גריב מיט לייבן אונ בערין אונ ווילדע חזירים אונ וועלף אונ נווארפט צו זיי שאף אונ רינדר אזו האבן די חיות איין מלחמה מיט אנגדר אונ ער בוט פול פעסטע שטעט ווס קיין מלך פר אים אונ נאך אים הט זעלכע גרוסע ווינדרליכע זאכן ניט גטון:

## דער פינף אונ פערציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווי הורדוס הט גיגעבן
איין עצה צוא בויען דאס בית המקדש:

אין דרייצעגטן יאר פון זיין רעגירונג איז גוועזן אגרוסר הונגר אין לאנד יהודה אונ אין אלי לענדר ווס הורדוס הט בצווינגן אונ דס פאלק איז באדורך זייער פר ארימט גווארן אזו לאזט ער עפינן זיין שאץ קאמר ווס ער האט פון לאנג אונ גיט דעם פאלק געלד זיי זאלן ברענגן תבואה פון מצרים דען אין מצרים איז גוועזן גרוס זעטיקייט אונ דר קיסר אגוסטוס פון רום הט גשיקט טוזונט שיפן קארן אונ הורדוס גיט עס אוך דעם פאלק אוועק אונ זיי האבן אים זייער ליב אונ פר געסן ווס ער הט גטון צו זיין וייב מרימי אונ צוא דיא חשמונאים אונ זיינע פיינד רעדן שוין ניט מער קיין שלעכטס אוף אים פר מורא דען זיין גיוואנהייט איז גוועזן אז ער הט זיך אן גיטון צוריסנע קליידר מען זאל אים ניט דער קענן אונ איז גינאנגן צווישן דעם פאלק אונ הט אוס גיהערט וואס מען רעד אוף אים אונ ווער עס איז זיין פיינד גיוועזן האט ער גלאזט באלד טייטן אבער זיינע פריינד הט ער רייך גימאכט אונ אזו הט ער איין גינומן נאר דס פאלק. אונ ער זאמילט איין נא דס פאלק אונ זיינע גבורים אונ זאגט הערט צוא איר ליב פאלק ישרא

גאט הט אייך אזו גוויילט פון אלי פעלקר וועגן דעם ליבשאפט פון אונזרע עלטערן אברהם יצחק אונ יעקב אונ מיר האבן בצווינגן פול שטעט אונ לענדר נון ווארום זאלן מיר ניט בצאלן אונזר ליבן גאט צו בויען דס בית המקדש דען אז אונזערי עלטערן האבן ווידר גקערט פון גלות האבן זיי עס גבויט גאר ענג אונ קליין דען זיי זענן גוועזן אונטר טעניג אונטר דעם מלך פון פרס אונ מדי דריבר האבן זיי גמוזט בויען נאך דער מאס וואס מע הט זיי גגעבן אונ ווען די חשמונאים האבן בצווינגן די יוונים האבן זיי אויך ניט גקענט מאכן נאך זייער ווילן נאך דורך די גרויסע מלחמות אבר אצונד האבן מיר רוה פון אלע אונ איך בין רייך דרום איז מיין עצה דס אלטע בית המקדש איין צו לייגן אונ איין גאנץ נייעס צו בויען איך וועל קיין טוח אונ קיין געלד ניט שפארן עס זאל זיין ווי דאס ערשטע בית המקדש וואס שלמה הט גבויט אבר דס פאלק שווייגט שטיל אזו פרעגט דער מלך פאר וואס זיי שווייגן אזו שטייט אויף איין אלטר מאן אונ זאגט עס איז זייער שיין פון דיר הער קיניג דס וואס דו ווילסט גאטס הויז בויען אבר דס פאלק הט מורא דס אלטי איין צו לייגן אפשר וועט מען דס נייע ניט אויף בויען אונ וואס וועלן זיי טון אן איין בית המקדש דרום זאלסטו אן ריכטן דיין גאנץ בערפניש צום הויז וויא דו האסט דיין ווילן צו בויען אונ זאלסט עס בויען ארום דעם אלטן הויז אונ נאך דעם זאלסטו איין לייגן דס אלטי הויז אזו וועט גאט זיין מיט אונז אונ וועט אונז בגליקן :

## דער זעקס אונ פערציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויפעל מענטשן עס האבן גבויעט דס בית המקדש :
אונ וויא דר אלטר מאן הט אויף גהערט צו רעדן אזו ענטפערט דס פאלק אונ זאגן פון גאט זענן די ווערטר אזו וויא דר אלטר מאן הט גרעד אונ דר מלך טוט אזו ער לאזט אן גרייטן אלע בערפניש האלץ אונ שטיינר אונ וועגן אונ פערד אונ אייזלן אונ אקסן אונ גאלד אונ זילבר אונ עדיל גשטיין אן צאל אונ מאס . מייסטרס זענן גוועזן צעהן טויזנט . קנעכט פון פרעמדע פעלקר וואס האבן גהאקט די שטיינר ניינציג טויזנט . קנעכט וואס ארבעטן ביי דעם האלץ אין די וועלדר צעהן טויזנט . יהודים וואס מען הט זיי גצאלט דרייסיג טויזנט . כהנים וואס מעגן גייען אין קדשי קדשים אריין ווי קיין ישראל טאר ניט קומן טויזנט . לוים וואס זענן באקאנט אין גזאנג אונ אין דער ארבעט פינף הונדרט . אזו זאמלט זיך איין גאר דס פאלק אונ פרייען זיך זייער אונ זאגן מיר זענן גרייט צו דער ארבעט אונ גאט זאל אונז בגליקן אונ דער מלך הייבט אן אליין מיט זיינע אייגינע הענד דעם גרונד צו פעסטונגן איין גאנצן טאג וויא איין גרונגענר אונ אלי הערן פון יהודה ארבעטן מיט אים דעם אפ גרונד פון נייעם גאטס הויז :

דא

## דער זיבן און פערציגסטער פרק

דָא וָוערְט הֶער צֵיילְט וִויפֶעל דָס בֵּית הַמִקְדָשׁ הָט גְהַאלְטְן: און דָס הויז וָוס הורְדוס הָט גְבוֹיט אִיז גְוֶוען הונְדֶרְט אֵייְלְן לַאנְג און הונְדֶרְט אֵייְלְן בְּרֵייט און הונְדֶרְט צְוָואנְצִיג אֵיילְן הוֹךְ און עֶס אִיז גְוֶוען גְבוֹיט אוֹס לוֹטֶער וַוייסְן מַארְמַאר שְׁטֵיין די לֶענְג פון יֶעדְן שְׁטֵיין אִיז גְוֶוען פִינְף און צְוָואנְצִיג אֵיילְן און די בְּרֵייט צְוֶועלְף אֵיילְן און די גְרֶעב אַכְט אֵיילְן און אַלֵי טִירְן הָט עֶר בַּדֶעקְט מִיט זִילְבֶּר און עֶר הָט גְמַאכְט פָאר הָאנְגן בַּדֶעקְט מִיט גָאלְד און בְּלָאה זַייד און פוּרְפֶּר וָואל · דָס קָדְשֵׁי קָדָשִׁים הָט עֶר גְמַאכְט וִוי דָס עֶרְשְׁטֶע אוֹס לוֹטֶר פֵּיין גָאלְד און הָט גְמַאכְט אַרוּם אֵיין וַויין שְׁטָאק אוֹס רֵיין גָאלְד און די בְּלֶעטֶר און צְוַוייגְן פִינְקְלְן אִין אִים וִוי די שְׁטֶערְן אִין הִימְל און עֶר בּוֹט צְווִישְׁן דֶעם הֵיכָל אֵיין זִיבְּעֶרְנֶע וַואנְד און די טִיר מַאכְט עֶר אוֹס גְגָאסְן גָאלְד און אִיבֶּר דֶער טִיר מַאכְט עֶר אֵיין שְׁוֶוערְד אוֹס אֵיין צֶענְטְן גָאלְד און לָאזְט אוֹס קְרִיצְן אוֹף דֶר שְׁוֶוערְד וְהַזָר הַקָרֵב יוּמָת דָס אִיז טַייטְשׁ דֶר וָוס אִיז נִיט קֵיין כֹּהֵן טָאר נִיט אַהֶער קוּמֶן דֶען עֶר פַאר דִינְט דֶעם טוֹט · אוֹךְ מַאכְט עֶר דָס מִזְבֵּחַ אוֹס גָאלְד וִוי גָאט הָט גְבָאטְן · גָאט זָאל אוּנְז הֶעלְפְן עֶס זָאל בַּאלְד וִוידֶר אוֹף גְבוֹיט וָוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה:

## דער אכט און פערציגסטער פרק

יא וָוערְט דֶער צֵיילְט דָס מַלְשִׁינוּת וָוס מֶען הָט גְזָאגְט אוֹף זַיינֶי צְוֵויי זוּן אוֹךְ דֶעם קוּמֶן פוּן רוֹם צְוֵויי זוּן פוּן הוֹרְדוֹס זַייעֶר נָאמֶן אִיז אַלֶכְּסַנְדֶר און אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס און עֶס פֶּר דְרִיסְט זֵיי זַייעֶר דֶר טוֹט פוּן זַייעֶר מוּטֶר אָבֶּר זֵיי רֶעדְן גָאר נִיט · און אַלֶכְּסַנְדֶר נֶעמְט אַוַוייבּ די טָאכְטֶר פוּן דֶעם קֵינִיג פוּן כַּפְתּוֹר און אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס נֶעמְט די טָאכְטֶר פוּן שְׁלוֹמִית און שְׁלוֹמִית דֶר צֵיילְט דֶעם הוֹרְדוֹס דָאס זַיינֶי צְוֵויי זוּן זֶענֶן אוֹף אִים בֵּייז און ווילְן אִים טֵייטְן אִיבֶּר זַייעֶר מוּטֶר מְרִימִי · און וִוי הוֹרְדוֹס הֶערְט דָאס אַזוֹ רוּפְט עֶר זַיין זוּן אַנְטִיפַּטֶר פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶן וַוייבּ און מַאכְט אִים קֵינִיגְן בַּיי זַיין לֶעבְּן און אַנְטִיפַּטֶר אִיז אֵיין שְׁלֶעכְטֶר מֶענְטְשׁ און טוּט זָאגְן לוּגִינְט פַר זַיין פָאטֶר הוֹרְדוֹס דָס זַיינֶע בְּרוּדֶר ווילְן זֵיי בֵּיידֶע הַארְגֶנֶן כְּדֵי זֵיי זָאלְן הֶערְשְׁן דֶען זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ קוּם אַרוּם פוּן אֵיין נִידְרִיגֶע מִשְׁפָּחָה און זֵיי זֶענֶן אֵיינִיקְלֶךְ פוּן מֶלֶךְ הוֹרְקָנוֹס און די קִינְדֶר פוּן מְרִימִי · און אַנְטִיפַּטֶר גֵייט צוּ די פְרֵיינְד פוּן אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס און זָאגְט צוּ זֵיי וִוי אִיז אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס אִיךְ וִויל אִים קֶענֶען דֶען עֶר וִויל מִיךְ און מֵיין פָאטֶר טֵייטְן · אוֹךְ זָאגְט עֶר צוּ שְׁלוֹמִית זָאגְט דַיין אֵיידֶם אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס בַּגֶערְט צוּ נֶעמֶען דָס לֶעבְּן פוּן מֵיין פָאטֶר הוֹרְדוֹס און דֶר נָאךְ וִויל עֶר זִיךְ אָן דִיר רֶעכְנֶן פוּן וֶועגְן זַיין מוּטֶער מְרִימִי: אַזוֹ גֵייט שְׁלוֹמִית צוּם מֶלֶךְ הוֹרְדוֹס און זָאגְט צוּא אִים אַזוֹ הָאט גְזָאגְט אַנְטִיפַּטֶר פַר מִיר אוֹף דַיין זוּן אַרִיסְתּוֹבְּלוֹס און עֶס וְוּנְדֶרְט מִיךְ זַייעֶר

דס ה׳ לאזט ניט טייטן דעם אריסתובלוס . אזו בייזירט זיך הורדוס אונ זאגט ווען דוא וועסט וועסט נאך שלעכטס רעדען פון מיין זון אזו וועסטו אום גיברענגט ווערדן אונ לאז אפ די שלעכטע גידאנקן . אונ ער לאזט רופן זיין עלצטן זון אלכסנדר אונ גייט מיט אים קיין רום צום קיסר אגוסטוס אונ באקלאגט אים דס ער הט אים גיוואלט טייטן אזו רופט דער קיסר דעם אלכסנדר אונ זאגט צו אים פר וואס ווילסטו דיין פאטר טייטן זאגט אלכסנדר צום קיסר אונ צוא זיין פאטר די בעלי לשון הרע ווילן האבן אז מיין פאטר זאל מיך אום ברענגן פון דר וועלט . איך וויל מיין פאטר כבוד אן טון אבר די פאלשע מענטשין לאזין ניט צו אונ דארך דעם איז אוך מיין מוטר אומשולדיג גיטייט גיווארן גאט וועט איהר בלוט רעכנן אונ איך האב ניט אוף מיין פאטער קיין בייזע גידאנקן אוב ער וויל אונז טייטן זענן מיר אונ זיינע הענד אונ ער קען מיט אונז טון וואס ער וויל אונ ער וויינט יעמרליך אזו האבן אלע הערן וואס זענן גוועזן ביים קיסר אגוסטוס אוך גיוויינט . אונ אגוסטוס הייסט דעם הורדוס אז ער זאל שון ליב האבן זיין זון אלכסנדר ווארן ער דר קענט דעם אמת דס ער איז אים ניט קיין שונא אונ הורדוס קישט אונ האלזט זיין זון אלכסנדר אונ עס איז גיווארן צווישן זיי שלום . אונ אגוסטוס שענקט צו הורדוס פול גאלד אונ זילבער אונ זייא קערן צוריק קיין ירושלים :

## דער ניין אונ פערציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וואס אנטיפטר הט גיטון זיינע ברודער ביז זייא זענן גיהרגית גיווארן :

זייא הורדוס איז צוריק גיקומן קיין ירושלים הט ער צו זאמן גירופן דס פאלק אונ הט צו זיי גיזאגט איך האב בשלאסן אז מיינע דרייא זון זאלן נאך מיין טוט קיניגן . עס איז אבר שטענדיג גיוועזן מלחמה צווישן די ברודר דען דר אנטיפטר איז גיוועזן זייער אבייזער מאן ער הט אלערליי מיטל גיטון זיין אלטון פאטר הורדוס איין צו רעדן דס זיי זענן אים פאלטש ווייל ער הט זייער מוטער מרימי גיטייט אונ עס איז אזו ווייט גיקומן דאס דר מלך הט אים גיגלויבט אונ הט דעם אריסתובלוס אונ אלכסנדר אונ נאך פול אנדרי הערן אונ דר תפיסה איינגיזעצט אונ מע׳ הט זיי אזו שטארק גיפייניגט דס זיי זענן גיצווינגן גוועזן צו זאגן דס זיי האבן גוואלט דעם מלך הורדוס פר סאמן אבר אין אמת זענן זיי גאנץ אומשולדיג גוועזן אזו איז גיקומען ארפוליאוס דר מלך פון כפתור אלכסנדרס שווער אונ האט מיט זיין קלוגהייט דעם מלך הורדוס די אויגן גיעפינט דס די בעלי רכילות האבן ליגענט גזאגט דרום הט הורדוס זיי אלע פריי גלאזט אבר דער שלעכטר אנטיפטר הט ווייטר גיטראכט זיינע ברודר פון דער וועלט אום צוא ברענגן כדי ער זאל אליין קיניגן ער הט אן גישטעלט אשלעכטן מענטש אונ דר הט דעם מלך אבריף גיוויזן דס אלכסנדר אונ אריסתובלוס ווילן אים טייטן . אונ דר מלך לאזט זיי שליסן אונ קיישן אונ פירט זייא מיט זיך מיט . אונ אנטיפטר האט איינגיזאמלט זיינע שלעכטע

מענטשן אונ זייא האבן דעם מלך מיט ליגונט איבר גירעד אונ זיינע קונדער בשולדיגט ביז ער איז בייז גיווארן אונ הט באפולן מען זאל זיינע ביידע זון אריסתובלוס אונ אלכסנדר אויף הענגן אונ מען הט זיי גיהאנגן אין שומרון :

## דער פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא אנטיפטר האט גיטראכט צו דר שלאגן זיין פאטר הורדוס :

אונ אנטיפטר פרייד זיך דס זיינע ברודער זענן גיטייט גיווארן אבר דאס פאלק האט אים פאנד גיהאט אונ ער זוכט ווידר שלעכטס אויף זיינע ברודרס קונדר ווס זענן דר וואקסן גווארן דען דער מלך הורדוס הט זיי ליב גיהאט אונ טוט זיך דר בארמן איבר זיי אבר אנטיפטר איז זיי אשונא אזו רופט דר מלך הורדוס דעם אנטיפטר אונ זאגט צוא אים עס טוט מיר באנג דס ווס איך האב צוא גיהערט איך זאל הארגענן מיינע קונדער אצונד וויל איך מיך דער בארמן איבר זייערי קונדער אונ ער באפעלט דס זיין ברודער פרודה זאל געבן זיין טאכטר צו דם עלצטן זון פון אלכסנדר אונ אנטיפטר זאל געבן זייני צווייא טעכטער צו די צוויי זון פון אריסתובלוס . אונ אנטיפטר הט מורא דס וייל פרודה הט פר איין איידים דעם עלצטן זון פון אלכסנדר אז די מלוכה זאל ניט בלייבן אונ זיין האנד דען דר מלך ארכוליאוס פון כפתור איז זיין זיידי אזו ווערט ער אים צו היליף קומן . אונ אנטיפטר וויינט אונ קלאגט פר זיין פאטר אונ זאגט צו אים כל זמן דוא לעבסט וועל איך נאך קענן קיניגען אבר ווען דו וועסט שטארבן וועט קינוגן דער זון פון אלכסנדר דר איידם פון פרודה דען ווער וועט קענן בשטיין קיינן די מלכים פרודה אונ ארכוליאוס . זאגט צו אים זיין פאטר הורדוס זאג דס ניט נאר דוא וועסט הערשן נאך מיין טוט . אבר אנטיפטר הט מורא וייל הורדוס הט נאך פול קונדר פון זייני זיין ווייבר . ויתחברו אונ אנטיפטר מיט פרודה בהעפטן זיך אונ זיי ווילן מאכן מיט ליגונט קריג צווישן אלכסנדרס קונדר אונ הורדוס אבר הורדוס רופט זיין ברודר פרודה אונ זאגט צוא אים גייא אהיים אונ בלייב זיצען אונ דיין הויז . אונ ער שיקט זיין זון אנטיפטר קיין רום צו אגוסטוס . אונ דר זעלביגר צייט איז פרודה קראנק גיווארן ער שיקט צום מלך אונ בעט אים אז ער זאל צוא אים קומן . אונ דר מלך גייט צו אים אונ דר מלך בפעלט מען זאל אלעס אויף שרייבן ווס פרודה וועט זאגן אונ אים עס ברענגן דען דר מלך הט גיהערט דס זיין ברודר הט אים גיוואלט פר סאמין דריבר וויל ער דעם אמת דר גיין . ווי פרודה איז גישטארבן אזו לאזט הורדוס פאנגן די דינר פון זיין ברודר אונ הייסט זיי פייניגן זייא זאלן דעם אמת זאגן זאגט איינע פון די דינסטן צום מלך עס איז אין דעם קיינער ניט שולדיג נאר כוסתיאוס דיא מוטער פון אנטיפטר זיא הט אים איין עצה גיגעבן אז ער זאל גיין קיין רום אונ פרודה זאל ביי דיר בלייבן דיך צו טייטן דען זיא הט גזאגט צו פרודה דו ביסט זיין ברודר אונ דינסט אים פון דיין יוגענט אן פון דעסט וועגן הט ער גוואלט געבן

הונדערט צענטנער גאלד איין שלעכטן מאן ער זאל דיך טייטן • אונ דר מלך גלייבט איר דם דען דר פון הט קיינר ניט געוויסט נאר דר מלך אונ אנטיפטר • אונ דער מלך לאזט פאנגן דעם בפעלר פון אנטיפטרס הוז אונ לאזט אים פייניגן אזו האט ער מודה געוועזן אונ האט אים דער ציילט דאס אז אוריאון הט גישוקט צו אנטיפטר אפלעשיל מיט סם ווי אנטיפטר איז גיגאנגן קיין רום הט ער דם פלעשיל גיגעבן צו פרודה ער זאל דיך פר סאמן • אונ פרודה הט דם פלעשיל גיגעבן זיין פרוי • אזו שיקט דר מלך נאך דער פרוי פון פרודה אונ הייסט זיא מיט ברענגן דאס פלעשיל סם • ווי זיא הערט דס דא גייט זיא אויף אדאך אונ ווארפט זיך אראפ אבער זיא איז ניט גישטארבן הט מען די פרוי גילייגט אין אבעט אריין אונ מען הט זיא גיברענגט פר דעם מלך אונ דער מלך זאגט צוא איר זאג מיר דעם אמת אונ ווען ניט וועל איך דיין פלייש שניידן • זאגט די פרוי איך וועל דיר זאגן דעם אמת דען מיין מאן פרודה איז שון טוט אונ ווען ער וואלט גילעבט וואלט איך זיינע סודות קיינם ניט ענדעקט גידענק דעם טאג ווען די ביסט גיקומן צו דיין ברודר פרודה אין דר קראנקייט אונ דו האסט גיוויינט ווי אברודר ווי עס איז אבינדר גיווארן אונ דו ביסט אהיים גיגאנגן הט מיך מיין מאן פרודה צו זיך צו גירופן אונ זאגט צו מיר האסטו גיזעהן ווי פיל טרערן מיין ברודר הט פר גאסן אונ איך האב מיך גילאזט אן רעדן פון דעם רשע אנטיפטר צוא בצאלען אים בייז פר גוטס אצוגד ברענג מיר דם פלעשיל מיט סם וואס דר בייזער אנטיפטר הט מיר גיגעבן מיין ברודר צו טייטן אונ איך האב עס באלד גיבראכט פאר התמת מיט דר חתימה פון אנטיפטר הט ער מיר גיזאגט גיס דם אום פר מיינע אוגן אויף דר ערד אונ איך האב אזו גיטון נאר איך האב אביסעל דרונטן איבער גילאזט מיט דר חתימה פון אנטיפטר איך זאל דם דיר ווייזין • אונ דער מלך זעהט אז זיא זאגט די ווארהייט אזו הט ער איר פר געבן • אונ דר זעלביגר צייט שיקט דר מלך הורדוס צו אנטיפטר איין בריף אזו צו זאגן קום אהיים דען איך בין אלט אונ קאן דם קיניגרייך אן דיר ניט פירן • אונ ווי אנטיפטר איז אהיים גקומין לאזט ער אים זעצין אין דער תפיסה אריין :

## דער איין אונ פופציגסטער פרק

### דא ווערט דער ציילט דער טוט פון אנטיפטר :

אונ דער מלך הורדוס איז קראנק גווארן אונ די קרענק איז גוועזן זייער שטארק אזו בפעלט ער דאס אנטיפטר זאל נאך זיין טוט ניט קיניגן עס איז גוועזן איין טאג שטארקט זיך די קראנקייט אויף אים אונ מען זאגט דם דר מלך איז גשטארבן ווי אנטיפטר הערט דם אזו פרייד ער זיך זייער • גייט דר היטר פון דר תפיסה צום מלך אונ דר ציילט אים דם • אזו שרייט דר מלך אין צארן אונ זאגט זאל זיך נאך דר רוצח פרייען איבר מיין טוט איך שווער אזו וואר אלם גאט לעבט אז ער מוז היינט שטארבן אונ דר מלך בפעלט דם מען זאל אים טייטן אזו הט מען אים גטייט אונ מען הט גברענגט

דעם קאפ פר דעם מלך אונ זיין צארן איז גווארן גשטילט :

## דער צוויי אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי הורדוס הט גמאכט זיין זון פר א מלך :

ניקלוך אונ הורדוס מאכט זיין זון ארקילאוס פאר איין מלך אונ גיט דעם חתימה רינג פון קינוגרייך צו תלמי דעם גטרייען קנעכט דס ער זאל אים געבן צוא ארקילאוס נאך זיין טוט . אונ דר מלך הורדוס לעבט נאך אנטיפטרס טוט פינף טאג אונ שטארבט . ער הט קינוגט זיבן אונ דרייסיג יאר אונ תלמי זאמילט איין דס פאלק יהודה אונ ווייזט זיי דעם חתימה רינג פון מלך הורדוס אונ ער זאגט צו זיי דר מלך הט מיר גבאטן דס איך זאל געבן דעם חתימה רינג פר אייערי אויגן צו זיין זון ארקילאוס אונ זאל אים פר איין מלך מאכן נאך זיין טוט דען ער הט דס פר שריבן אין בוך פון די מלכי יהודה אונ די הערין זאגין עס זאל לעבין דר מלך ארקילאוס : אונ דער מלך ארקילאוס מיט אלי יהודים גייען צו באגראבן דעם מלך הורדוס אין דער שטאט אירואן הונדערט תחום שבת ווייט פון ירושלים אונ זיי טראגן אים אין איין בעט פון גאלד אונ האבין אום גשיט אוף דעם וועג אלרליי גווערץ אונ זיי טון אים אז גרוס כבוד ניט פר ליבשאפט נאר ווי דר דרך ארץ איז . אונ דס פאלק יהודה האבן גשיקט קיין רום צום קיסר אונ האבן בייז גרעד אוף ארקילאוס . ווי ארקילאוס הערט דס גייט ער קיין רום צום קיסר צו בעטין אז ער זאל אים מאכן פר איין מלך אונ דר קיסר איז גוועזן פריינדליך מיט אים אונ גיט אים דס הערשאפט איבר יהודה אונ ארקילאוס איז מלך אין לאנד יהודה אונ ער טוט פול שלעכטי זאכין אונ ער הערשט ניין יאר ביז עס קומט איבר ארקילאוס איין חיל פון רומא אונ דר הופט מאן בינד דעם ארקילאוס איז אייזערני קייטן אונ שיקט אים קיין רום :

## דער דרייא אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט דער טוט פון אגוסטוס :

אין דר צייט איז גשטארבן אגוסטוס אונ עס קינגט נאך אים תובריאוס אונ ער שיקט דעם הופט מאן פילאטוס מיט זיין בילד קיין ירושלים אבר דס פאלק הט אים ניט אריין גלאזט דען זיי זאגן קיין בילד דארף ניט קומן קיין ירושלים אזו צערינט דר הופט מאן אונ ער דר שלאגט פול יהודים אונ פון זיין חיל איז אויך פול גפאלן . אונ אין אלי לענדר ווייא דער קיסר תובריאוס הט קינוגט זענין פול שענדליכע זאכן גשעהן

## דער פיר אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט די מלחמות פון די יהודים מיט די רומיים :

אונ ארקילאוס שטארבט אזו קינגט זיין ברודר אנטיפטר וס ער הט זיך גהייסן ריפין הורדוס ער הט פול שלעכץ גטון ער הט גנומן זיין ברודרס ווייב ווען ער האט נאך גלעבט אונ האט דער שלאגן פול חכמ[illegible] וי אוך

יוחנן כהן גדול וויל ער הט אים גזאגט אז עס איז פר באטן צו נעמן זיין ברודרס ווייב אונ תוברואוס פר טרייבט אים קיין שפאניא אזו קינוגט נאך אים אגריפס דר זון פון אריסתובלוס דער זון פון מלך הורדוס אין זייני צייטן איז גישטארבן תובריאוס קיסר אונ עס קינוגט נאך אים גיוס ער איז גוועזן איין שלעכטר מענטש אונ הט זיך גהייסן מאכן פר איין גאט אונ מען זאל ברענגן קרבנות צו אים · אבר די יהודים האבין אים ניט גוואלט פאלגין זיי טון גרוס תשובה אונ פאסטן דרייא טאג אונ טון תפלה צו גאט אונ דריטן טאג דר וועקט גאט אוף גיוס זייני הערין אונ זיי טייטן אים דא הט גאט זיך גרעכינט וועגין די יהודים אונ עס קינונט נאך אים בלאוריש אונ אגריפס איז זייער גערט אין דיא אויגין פון בלאוריש · אונ בלאוריש שטארבט אונ עס קיניגט נאך אים נירון קיסר · אונ עס איז גוועזן אין צוואנציגסטן יאר צו דעם קיניגעז פון אגריפס ניין טאג אין חודש אב הט זיך דר וועקט זייער גרוסי מלחמות אונ דם בית המקדש איז חרוב גווארין אונ מען הט דעם אגריפס גיפירט גפאנגין קיין רום אוך פלעגין דיא פריצים אין דער עזרה צו דר שטעכין פול מענטשן אוך איז פון זיי נתן הכהן דר שטאכען גווארן אונ קיינר הט ניט גוויסט ווער עס הט אים דר שלאגן ·

## דער פינעף אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון די יהודים מיט די רומים :

אונ דער צייט האט פילוס דר הויפטמאן פון די רומים גילייגט אגרוסן לאסט אוף די יהודים אונ הט פול אומשולדיג בלוט פאר גאסען · אזו איז אויף גישטאנן אלעזר דער זון פון ענני כהן גדול אונ הט איינגיזאמילט פול גבורים פון די יהודים אונ הט גיהאלטן מלחמה מיט דעם פילוס אונ הט דער שלאגן זיין חיל · אזויא אנטלופט פילוס פון ירושלים צום לאנד מצרים :

וויא אגריפס קומט פון רום קיין ירושלים דא פר זאמילט ער דם פאלק אין דר עזרה פון בית המקדש אונ אלע עלצטע פון יהודה אונ ענני כהן גדול אונ ער זאגט צו זיי הערט מיך צו · נירון קיסר איז זייער ווייט פון ירושלים אונ ער ווייסט ניט וואס עס גישיהט דא דרום ווען איר וועט האבן גוטע הערן וועט אייך גלייך זיין ווי איר זענט פרייא דען דר קיסר וויל אייך קיין שלעכטס ניט טון ווען איר וועט רוהיג בלייבן וועל איך שיקן אבריף קיין רומא וועט ער פון אייך אוועק נעמן די בייזע הערן מיט שלום אבר ווען איר וועט ניט אוף הערן מלחמה צו האלטן קייגין רומא וועט איר ניט אום פירן · אונ ער מערט נאך צו רעדן אונ הייבט אוף זיין קול אונ וויינט אונ עס וויינן אלי עלצטע פון ישראל אונ ענני כהן גדול · אבער אלעזר אונ אלי פריצים שפרינגן מיט זייערי בלוזי שווערדין איבר די הערן פון רומא וואס זענן גיקומן מיט אגריפס אונ דר שלאגן זיי · אונ ווי די עלצטע פון יהודה האבן דם גיזעהן אזו אנטלופן זייא פון ירושלים · אונ עס שטארקט זיך די קריג צווישן די פריצים אונ דיא חכמים אונ דיא הערן פון אגריפס היטען דאס בית המקדש אבר עס שפרינגן

אונטער

אונטער זיי די מעסר שטעכירם אונ האבן פול פון זיי גיטייט • אזו איז דאס חיל פון קיניג אנטלאפין פון ירושלים אונ אלעזר אונ די גבורים פון די פריצים האבן גיהערשט אין ירושלים אונ זיי האבן פר ברענט דם הוז פון אגריפס אונ האבן אלי זיינע אוצרות גירובט :

## דער זעקס אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא כסתיאוס האלט מלחמה מיט די יהודים :

אונ עס איז גיוועזן נאך דעם ווי די יהודים האבן דר שלאגן די הערן פון רומא גייט אגריפס קיין רום אונ דר ציילט דעם נירון קיסר וויא עס איז אים דער גאנגן מיט די פריצים אזו שיקט נירון קיסר דעם כסתיאוס מיט פול חיל קיין יהודה אונ ער פר ברענט די שטעט קיסריה אונ יפו אונ דר שלאגט פול פון יהודה ווייל זיי האבן גיטייט פול רומים אונ האבן פר ברענט דם פאליץ פון אגריפס אונ גרובט זיינע אוצרותי אונ ווי כסתיאוס קומט צו דר שטאט ציפורי אזו גייען אים די שטאט לייט אקיגן אונ בעטן אים וועגן שלום אבר די פריצים זענן גישפרינגן איבר די רומים אונ טייטן פון זיי צוויי הונדרט גבורים מיט דעם הופט מאן גלפירה אונ כסתיאוס ציהט צוריק אבר עס זענן איבר אים גיפאלן די פריצים אונ טייטן אלע רומים • אזו דר שרעקט זיך כסתיאוס אונ אגריפס אונ זיי שיקן בעטן וועגן שלום צו אלעזר הכהן דעם עלצטן פרוץ פון ירושלים דען די רומים האבן מורא גיהאט פר די יהודים אבר אלעזר הט זיי ניט גיוואלט הערן אונ הט גיהארגית איינם פון דיא שלוחים • אונ אלעזר מיט אלע כהנים אונ דם גאנצע פאלק בשליסן מלחמה צו האלטן קיגן כסתיאוס • אונ אלס כסתיאוס זעהט אז זיי האבן זיך פר בינדן די רומים צו פר טילגן אזו גייט ער קיין רומא אונ דער ציילט דעם נירון קיסר אלעם וואס אים האט פאסירט מיט די יהודים הט זיך דר קיסר דר שראקן • אונ עס איז גיוועזן אהיכף צו ישראל אונ דעם זעלבן יאר דארך דעם שטארקייט פון אלעזר הכהן דער גרוסר פרוץ דען ער הט זיי גיהאלפן פון דער האנד פון כסתיאוס ווס ער הט גישווארן די יהודים אונ גאנצן צו פר טילגן ווייל זיי האבן די רומים גישלאגן • אונ דם זענן די לייט ווס האבן גיהאלפן די ישראל אין צווייטון בית המקדש פון זייערע פיינד אנטיוכוס הרשע דער קיניג פון מוקדון דר ווס ער הט די יהודים פול בייז גיטון אונ הט פול פון זיי גיטייט • אזו הט זיך דר וועקט דער מתתיהו כהן גדול אונ הט גיהאלפן דם מאל די יודען פון אנטיוכוס הרשע אונ ער דינט איאר אלעם כהן גדול נאך דעם אונ שטארבט • נאך אים דינט זיין זון יהודה זיבן יאר אונ שטארבט אונ דר מלחמה אונ נאך אים דינט זיין ברודר יוחנן אונ שטארבט אויך אונ דר מלחמה. אונ דר נאך דונט זיין ברודר שמעון אכצען יאר אזו טייט אים זיין איידעם תלמי • אונ דר נאך קינעגט זיין זון הורקנוס איין אונ צוואנציג יאר • אונ אין דיא צוואנציג יאר וואס אגריפס הט גיקיניגט איז ניט גישטולט גיווארן די מלחמה צווישן די ישראל אונ רומים ביז זיי זענן פר טריבן גיווארן אונ דאס בית המקדש איז צו שטרט גיווארן

גאט זאל אונז דר פריען דס בית המקדש זאל ווידר גבויט ווערן אין אונזערי צייטען אמן :

## דער זובן אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון די רומים מיט די יהודים :

אונ צוואנציגסטן יאר וואס אגריפס האט גיקיניגט נייען טאג אין אב שיקט דער נירון קיסר א מתנה אונ דעם בית המקדש אריין אז די עלצטע פון די יהודים זאלן מיט אים איין פאר בינדיג מאכן · ער לאזט זיי זאגן טוט אפפערן מיין מתנה פר אייער גאט דען איך האב גיהערט אלעס וואס כסתיאוס מיין הויפט מאן האט אייך גיטון אונ עס האט מיר ניט גיפעלן דרום וועל איך מיט אייך איין פר בינדיג מאכן דס עס זאל זיין אייער מלך אגריפס איבער אייך נאר איר זאלט גירופן ווערן מיט דעם נאמן פון רומא אונ די שלוחים קומן קיין ירושלים פר ענני הכהן אונ זיי ווייזן דיא מתנה עס איז גיוועזן איין אוקס צוא אברא׳ אפפער מיט אגאלדינע קרון אונ די הערנר זענן גיוועזן בדעקט מיט גאלד פר אים זענן גיגאנגן צעהן לאסט טרעגר וואס טראגן צעהן צענטנר גאלד אונ פול שאף צו פריד אפפר · ווי אלעזר דר זון פון ענני הכהן הערט דס אזו ווארפט ער אוועק די מתנה אונ זאגט מיר וועלן ניט פר אום ריינען גאטס הויז מיט איין אפפר פון נירון אונ ער זאמלט איין דס פאלק קעגן די רומים אונ שלאגט זיי אוך האט אלעזר גיהארגת איין הויפט מאן וואס ער האט גישווארן אים ניט צו טייטן ווי אגריפס האט דס גיזעהן אזו שטעלט ער זיך אויף דר גאס אונ שרייט וויי דיר אלעזר הפריץ דס בייז זאל קומן איבר דיר ווי אלעזר הערט דס פון אגריפס אזו שרייט ער לאז מיך נעמן צוא שטראפן ווען דו ביסט קיניג וויא איז דיין מאכט · אונ שטייט פון נוייטן אונ ער ווינקט צו זיינע לייט זיי זאלין חאפין דעם אגריפס אונ אגריפס אנטלופט צו דר שטאט יפו וואס איז אונטר די רומים · אונ פון דארט ציהט ער קיין רומא אונ ער דער ציילט דעם נירון קיסר אלדונג וואס עס איז גישעהן אין ירושלים אונ וואס אלעזר האט גיטון :

## דער אכט אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון אספסיאנוס אונ זיין זון טיטוס :

אונ דער זעלביגע צייט איז אספסיאנוס דר הויפט מאן צוריק גיקומן פון דר מלחמה דען ער האט איין גינומן דס לאנד פון מערב אזו דער ציילט אים דער קיסר וואס די כהנים האבן גטאן · אזו ציהט אספסיאנוס אונ זיין זון טיטוס צו שטראפן דס פאלק פון פרס אונ דס פאלק פון יהודה וירושלים אונ דר קיסר האט אים בפולין דאס ער זאל אלע פעסטע שטעט איין לייגען אונ זאל אלע הארגענן יונג אונ אלט אוך ווייבר אונ זייגנדיגע קינדר · אונ ווי אספסיאנוס קומט צום לאנד אנטיוכא האבן די יהודים אום גיוויילט דריי גבורים יוסף הכהן אונ ענני דער כהן גדול אונ אלעזר זיין זון אונ זיי האבן צו טיילט דס פאלק יהודה אויף דריי טייל מלחמה צו האלטן מיט אספסיאנוס אונ די אנדרע כהנים

האבען זיא גיזעצט איבער דיא פעסטע שטעט פון ירושלים ביז מצרים . אונ אספסיאנוס ציהט פון אנטיוכא אונ איז גיקומן מלחמה האלטן אין לאנד גליל אונ אלעם יוסף הכהן דר משוח מלחמה הט דס גיהערט גייט ער פון ירושלים צום לאנד גליל אונ לאזט בוען די אלע ציבראכעני שטעט אונ זעצט הויפט לייט איבר דעם פאלק ער גיט זיי גיוועהר אונ לערינט זיי אלע צייכן פון דיא שופרות דס זיי זאלן זיך אן ברייטן מלחמה צו האלטן אונ ער זאגט הערט צו איר ישראל איר גייט היינט מלחמה האלטן קעגין אייערע פייניד פארכט אייך ניט מלחמה צו האלטן ווען אייער לאנד אונ ווען אייער הוז אונ אייער גאטס הוז דס איר זאלט ניט פר אומריינגט ווערן פון דעם פאלק דר טוט אונ דער מלחמה איז בעסער ווי צו לעבן אין גיפענגינעם ווען מיר וועלן תמיד וועלן שטארבען פון גאטס וועגן וועלן מיר בגליקן . אונ ווייא ער הט אוף גיהערט צו רעדן הט ער אום גיוויילט זעכציג טויזנט מאן פוס גייער אונ וויניג רייטער אונ זעקס הונדרט העלדין וואס קענן בשטיין אייגער קייגין צעהן אונ איז גיגאנגן צו דר שטאט ווי אגריפס המלך איז גיוועזן זיא צו בצווינגן ווייל דער אגריפס הט גיהאלטן מיט די רומיים אונ יוסף הכהן קומט צו דר שטאט טייארנה דיא גרויסע פעסטע שטאט פון אגריפס דארט האט ער גיהאט זיינע אוצרות אונ גיוועהר . אזו הט ער זיך גישטעלט פר דעם טויער אונ הט גיזאגט צו זיי עפינט מיר דעם טויער וועט איר בלייבן לעבן דען עס איז דאך בעסר פאר אייך איר זאלט האלטען פון גאטס פאלק אלעם איר זאלט זיין אונ דער הילף פון אגריפס וואס הט זיך פר בינדן מיט אונזער פייניד מלחמה צו האלטן קעגן גאט אונ זיין פאלק . אונ די שטאט לייט האבן גיפאלגט דעם יוסף הכהן אונ האבן גיעפינט די טויערן אונ מאכן שלום אונ גיבין אים איבר אלע אוצרות פון אגריפס . אונ דר צייט הט יוסף גיהערט דס די לייט פון טבריה האבן זיך אפ גטיילט פון פאלק ישראל אונ זענן גיווארן קנעכט פון אספסיאנוס אונ אספסיאנוס הט איבר זיי גיזעצט איין הער פון די רומיים . אזוי הט יוסף גילאזט זיין חיל אין טייארנה אונ נעמט מיט זיך זעקס הונדרט גבורים אונ קומט צו דער שטאט טבריה אונ ווי ער קומט צום ים זעהט ער פול שיפן אן גיברייט צו העלפן צו אספסיאנוס . אזו בפעלט יוסף מזאל דיא שיפן דר טרינקען אונ ער גייט צום טויער פון טבריה אונ זאגט וואס הט איר ווידער גישפעניגט אן נאט ענטפערט דס פאלק פון דער טויער אונזער הער גלייב ניט דס מיר ווילען זיין צו הילף די רומיים נאר עס זענן אונטר אונז פאלטשע לייט וואס האבן אפרבונדיג גמאכט מיט אספסיאנוס אונ טיטוס אונ האבן גיבראכט איין הער אין דער שטאט אריין אונ ווען דיין ווילן איז קום אין שטאט אריין אונ זייא עפינן אים דיא טויערן אונ יוסף אונ זיינע לייט קומן אריין ער פאנגט די פאלטשע לייט אונ שיקט זיי קיין טייארנה זייא זענן גיוועזן זעקס הונדערט מאן אונ די איבעריגע הט ער דר שלאגן אונ דעם הער וואס אספסיאנוס הט גיזעצט איבר דר שטאט

הט

הט ער אפ גיהאקט איין האנד אונ הט אים גישוקט צו זיין מחנה אוף שפאט צוא ווייזין זיין שאנד :

## דער ניין אונ פופציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון טיטוס
אונ אספסיאנוס קעגין דעם לאנד גליל :

אונ דער צייט האבן די לייט פון ירושלים גיהערט דס דיא לייט פון אשקלון האבן גימאכט אבונד מיט דיא רומים . האבן זייא גישיקט דעם נגר האדומי אונ שילה הבבלי אונ יוחנן פון ירושלים מיט פול פון גימיינעם פאלק אונ זייא קומען קיין אשקלון אונ בלעגערן זי . אונ דר שטאט איז גיוועז איין גבור פון די רומים זיין נאמן איז אנטוניאוס גייט ער מיט זיינע גיזעלין פון דר שטאט צו די יהודים אונ ער שלאגט פון זיי צעהן טוזינט מאן אונ די יהודים האבן זיך גישטארקט אונ בלייבן שטיין אונ פאר זיכערון זיך אוף גאט אונ ריכטען אן אמלחמה קעגין אנטוניאוס אזו פאלן פול פון די רומים . אונ פון די יהודים זענן זייער ווייניג גיפאלן אוך האבן די רומים דער שלאגן דעם שילה הבבלי אונ יוחנן הירושלמי . אונ נגר האדומי איז אנטלאפען אונ האט זיך באהאלטון אונ אגריפ אונ דעם וואלד אזו האבן די רומים אן גיצינדן דעם וואלד אונ האבן אלץ ווס דארט איז גיוועזן פר ברענט אבער דעם נגר האט עס ניט בריהרט דען דער נגר האט גישריגן צוא גאט ער זאל אים בשערמן אונ דיא יהודים פון ירושלים שיקן פול פאלק צו באגראבן די דר שלאגינע גיפונן זייא דם נגר לעבדיג. אונ נגר דר ציילט ווי עס איז אים דר גאנגן דס גאט הט אים בשעריםט פר דיא פיינד אונ פר דעם פייער . אונ די רומים האבין זיך פר שלאסן אונ דר שטאט דען זיי זענן גיווארון דער שראקן איבר די פול יהודים ווס זענין גיקומן צוא באגראבן די דער שלאגני אונ זיי נעמן דעם נגר מיט זיך אונ פירן אים קיין ירושלים :

## דער זעכציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט די מלחמות פון יוסף הכהן :

אונ יוסף הכהן גייט מיט זייני לייט מלחמה צו האלטן קעגין דער שטאט אשקלון ער בצווינגט זיא אונ ער דר שלאגט דעם אנטוניאוס אונ דס פאלק אונ הט קיינם ניט גלאזט לעבן אונ אלי דערפר אונ שטעט ווס זענין ארום אשקלון הט ער פר ברענט אונ אזו הט ער גטון צו אלי שטעט ווס האבן איין בינד גמאכט מיט רומיים . וויא אספסיאנוס אונ טיטוס האבן גהערט ווס יוסף הכהן הט גטון צו די רומייט אזו פר דריסט זיי זייער אונ זיי ציהן צו דער שטאט עכו דארט איז גוועזן אגריפס דר מלך פון יהודה ער הט גהאט פערציג טוזונט גבורים אונ אוך דם חיל פון אספסיאנוס אונ פון ארם אונ פון אשור אונ פרס אונ מוקדון אונ אלי פעלקר וואס זענין גוועזן אונטר טעניג צו ירושלים האבן גנעבן זייער האנד צו טיטוס צו העלפן . נאר

דרייסיג טויזנט גבורים פון אדום זענן גקומן היטן די טוערן פון ירושלים און דם בית המקדש · אזו ציהט אספסיאנוס און זיין זון טיטוס מיט זיין גאנצי מחנה פון עכו קיין גליל און מען הט גזאגט צוא יוסף דם די רומיים זענן אין גליל איז ער זיי אקעגין גגאנגן אום דר שטאט ציפורי און ער שלאגט זיי שטארק אזו בפעלט אספסיאנוס אלי ווייין צו בוואכן דם יוסף זאל קיין וועג ניט האבן צו אנטלופן דא גייט יוסף פון ציפורי צו דר שטאט יורפת אין לאנד גליל און פר שליסט זיך דרינען :

# דער איין און זעבציגסטער פרק

## דא ווערט דר ציילט די מלחמות פון יוסף הכהן מיט דיא רומים ביי דער שטאט יורפת :

אין דר זעלבע צייט שיקט אספסיאנוס גרוסי שלוחים צו יוסף ער זאל מיט אים שלום מאכן שיקט יוסף צו אספסיאנוס גיב מיר צייט עטליכע טאג וועל איך רעדן מיט מיין פאלק אפשר וועלן זיי מיך פאלגן מיט אייך שלום צו מאכן . און אספסיאנוס גיט אים איין צייט · אזו שיקט יוסף שלוחים צום פאלק פון ירושלים און צו די כהנים אזו צו זאגן איר זאלט וויסן דם אספסיאנוס הט צו מיר אזו גשיקט וס וועט איר גווינן ווען איר וועט ניט גיין מיט מיר שלום מאכין אז איר זאלט לעבן בלייבן ווארום זאלט איר אייך פר טיליגן מיט אייערי ווייבר און קינדר און וויקט אלי פאלין דורך דר שווערד און די איבריגע וועלן פר טריבן ווערין און אייער לאנד וועט בלייבן וויסט פר נעמט מייני רייד און מאכט ליבר שלום וועט איר בלייבן אין אייער לאנד אזו שיקן אלי כהנים און הערין פון ירושלים צו יוסיפון דם ער זאל זיך היטן שלום צו מאכין · נאר שטארק דיך מלחמה צו האלטן ביז דו וועסט זיי פר דארבן אדער ביז דו וועסט שטארבן אין דער מלחמה פון גאטס וועגין און וועגין זיין בית המקדש · ווי יוסף הערט דם פון די כהנים אזו גייט ער ארוב פון דר שטאט יורפת אן צו ריכטן איין מלחמה קיגן אספסיאנוס אזו הייבט אן אספסיאנוס מלחמה צו האלטן מיט שטארקייט . און אין ערשטן טאג גיט ער זיין פאלק צו עסין און טרונקן און מאכט זיי לוסטיג · און די יהודים האלטן מלחמה מיט די רומים פון דר פרי ביז אוף דער נאכט און עס זענין גפאלן פול פון די יהודים און פון די רומים אוך פול דען די רומים האבן זיך שטאלץ גהאלטן און האבן גזאגט מיר וילן אונטר טעניג מאכן די יהודים און די יהודים האבן זיך פארט גשטעלט און האבן גזאגט מיר וילן אלי שטארבן וועגין אונזר בית המקדש די מלחמה איז גוועזן אלי טאג שטארקר און די יהודים וס וואנן לעבן יורפת זענין גלאפון צו אספסיאנוס און העלפן די רומים און די יהודים וס וואנן אין דער שטאט זענין גווארן אלע מאל ווייניגר און די גבורים פון יוסף זענין אלי גפאלן אין דר מלחמה נאר ווייניג זענן אנטלאפן צו דר שטאט און יוסף פר שליסט די טוערן פון דר שטאט :

## דער צווייא אונ זעכציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט דס בלעגרונג פון יורפת
אונ דס שטארקייט פון יוסיפון מיט זייני לייט :

**אזו** בלעגרט אספסיאנוס מיט זיין חיל די שטאט יורפת איין לאנגע צייט ער שטעכט אפ אלי וואסער גייען אין דר שטאט אריין אזו ווערן די שטאט לייט זייער דארשטיג דען זיי האבן ניט קיין וואסר נאר וס זיי האבן איין גזאמילט אונ ווי יוסף זעהט דס קיין וואסר קומט ניט אין דער שטאט אריין אזו טראכט ער זיך די רומים ווען זיך רימן דס מיר האבן קיין וואסר ניט נעמט ער טיכר אונ טינקט זיי איין אין וואסר פון די גרובר אונ שפרייט זיי אום אוף די טורין כדי די רומים זאלן זעהן דס אין דער שטאט איז דא וואסר · בפעלט אספסיאנוס דס מען זאל מלחמה האלטן מיט די אייזערני ווידר צו פר דארבן די מויער · אונ אלס די רומים האבין אן גהובן צו שטורם אין דר מויער אונ זיא הט אן גהובן צו ציטערן אזו הייסט יוסף מען זאל נעמן זעק מיט שטרויא אונ מען זאל זיי אוף דער מויער אוף הענגן כדי די הערנר פון די ווידר זאלן שטוסן קעגין די זעק אונ זאלן ניט די מויער שפאלטן אונ די רומים האבן אן גהובן שטארק צו שטוסן די מויער · אין יורפת איז גיוועזן א גבור אלעזר הכהן פון דר פאמיליע פון ענני כהן גדול ער שפרינגט אראפ פון דער מויער אונ טייט פון די רומים פופציג מאן אונ די איבריגע זענין אנטלאפן אונ ער גייט צוריק אין שטאט אריין אונ גייט ארוף אוף איין טארם אונ נעמט איין גרוסן שטיין אונ ווארפט אים אוף דעם ווידר אונ ברעכט אפ זיינע הערנר אונ אגרוסן טייל פון זיין קאפ אונ נעמט דס שטיק קאפ פון ווידר אונ ווארפט עס אוף דעם פאלק אונ דר שלאגט פול רומים אונ די בוגן שיסר שיסן צו אלעזר הכהן פינף פיילן קומט אלעזר צו דר מויער אונ זיי ציהן אים ארוף אונ בלאזן מיט אטרומפטר ווייל אלעזר הט זיך גשטארקט אוף די רומים אבר ער איז אין דעם טאג גשטארבן דורך די פיילין אונ הט אגוטן נאמין גלאזט דען ער הט מלחמה גהאלטן וועגין דעם בית המקדש אונ זיי בגראבן אים אין שטאט מיט גרוס כבוד אונ אלע טרויערין איבר אים :

## דער דריי אונ זעכציגסטער פרק

**אונ** אלס די יונגע העלדן פון ישראל זעהן דעם כבוד פון אלעזר האבן זיך מקנא גוועזן צווייא גבורים פון יהודה אונ זענין אריין נפאלן צווישן די רומים אונ האבן זייער פול דער שלאגן ביז זיי זענין גהארגית גווארן פון נאטם וועגין אונ יוסף הכהן גייט אליין אום דר שטאט אונ שלאגט דיא רומים איין גרוסן שלאק · אזו שטעלט זיך אספסיאנוס אונ שטארקט די רומים אונ גיט זיי פול גאלד אונ זילבר אונ עסין אונ טרינקן אונ זיי שטארקן זיך ווידר מיט מלחמה אוף די יהודים אונ די יהודים שיסן איין פייל אוף אספסיאנוס אונ זיי פר ווינדן אים דעם פוס דר שרעקן זיך די רומים אונ

טִיטוּס לוֹפְט הֶעלְפְן זַיין פָאטֶר אוּנ אַסְפַּסְיָאנוּס זָאגְט צוּ אִים זַיי דִיךְ נוֹקֵם מַיין נְקָמָה אַזוֹ הַאלְט טִיטוּס מִלְחָמָה מִיט דִי יְהוּדִים אוּנ עֶס אִיז גְפַאלִין זַייעֶר פוֹל פוּן דִי רוֹמִיִּם אוּנ פוּן דִי יְהוּדִים אִיז נָאר אִיבֶּר גְבְּלִיבְּן יוֹסֵף מִיט וֶוינִיג גִבּוֹרִים אוּנ עֶר פַר מַאכְט זִיךְ אִין יוֹרְפַת :

## דער פיר אונ זעכציגסטער פרק

דָא וֶוערְט דֶר צֵיילְט וִוי דִי רוֹמִיִּם נֶעמְן אַיין דִי שְׁטָאט יוֹרְפַת : אוּנ דֶר צַייט קוּמְט אַיין גִבּוֹר פוּן דִי רוֹמִיִּם אוּנ וִויל צוּ יוֹסֵף שִׁיסְן אוּף דֶער מוֹעֶר מִיט אַיין פַר גִיפְטֶע פַייל אוּנ דִי יְהוּדִים גִיסְן דֶר וַוייל אוּף אִים גְקַאכְטְן אַייל אִיז אִים דִי הוּט פוּן זַיין לַייבּ אָפּ גְגַאנְגֶן אוּנ עֶר לוֹפְט צְוִוישְׁן דִי רוֹמִיִּם וִוי מְשׁוּגָע בִּיז עֶר שְׁטַארְבְּט . אוּנ אַסְפַּסְיָאנוּס אוּנ טִיטוּס רַייצְן וִוידֶר אָן אַמִלְחָמָה קֵייגְן דֶער שְׁטָאט יוֹרְפַת אוּנ דִי יְהוּדִים זֶענִין שׁוֹן גְוֶוען זַייעֶר מִיד אוּנ הָאבְּן נִיט גוּט בַּוַואכְט דִי מוֹעֶרְן אַזוֹ גֵייט טִיטוּס אוּנ אַסְפַּסְיָאנוּס בַּיי דֶער נַאכְט אוּף דִי מוֹעֶרְן אוּנ זַיי צוּ בְּרֶעכְן דִי טוֹעֶרִין אוּנ אַלִי רוֹמִיִּם קוּמְן אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּנ דִי יְהוּדִים חַאפְּן זִיךְ אוּף פוּן שְׁלָאף אוּנ זַאמְלְן זִיךְ אַיין אוּנ הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט דִי רוֹמִיִּם בִּיז זַיי וֶוערְן אַלִי גְהַרְגִית אִין מִיטְן דֶר שְׁטָאט אוּנ יוֹסֵף הַכֹּהֵן מִיט פֶערְצִיג גִבּוֹרִים אַנְטְלוֹפְן אוּם דֶר שְׁטָאט אוּנ בַּהַאלְטְן זִיךְ אִין וַואלְד אִין אַיין הֵייל אוּנ אַסְפַּסְיָאנוּס שִׁיקְט דְרַיי הֶערִין צוּ יוֹסִיפוֹן אַזוֹ צוּ זָאגְן יוֹסֵף גֵיי צוּ מִיר וֶועסְטוּ בְּלַייבּ לֶעבְּן אַזוֹ זָאגְט יוֹסֵף צוּ זַיינִי לַייט לָאזְן מִיר מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אַסְפַּסְיָאנוּס וֶועט עֶר זִיךְ אִיבֶּר אוּנְז דֶר בַּארְמְן זָאגְן דִי לַייט צוּ יוֹסֵף מִיר וִוינְדֶרְן זִיךְ פַר וָוס דוּ בִּיסְט אוּם דֶער וֵוילְט פוּן הוּנְדֶרְט טוֹזוּנְט כֹּהֲנִים צוּ זַיין אַיין מְשׁוּחַ מִלְחָמָה אוּנ דוּ זֶעהְסְט דִי בּוּשָׁה פוּן דַיין פָאלְק אוּנ בַּגֶערְסְט נָאךְ צוּ לֶעבְּן אוּנ דוּ גְלַייבְּסְט אַז דִי רוֹמִיִּם וֶועלְן זִיךְ דֶער בַּארְמְן אִיבֶּר דִיר זַיי ווִילִין דִיךְ נָאר חַאפְּן זִיךְ צוּ רִיהְמְן דָס זַיי הָאבְּן גְחַאפְּט דֶעם גְרוֹסְן גִבּוֹר יוֹסֵף הַכֹּהֵן אוּנ וֶועלְן אוּם דִיר שְׁפֶּעטְן עֶס וֶועט דִיר עֶרְגֶר זַיין וִוי דֶער טוֹט עֶס אִיז בֶּעסֶר אַז דוּ זָאלְסְט פוּן דַיין הַאנְד אַלַיין שְׁטַארְבְּן מִיט גְרוֹס כָּבוֹד אוּנ וֶוען דוּ ווִילְסְט נִיט אַלַיין שְׁטַארְבְּן פוּן דַיין הַאנְד וֶועלְן מִיר דִיךְ דֶער שְׁלָאגִין וִוי אַיין פַיינְד :

## דער פינעף אונ זעכציגסטער פרק

אַזוֹ זָאגְט יוֹסֵף הַכֹּהֵן מַיינֶע בְּרוּדֶר אִיר רֶעד רֶעכְט אוּנ הַלְוַאי גָאט זָאל אִיבֶּר מִיר שִׁיקְן אַנִישְׁוִוינְדְן טוֹט דֶען דֶר טוֹט אִיז מִיר בֶּעסֶר וִויא דָס לֶעבְּן אָבֶּר דֶר מֶענְטְשׁ אַלַיין קָאן זִיךְ נִיט הַארְגֶּנֶן אוּנ נֶעמְן דִי נְשָׁמָה אֵיידֶר גָאט פָאדֶרְט זִיא פוּן אִים דְרוּם מַיינֶע בְּרוּדֶר וָוארוּם זָאלְט אִיר גֶעבְּן אַיין עֵצָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אַלַיין טֵייטְן מִיט אוּנְזֶער אֵייגְנִי הַאנְד אָדֶער מִיר זָאלִין אַיינֶער דֶעם אַנְדְרִין טֵייטְן דֶען וִוי אַזוֹ וֶועלְן מִיר פִירְן אוּנְזֶער שַׁאנְד פוּן דֶר גְרוֹסֶע זוּנְד :

## דער זעקס און זעכציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט דער סוף פון יוסף הכהן מיט
דיא מענטשן וואס זענן געוועזן אין דער היול :

און נאך דיזע ווערטר שטרעקט יוסף הכהן זיינע הענד קעגין דעם הימעל
און ער זאגט אלמעכטיגער גאט דוא זאלסט טון חסד מיט דיינע קנעכט
וואס זענן דא און אויך מיט מיר דו זאלסט ערוויטערן די זאך פון אונזער הארץ
דס מיר זאלן זיך אליין טייטן און דו זאלסט נייגן זייער הארץ צו מיין עצה דס
איך זאל מיין לעבן בשירמן • און ווי ער ענדיגט צו בעטן פר גאט זאגן זייא
צו אים קלויב דיר אוס איין טוט ווי דו ווילסט שטארבן דען דו ביסט איין הער
און איין גיאכטער מאן ביי אונז ביסטו ווערט אז דוא זאלסט צום ערשטן
שטארבן און אז יוסף זעהט אז די מענטשן ווילען שטארבן און ער קאן זייא
ניט איבר רעדן • אזו זאגט ער צו זיי מיט ליסט וויל איך זעה דס איר ווילט
שטארבן וועל איך אייך געבן איין עצה ווי אזו צו שטארבן ערשטונס וועלן
מיר זיך שטעלין אלע צוא צווייא און דערנאך וועלן מיר גורל ווארפן וועלכע
צווי זאלן צום ערשטן שטארבן איינער זאל זיין פריינד טייטן און דר נאך
זאל דר פריינד זיך אום ווילין פון דר צווייטר פאר וס זאל אים טייטן און
די לעצטי פאר זאלן אויך זיך איינער דעם אנדערן טייטן און דר לעצטער זאל
זיך אוף זיין שווערד שטעלן און זאל זיך אליין טייטן• און זיי הערן די עצה פון
יוסף הכהן און עס געפעלט זיי און זיי זאגן מיר וועלן טון ווי דו זאגסט און
דו זאלסט אונז טיילן אין פארין אזו זאגט יוסף מיר וועלן אלע יעצט שווערן
ביי גאט מיר זאלן טון נאך דעם גורל נאך אזו שווערן זיי אלע ביי גאט און
דער שלאגן איינער דעם אנדערן דארך דם גורל ביז עס איז ניט מער געבליבן
נאר יוסף הכהן און זיין פריינד • און דער פריינד זאגט צוא יוסף מיר וועלין
גורל ווארפן און אויך טון ווי אונזערי ברודר האבן געטון דא זאגט יוסף צו אים
דיזע זינד האבן זיך פר זינדיגט זייערי נשמות אן גאט דס זיי האבן זיך אליין
געטייט זאלן מיר אויך אזו טון צו אונזערי נשמות . און אלעס יוסף רעדט אזו דא
ציהט ער אוס זיין שווערד און שטעלט זיך קעגין זיין פריינד און דר פריינד
הערט די רייד פון יוסף דא זאגט ער צו אים איך וויל דיין ווילין טון דען דוא
ביסט אגעטליכער מאן און געלובט איז גאט וואס הט דיר קלוגהייט געגעבן
צוא בשירמן דיין לייב און מיין לייב פון טוט :

## דער זובען און זעכציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי יוסף הכהן גיט זיך אונטער צו אספסיאנוס :

און דער זעלבי צייט רופט יוסף הכהן דעם הער ניקנור פון דיא רומים און
זאגט צו אים ווען דו ווילסט מיט מיר שלום מאכן וועל איך מיט מיינע
לייט צו דיר גיין אוס דר היול און זאלסט מיך פירן פר אספסיאנוס אזו זאגט
דר הער ניקנור אזו זאל גאט מיר טון און אזו זאל ער טערן דס איך וויל אח

טון ווי דו האסט גירעדט קום נאר ארוס מיט דיינע לייט און פארכט דיך ניט זאגט יוסף שווער מיר ביים נאמן פון גאט אזו זאגט ניקנור איך שווער ביי גאט וואס האט די וועלט בשאפן אזו גייט יוסף און זיין פריינד ארוס . נעמט ער דעם יוסף און פירט אים צו אספסיאנוס ער דר באריממט זיך איבר יוסף הכהן און מאכט אים פאר אגרוסן הער צווישען זיינע הערן און ער פירט אים מיט אגריפס המלך פון איין שטאט צו דר אנדערער :

## דער אכט און זעכציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי טיטוס נעמט איין די שטאט גמלא :

און אספסיאנוס שיקט די הערן פון רומא און זיין זון טיטוס און זיי בלעגירן אלע שטעט פון גליל און טיטוס בצווינגט זיי. און ער לאזט אלי שטעט לעבן וואס מאכן מיט אים שלום . אבר דיא שטעט וואס טון מיט אים מלחמה האלטן פר טיליגט ער און אלי שטעט פון גליל וואס זענן גיוועזן אונטער אגריפס גיט ער אים צוריק און אספסיאנוס גייט צו דר שטאט גמלא וואס איז די בעסטי שטאט פון גליל . און עס זענן דרינן אלרליי גערטנר און גוטע וואסר און דר קינעג אגריפס בעט דעם אספסיאנוס אז ער זאל ניט פאר דארבן דיא שטאט און ער זאגט איך וועל צום ערשט גיין צו זיי און וועל זיי צו רעדן צו שלום זאגט אספסיאנוס איך טוא דיין ווילן און ער גייט און בעט זיי שלום צו מאכן מיט אספסיאנוס אזו זאגט אים דס פאלק דו ביסט אונזער קינעג דרום קום צו אונז צוא דער מויער און אגריפס גלויבט זיי און זיי ווארפן פון דר מויער איין גרוסן שטיין און צו ברעכן דעם אגריפס זיין אקסיל און ער פאלט צו דר ערד נעמין אים זיינע דינר און טראגן אים צוא אספסיאנוס און אספסיאנוס לאזט אים היילן און ער צערינט אוף דיא מענטשן וואס זיי האבן גישטרעקט זייערי הענד קעגין זייער קינעג און ער בפעלט צוא בלעגרן דיא שטאט ביז זייא בצווינגן זיא און זיי ריכטן אן די אייזערני ווידער קיגן דר שטאט און זיי צוא ברעכי די מויער און זיא פאלט איין און דיא רומים קומן ביי נאכט און דער שטאט אריין אזו פר שליסן די שטאט לייט דעם אום גאנג פון דער שטאט אין אירע גאסן דס די רומים קענן ניט ארוס און זיי שלאגן זיי אלע צום טוט נאר אספסיאנוס איז אנטלאפן מיט צעהן מענטשן און זייא פאר בארגן זיך אוף אבארג און ער שיקט צו זיין זון טיטוס ער זאל קומן מיט אגרוסע מחנה רומים און טיטוס ברענגט זייא צום לאנד יהודה :

## דער ניין און זעכציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווי טיטוס נעמט איין די שטאט סלוקיא :

און טיטוס קומט צו דער שטאט סלוקיא און לאנד גליל דען זיין פאטר האט אים גישוקט ער זאל שלום מאכע מיט דער שטאט . אזו שיקט טיטוס אשליח צו דר שטאט זיי זאלן שלום מאכן מיט אים און די עלצטע פון דער שטאט בגערן שלום צוא מאכן און ווי יהוחנן דער פריץ זעהט דאס די שטאט

וויל שלום מאכן אזו בפעלט ער זיינע לייט זיי זאלן די מויערן בהיטן אונ יוחנן גייט אוף דר מויער אונ זאגט צו טיטוס עס איז מארגן חג השבועות דרום לא אפ פון אונז צווייא טאג אונ דריטן טאג וועלן מיר זאגן תשובה . אונ טיטוס פאלגט דעם יוחנן אונ ער וייכט אפ צווייא טאג אונ אין דעם דריטען טאג אנטלויפט יוחנן מיט זיינע מענטשין קיין ירושלים :

## דער זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט די רציחות פון יוחנן :

אונ דס פאלק פון ירושלים האלטן מלחמה מיט יוחנן אונ עס איז גיפאלין פול פאלק דארך די קורצע שווערדן פון די פריצים וואס זענן פר בארגן אונטר די קליידר אונ ווען ער זעהט אפרומן אזו דר שטעכט ער אים מיט זיין שווערד אונ קיינער ווייסט ניט ווער עס האט אים דער שטאכן אונ דיא דער שלאגני פון די מערדר זענן מער גיוועזן אלס די דער שלאגני דארך די רומיים : אונ אין דר צייט שיקט יוחנן איין מחנה פון ירושלים אונ זיי בצווינגן אלי שטעט וואס האבן שלום גימאכט מיט אספסיאנוס אונ זיי דר שלאגן אלי יהודים אונ רומיים וואס האבן זיך דארטן גיפונן אונ זייא נעמן דס זאק רויב פון די שטעט אזו ציהט דר אספסיאנוס קיין ירושלים זי צו בלעגרן קומט אשליח צו אספסיאנוס דס דר נירון קיסר איז גישטארבן . אזו מאכן אים די רומיים פר איין קיסר אונ ער קיניגט איבער זייא :

## דער איין אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט די רציחות וואס יוחנן אונ שמעון די פריצים האבן בוויזן אין ירושלים:

אונ יענער צייט ווערט די קריג אלי מאל גרעסר אין ירושלים אונ עס ווערט פר גאסין פול בלוט ווען דס שלעכטיקייט פון יוחנן הגלילי וואס איז איין העך איבער די מערדרס . אונ דער זעלבר צייט איז גיוועזן אין ירושלים איין מערדר פון די עדל לייט פון ירושלים אונ ער הט גיהייסן שמעון אונ ער גייט אוך אין דעם וועג פון יוחנן צוא פר גיסן אום שולדיג בליט אונ צו ברובן הט אים ענני הכהן ארוס גיאגט אוס ירושלים אונ דר שמעון וויל זיך רעכנען אן ענני כהן הגדול אזו רופט ער אום אונ דיא נאסן פון אלע שטעט צו זאגן ווער וויל עסן אונ טרינקן זאל ער נאר צו מיר קומן אזו האבן זיך צו אים איין גיזאמלט צוואנציג טויזענט מאן מערדר אונ ער הייבט אן שלעכטס צוא טון אונ ווי דר ענני הכהן הערט דס דר שמעון שטארקט זיך בייז צו טאן שיקט ער איבר אים אגרוסע מחנה פון אלע איידיל לייט פון ירושלים דיא פרומע אונ עדליכע פון ישראל רייטער אונ פוסגייער אונ זיי קומן איבר דער מחנה פון שמעון פליצלעך אונ זיי שלאגן זיי אגרוסן שלאק אונ דר נאך הט שמעון זיך גישטארקט איבר דעם פאלק פון נאט ער קומט איבר זיי ביי נאכט אונ שלאגט זיי אונ די וואס זענן איבער גיבליבן זענן אנטלאפן קיין ירושלים אונ

שמעון מיט זיין חיל יאגט זיי נאך ביז צום טויער פון ירושלים אונ ווי יוחנן דר הערט דאס שמעון וויל בלעגרן דיא שטאט ירושלים אזו וויל ער זיין מלחמה האלטן מיט שמעון אונ ער חאפט די פרוי פון שמעון דא זאגט יוחנן יעצט וועט שמעון אונ אונזערי הענד אריין פאלן דען מיר האבן גיחאפט זיין פרוי וואס ער הט זיא ליב אונ פון איהרעט וועגן וועט ער מוזען טון אונזר ווילן אונ דר שמעון הט אויך גיחאפט פול לייט פון יוחנן אונ ער האקט אפ זייערי הענד אונ שיקט זיי קיין ירושלים אונ שיקט צו יוחנן אזו צו זאגן שיק מיר אפ מיין ווייב מיט אלעם וואס צו איר גיהער אונ ווען דו וועסט דס ניט טון וועט דיר ביטער זיין אונ די לייט פון יוחנן האבן מורא גיהאט אונ האבן אים זיין ווייב אפ גישיקט . אונ דס פאלק זעהט דס בייז פון יוחנן אונ זיי קענן עס ניט ליידין אזו האלטן זיי זיך איין עצה איבר צו געבן דיא שטאט אין דר האנד פון שמעון ער זאל זיי העלפן דען יוחנן איז ערגר אלס שמעון דא שיקן זיי דעם אמתי הכהן ער זאל ברענגן דעם שמעון אזו קומט ער מיט זיין גאנץ חיל אין דער שטאט אריין ביא נאכט . אונ עס איז אפיינדשאפט צווישן יוחנן אונ שמעון אונ עס איז אלע צייט אקריג צווישן זייא :

## דער צוויי אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר צײלט ווי אספסיאנוס איז גיווארין קיסר אין רום :

ביומים ההם אין דער זעלביגע צייט שיקט אספסיאנוס זיינע צווייא גרוסע הערן אנטונינוס אונ אנקמינוס קיין רומא מלחמה צוא האלטון מיט בוטלין אונ זייא האבן אים גיטייט אונ עס איז גיפאלן אונ דר מלחמה אכציג טויזנט גבורים פון רומא אזו איילט אספסיאנוס קיין רומא צו באנייען די קרון פון קיניגרייך אונ ער הט צו טיילט זיין פאלק העלפט הט ער מיט זיך מיט גינומן אונ דיא אנדרע העלפט הט ער גילאזט אונ דער האנד פון טיטוס צוא בלעגירן ירושלים אונ ער פירט מיט זיך מיט אגריפס המלך אונ זיין זון מונבז דען ער הט מורא זיי זאלן אים ניט פאלש זיין אונ יוסף הכהן הט ער אויך מיט גינומן גישלאסן אונ קייטן ער הט גיטראכט אז ער וועט אנטלופן שלום צו מאכן צווישן דיא פריצים אין ירושלים אונ וועט הערשן איבער זייא אונ אז אספסיאנוס קומט קיין רום גייען אים אלי שטאט לייט מיט כבוד אקיגן אונ אספסיאנוס בפעלט יוסיפון אין תפיסה איין צו זעצן אבר אגריפס אונ זיין זון הט ער פריי גילאזט אונ עס קומט מארגינס פרי פר זאמלן זיך די עלצטי פון רום צו אספסיאנוס אים קיסר צו מאכן אונ אגריפס אונ זיין זון איז גיוועזן דער בייא אזו הט יוסף דעם הער פון גיפענגנים גיבעטן אז ער זאל אים פירן אויף דעם ארט ווי מען קריינט דעם קיסר . אונ ער האט זיין ווילן גיטון אונ האט אים גיפירט אין קייטן אונ הט אים גישטעלט אויף איין ארט ער זאל קענן זעהן אונ ער הט גיזעהן די קרון וואס מען טוט אן דעם קיסר וויא די גיוואנהייט אונ מירופט אוס עס זאל לעבן אונזער הער קיסר מיט שלום אונ גליק אונ דאס פאלק זאגט אמן אונ דר נאך בפעלט דר קיסר מ'זאל אלע גיפאנגעני פרייא

לאנין • אונ אגריפס אונ זיין זון ווייל זיי האבן ווידער גישפעניגט קעגין דעם קיסר הט ער גיהייסן טוט שלאגן :

## דער דריי אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווס עס הט זיך פאסירט מיט יוסף הכהן :

אונ דעם זעלבינן יאר הט נאט דר וועקט דם גימיהט פון אספסינוס זיך צוא דר מאנן אן מיר יוסיפון אונ בפעלט מיזאל מיך פר אים ברענגן אונ ער זאגט צו מיר דם ווס איך האב דיך איין גיזעצט אונ דר תפיסה האב איך ניט גיטון פר פיינדשאפט נאר כדי די הערן פון רום זאלין דיך ניט מקנא זיין איבר דיין קליגהייט אונ זאלן ניט זאגן ער שלאגט אונז שטענדיג אין דער מלחמה דרום וועקן מיר עם טייטן • אונ אצונד זיי פריי אונ דו וועסט ביי מיר גלייך זיין אלעם איינער פון מיינע הערן אונ איך וועל דיך שיקן צו מיין זון טיטוס צום לאנד יהודה אונ דו זאלסט צו אים זיין וויא אפאטר דען ער הט זיך אוך דר בארומט איבר דיר אונ ניט הט גילאזט דיך טייטן • אונ אספסינוס בפעלט דם מזאל אפ טון פון מיר די אייזערני קייטן אונ מזאל מיך האלטן גלייך ווי אנדערע הערן פון רום • אזו זאג איך צום קיסר עס איז מיר אשאנד דם מזאל פון מיר אפ טון די קייטן אונ פון דיא אנדרע יהודים אונ רום ניט דא טוט אספסינוס אזו. אונ שיקט מיך צו זיין זון ווס איז אין אלכסנדריא • אונ איך קום צו טיטוס אונ טיטוס מיט אלי עלצטע אנטפאנגן מיך מיט גרוס כבוד אונ ער זאגט אלץ ווס מיין פאטר הט מיר באפולן וועל איך האלטן בלייב ביי מיר אונ זאלסט זיין צו מיר ווי אפאטער :

## דער פיר אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וואס עס איז גישעהן אין ירושלים :

אונ ערשטן יאר צום קינעגן פון קיסר אספסיאנוס אין זיבעטן טאג פון צעהנטן חודש איז גיקומן טיטוס מיט יוסף אונ זיין גאנץ חיל צוא דער שטאט קיסריה אונ ער זאמילט איין פול חיל פון אלע פעלקר אונ ער קומט ביז ירושלים • אונ אין דר צייט הט זיך גישטארקט די מלחמות אין ירושלים דם איינר האט דעם אנדרן דר שלאגן אונ דיא רשעים שמעון אונ יוחנן אונ אלעזר האבן צו מיילט ירושלים אונ דריי דריטל אונ עס איז גיוועזן אפרטיילינג צווישן זיי אונ די רומים האבן ארום גירינגלט ירושלים אונ האבן ניט צוא גילאזט קיין שום עסין אונ טרינקען אונ ירושלים ווערט גיפירט דארך דיא פריצים • זיי האבן דר שלאגן ענני כהן גדול אונ יהושע אונ זבריהו הכהן אונ עס איז נאך גיוועזן אין ירושלים פרומע לייט וואס האבן גיאפפרט אונ בהמ״ק האבן זיי די פריצים דר שלאגן אונ דם בלוט פון די כהנים איז גיוועזן פאר מישט מיט דעם בלוט פון דיא קרבנות אונ עס איז אזו ווייט גיקומן דם קיינר האט ניט גיקענט גיין אוף דער ערד פון היכל דען מיהאט זיך אום גיגליטשט דארך דעם בלוט אונ די רשעים האבן פר ברענט אלע שפייכלר מיט תבואה

וואס

ווס שהאט גיקענט שפייזן צווייא מאל הונדערט טויזנט מאן צוואנציג יאר · און אלע זייטן איז גיוועזן לויטער קלאג פון ווייבר און קינדער . וויא איך יוסף האב גיזעהן דעם צו שטאנד האב איך מיר אש אוף מיין קאפ גילייגט און האב איבער ירושלים גיקלאגט :

## דער פינעף און זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא טיטוס איז גיוועזן אין לעבינס גפאר אבער ער איז ניצול גיווארין :

און טיטוס קומט מיט זיין חיל צום מאל פון קסריה און זיין חיל איז גיוועזן אזו גרוס דס זיי האבן בדעקט די ערד און ער ציהט קיין ירושלים צו בזעהן אירע טוערן און ער זעהט דס די טוערן פון ירושלים שטייען אפין און קיינער היט זיי ניט דען דיא פריצים האבן אוף אים גילאקערט אים לעבדיג צו פאנגן אבר טיטוס האט זיך דארך גיבראכן וויא דארך מויערן און איז אנטלאפן אזו האבן די פריצים חרטה וואס זייא האבן אים ניט דר שלאגן און זיי לופן אים נאך אבר זיי האבן אים שון ניט גיקאנט פאנגן דען עס איז פון גאט גיוועזן איבר צו געבן די שטאט ירושלים און זיינע הענד · און שטעלט זיך אוף דעם עהל בארג מיט זיין גאנצר מחנה :

## דער זעקס און זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט וויא די רומים אנטלופען פאר די פריצים :

און אלעם די פריצים זעהן דס די רומים שטייען אוף דעם עלבארג אזו פר זאמלן זיי זיך אלע און מאכן שלום צווישן זיך און גייען אלי ארוס און בלאזין מיט אשופר אזו דר שרעקן זיך די רומים און אנטלופ׳ אבר טיטוס שרייט צו זיין חיל שעמט אייך איר זענט הונדרט קיגן איינם אזו קערן זיי זיך ווידער אום · און דעם אנדרן טאג טיילט ער זיין פאלק אין צוויי טייל . איין טייל הט ער גילאזט אוף דעם עהל בארג און איין טייל נעמט ער מיט זיך און גייט צו די טוערן פון ירושלים אבר די יהודים קומען פון הינטן אוף דעם עהל בארג און דר שלאגן די רומים און אלעם טיטוס הערט אז די מלחמה איז פון ביידי זייטן אזו דר שרעקט ער זיך און דס פאלק ווס זענין און ירושלים עפינן די טוערין און ברינגלן די רומים און שלאגן זייא און דיא רומים זענן דעם טאג דרייא מאל אנטלאפן :

## דער זיבן און זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווס די פריצים האבן גיטון אין ירושלים :

און דר צייט איז גיוועזן אקריג אין ירושלים צווישן די פריצים און ווי טיטוס הט דס גיהערט אזו פרייד ער זיך און גייט מיט זיין גאנצר מחנה צו דר שטאט אזו גייען פון דר שטאט עטליכע יהודים און בעטן אים ער זאל קומן אין שטאט ארין ער זאל זיי באשערמין פון די פריצים ער גלייבט אבר זייא ניט און ער קומט צו דער טויער הערט ער ארום געשריי איינער הט גישריגן

עפין די טוערן לאז טיטוס אריין גיין אונ דר אנדרר שרייט עפינט ניט · אונ די יהודים וואס שטייען אויף דר טוער זאגין צו די רומים מיר וועלן אייך די טוערן עפינן · אונ זיי קומן צו דר טוער נאהונט אונ די וואס שטייען אויף דר טוער האבן אראפ גיווארפן פיילין אונ האבן פול פון דיא רומים דר שלאגן אונ די יהודים שפעטן אונ לאכן אום זיי אונ קלאפן מיט זייערי שווערדין קעגין דיא רומים אונ זייא ווערין זייער צארינדיג אונ ווילען גיין מלחמה האלטען אבער טיטוס וויל נישט :

## דער אכט אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי די יהודים פר יאגן נאך אמאל די רומים :

אונ אלס טיטוס הט גהערט אז די יהודים האלטן מלחמה צווישן זיך ריקט ער זיך צו צו די טוערן פון ירושלים אונ ער שיקט זיין הויפט מאן נקנור צו רעדן מיט די לייט פון דער טוער וועגן שלום אונ דר וייל שיסט איין יהודי מיט איין פייל אויף נקנור אונ טייט אים אזו גרימט דר צארן פון טיטוס אונ ער שיקט באלד נאך לייטערם אונ אייזרני ווידר צו פר דאהפן די טוערן אונ אלס די יהודים האבן דס גזעהן אזו קומט אויף זיי איין גרוס דר שרעקיניש אונ די דריי העכסטי פריצים מאכן צווישן זיך שלום אונ גייען ארוס אונ פר יאגן די רומים אונ די אייזרני ווידר אונ די לייטערם האבן זיי פר ברענט אונ ווייניג פון די רומים איז איבר גבליבן מיט טיטוס אבר די איבריגי האבן די יהודים פר ברענט :

## דער ניין אונ זיבעציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי די ערשטי טוער פון ירושלים ווערט אום גווארפן :

אין דער זעלבע צייט בפעלט טיטוס מען זאל שטעלן איין אייזענעם ווידר קעגין דר טוער זי צו צו ברעכן אונ מען צו ברעכט די טוער אונ זיא איז איין גפאלן אזו בלייבן נאך איבר צוויי טוערן אונ די פריצים שלאגין די רומים איין גרוסן שלאק אונ זיי זענין אנטלאפן אונ שמעון הט אום גירופן ביי זיין חיל ווער עס וועט אנטלופן דר זאל ווערי גטייט אונ זיין הויז זאל מען פר ברענין אונ טיטוס הט גזאגט צו זיין פאלק ווער עס וועט היינט מלחמה האלטן קעגין די יהודים וועל איך געבן פול גאלד אונ זילבר אונ די מלחמה איז זייער שטארק אונ טיטוס בפעלט דס מען זאל שטעלן די אייזרנע ווידר קעגין דר אנדרר טוער אונ די יהודים זענין צוריק גלאפן אין דר שטאט אריין אונ האבן פר שלאסן די טוערין :

## דער אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי טיטוס בעט אויף שלום :

אין דר זעלבע צייט הט טיטוס בפולן זייני לייט דס זיי זאלן רוען עטליכע טעג פון מלחמה כדי ער זאל רופן אז זיי זאלן שלום מאכן אונ ער גייט צו דר טוער פון דר שטאט אונ זאגט זעהט איך האב שון צו בראכן צוויי

מוערן אונ איך וועל די דריטי מוער אוך איין נעמן אזו וועל איך פר וויסטן דס בית המקדש אונ ווארום זאלט איר אייך ניט דר בארמן איבר אייערי ווייבר אונ קינדר שלום צו מאכן אבר זיי האבן ניט גוואלט הערן זייני רייד :

## דער איין אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי יוסף הכהן שטראפט די יהודים :

אונ טיטוס שיקט דעם יוסף הכהן צו זיי אונ יוסף שטעלט זיך פון וייטען קענין דער מוער אונ שרייט צום פאלק עס איז נאר גוט גוועזן פר אייך מלחמה צו האלטן ווי לאנג איר הט קראפט גהאט אבר אצונד זענין דאך גפאלן אלי אייערי גבורים אונ אייער לאנד איז שון פר וויסט אונ איר הט דר פילט דס הייליגי הויז מיט בלוט אונ מיט טוטי קערפרס אונ איר הט אום שולדיג בלוט פר גאסן אונ אלי כהנים אונ היילגי לייט הט איר גהארגית די כלים פון פר דארבונג איז ברייט צו שטוסן די מוער אונ צו פר ברענן דס בית המקדש נאר די פעלקר דר בארמן זיך איבר דעם בית המקדש אונ ווארום זאלט איר אייך ניט דר בארמן איבר אייך אליין אונ איבר אייער בית המקדש אונ אוב איר וועט זאגין מיר פר טרויען זיך אוף גאט זאג איך אייך אז גאט איז ניט אין אייער הילף דען ער הט זיך גקערט צו העלפן אייערי פיינד איצט מייני ברודר ווען איר וועט אייך אונטר טעניג מאכן צו די רומים וועט אייך ניט זיין קיין שאנד ווארום ווען אייער צייט וועט קומן איר וועט צוריק קערין צו גאט וועט איר גוועלטיגן איבר אנדרי פעלקר • אונ אלס יוסף הט גרעד צו די יהודים אזו הייבן זיי אן צו קריצן מיט זייערי ציין אונ זיי לעסטרן אים אונ ווארפן אים נאך שטיינר אונ ווילן אים הארגן ווי יוסף זעהט דס גייט ער אוועק אונ זאגט וועהר עס וויל פאלגן זאל פאלגן אונ וועהר ניט דער זאל מלחמה האלטן :

## דער צוויא אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי טיטוס הט גשטעלט פיר אייזרני ווידר :

נאך דעם הט טיטוס צו טיילט זיין מחנה אוף פיר זייטן פון ירושלים אונ פיר אייזערני ווידר איין צו ברעכן דיא מוער אזו גייט ארום יוחנן מיט זייני גבורים אונ גראבן אונטר די ערד וויא די ווידר זענן גשטאנן אונ פר ברענין די רעדר אונ די פוס פון די ווידר אונ זיי זענין איין גפאלן אונ די היטרס וואס זענין גוועזן אוף די ווידערס זענין אלי גשטארבן אזו זענין דער שראקן גוואורן די רומים אונ זאגין מיר קענין שון ניט מלחמה האלטן דען מיר האבן שון ניט קיין ווידר צו די מוערן אונ ווי די יהודים הערן דס לאכן זיי אוס די רומים פר דריסט עס דעם טיטוס אונ ער בפעלט מען זאל אז ריכטן די לעצטי דריי אייזרני ווידר פון די וועגינס אונ מען הט זיי גשטעלט אוף דעם ארט פון דיא פר ברענטי אזו האבן זיך דר בייזרט פון גאטס וועגן פיר בחורים פון ירושלים זיי גייען צו דר מחנה פון די רומים אונ הייבן אן צו שלאגן די רומים אן

דא אונ ווען צווייא האבן די רומים פר יאגט האבן די אנדרי צוויי פר ברענט ווידר אונ די שטעקן זיך אונ לאזן קיינעם ניט פר לעשן דס פייער ביז עס איז פר ברענט גווארן די פיס פון דיא ווידר אונ זענין אנידר גפאלן אונ פופציג טויזנט גבורים פון די רומים האבן גשאסן קענין די פיר יונגע לייט אבר זיי זענין דאך ניט אוועק גגאנגן אונ זיי יאגען נאך די בחורים זיי האבן זיי אבר ניט גקאנט חאפן אזו האבן זיך פר זאמילט אלי רומים אונ האלטן מלחמה מיט די יהודים אונ די פריצים זאגן צו זייערי בעלי מלחמות ווער איז בווילינגט מלחמה צו האלטן אזו בווילינן זיך פינף הונדרט מאן זיי גייען אונ טייטן פון די רומים אכט טויזנט גבורים אונ די רומים שטעלן זיך פון ווייטן צו שיסן זאגן די יהודים איר הט אונז צו אייך גרופן זענין מיר גקומן אונ האבן אייך גוויזן אונזר שטארקייט נו ווארום קומט איר ניט צו אונז אונ שיסט צו אינז מיט פיילן אונ שטיינר זענן מיר דען הינדר מיר זעני דאך מענטשן מיר האבן ניט קיין מורא פר אייערי פיילן אונ איר זענט אנטלאפן פר אונז וויא קעבט אנטלופן פר זייער הער :

## דער דריי אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט דס שטארקייט פון די יהודים :

אונ טיטוס בפעלט מען זאל אן ריכטן צוויי אייזרני ווידר קענין דר דריטר מויער פון ירושלים אונ די רומים זענן גוועזן פינף טויזנט גבורים אונ הונדערט אונ פופציג מיינסטערס צוא מאכן האלץ אונ אייזין צו די ווידער דעמאלט איז גוועזן זיבין אונ צוואנציג טאג אין כסליו . אונ אלעזר קלויבט זיך אום הונדרט גבורים אונ גייט ווי די רומים ליגן ביי דעם פייער צו היטן די ווידר אונ שלאגט אלי צום טויט עס איז איינר ניט איבר גבליבן אונ די ווידר הט ער פר ברענט אונ קערט זיך אום אין שטאט אריין. ווי טיטוס מיט זיין מחנה זעהן דעם רוך לופן זיי אונ זעהן אז אלעזר דר פריץ מיט זייני לייט טראגן יעדר אשטיק האלץ אונ איין קאפ פון די פר ברענטי ווידר אונ מאכן גלעכטר אום די רומים :

## דער פיר אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי די פרעמדי פעלקר האלטן מלחמה מיט די פריצים :

אונ דר צייט פר זאמלן זיך גרוסי מחנות פון פעלקר ווס זענין אונטר דר האנד פון אספסינוס אונ טיטוס דר ציילט זיי אלס ווס איז אים דר גאנגן מיט די יהודים אזו זאגן זיי צו טיטוס מיר וועלן יעצט אן ריכטן איין מלחמה קענין זיי דען די רומים זענין שון מיד . אונ זיי זאמלן זיך איין אכטציג טויזנט גבורים אונ שטעלן זיך מלחמה האלטן קענין די יהודים אזו גייען ארוס די פריצים אונ דר שלאגן מיט דר שווערד זיבן אונ פופציג טויזנט אונ פינף הונדערט מאן אונ שטעכן פול אום איין אוג אונ שניידן זיי אפ איין האנד אונ שיקן זיי אפ צו טיטוס אונ פון די יהודים איז נאר גפאלן זיבן מאן אונ זיי טראגן זיי אין דער שטאט אריין צו בגראבן אונ יוחנן מיט

שמעון קערין צוריק קיין ירושלים מיט גזאנג אונ לויבן צו גאט :

## דער פינף אונ אכציגסטר פרק

דא ווערט דר צייקט ווי פול גרוסי לייט אנטלופן אוס ירושלים צו טיטוס :

אין דר צייט זענין ארוס גגאנגן פול מענר מיט ווייבר אונ קינדר פון ירושלים אונ זענין גקומן צו טיטוס אונ טיטוס הט זיך דר בארמט איבר זיי אונ הט זיי גהייסן געבן עסין אונ טרינקן אונ זיי האבן ניט גקענט עסין דען עס איז אין זיי די גדערים פר טרוקינט גוועזן וויל זיי האבן שון איין לאנגע צייט ניט געגעסן אונ זייא זענין גשטארבן אונ טיטוס פרעגט יוסף הכהן וואס ער זאל טון מיט די איבריגע זאגט יוסף מען זאל זיי געבן צו טרינקן וואסר מיט זעמיל מעל דס זייערי גדערים זאלן ברייטר ווערן . אונ דאדורך זענין פול גבליבן לעבן . אונ די יהודים וואס זענין ארוס גגאנגן פון ירושלים האבן איין גשלונגן גאלד אונ זילבר אונ דימינטן דען זיי האבן מורא גהאט פאר דיא פריצים אונ דער נאך האבן זיי עס גפונן אין דעם אוס גאנג אונ אלס די רומים האבן דס דר זעהן האבן זיי גפאנגן די יהודים אונ האבן אוף גשניטן זייערי גדערים אונ האבן ארוס גנומן גאלד אונ זילבר . אלס טיטוס ווערט דס גוואר לאזט ער הארגנן די אלי וואס האבן דס גטון אונ גיט דס געלד צו די יורשים פון די גהארגיטע יהודים . אין טיטוס זאגט צו די לייט וואס זענין צו אים ארוס גקומן איך בשווער אייך אז איר זאלט מיר זאגן די וואהרע צאל פון די גשטארבענע פון ירושלים צייט איך בין גקומן אהער זאגן זיי מיט די וואהרהייט די וואס זענין גשטארבן פר הונגר איז זייער צאל זעקס מאל הונדרט טויזנט אונ פינף הונדרט אין פינף אונ זיבעציג אחוץ די וואס זענין גשטארבן אין די גאסן אונ אין בהמ"ק דורך די פריצים אונ טיטוס ווינדרט זיך אוף דעם :

## דער זעקס אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט וויא דיא פרומע פרויא מרים האט איר איינציגן זון גישאכטן אונ אוף גגעסן דארך דעם גרוסן הונגר :

אונ עס איז גוועזן אין ירושלים איין פרויא איר נאמען איז מרים זיא איז זייער אַרייכע אונ אלס עס איז גיווארן אגרוסר הונגער האבן די פריצים צוא גינומן אלע עסן שפייז פון איר אונ אלס דר הונגר הט זיך גישטארקט הט זיא פר לאנגט צו שטארבן אונ זי הט נאר איין איינציגן זון אזוי הט זיך איר הארץ פר ענדרט אונ זאגט צו אים וואס זאל איך טון אין שטאט איז הונגר אונ וויא האב איך דיך צו דר נערן דרום איז בעסר דס איך זאל דיין גריב זיין איידר דר הונגער זאל דיך טייטן . אונ זיא נעמט דס קינד אונ שנייד אפ דעם קאפ אונ נעמט דעם טויטן קערפר אונ בראט אשטיק אוף דעם פייער אונ דר גשמאק איז גיגאנגן אוף דר גאס אזוי זענען די פריצים גיקומי צו דער פרוא אונ האבן גיזאגט וואורום זאלסטו עסן אונ מיר זאלן פר הונגר שטארבן ענטפערט זיא עס זאל ניט גרימען אייער צארען דען אייער חלק איז גיבליבען . אונ זיא

זעצין זיך צום טיש אונ זיא ברענגט פר זיי גיקאכט פלייש פון איר קונד אונ די הייבט אן צו וויינן אונ זאגט מיין זון ווי זיס ביסטו מיר גיוועזן ביי דיין לעבן ווי זיס ביסטו נאך דיין טוט זעהט ווי זיס עס איז . אונ ווי די פריצים העה דס דא טרזעהן זיי זייער . אונ פול ארום פאלק איז גיגאנגן צוא טיטוס אונ האבן אים דס דר ציילט . זאגט טיטוס גאט ווייסט דאס איך בין ניט גיקומן מלחמה צוא האלטן נאר שלום צו מאכן . אונ טיטוס בפעלט מזאל די נייאי מויער וואס דיא פריצים האבן גימאכט צו שטוסן . אונ דר צייט זענן פול פריצים גיגאנגן צוא טיטוס אונ האבן שלום גימאכט ער הט זיי אנטפאנגן אונ הט זיי גימאכט פר הופטלייט איבער זיין חיל :

# דער זיבען אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דער ציילט ווי דער שונא הט דם בית המקדש פר ברענט :

אונ עס איז גיוועזן אטוער אין בהמ״ק מיט זילבר בשלאגן האבן עס די רומים פר ברענט אונ זיי האבן גיפאנגן דעם וועג צום קדשי הקדשים אונ טיטוס שטעלט וועכטר צו היטן דא האבן די יהודים די וועכטר טוט גישלאגן אונ ווא טיטוס הערט דס איז ער גיקומן אוף די יהודים אונ הט זיי פר טיליגט אונ די איבעריגע זענן אנטלאפן צום הארג ציון :

## דער אכט אונ אכטציגסטער פרק

דא ווערט דר ציילט ווי אלעזר הכהן הייסט די יהודים ווייטר מלחמה האלטן :

דא שטייט אוף אלעזר הכהן אונ רופט מיט אשטארק קול אונ זאגט מיינע ליבע ברודר הט רחמנות איבר אייערי נפשות דם זייא זאלן ניט זיין אין גיפענגנים פון פיינד דער שלאגט זיי מיט אייערי הענד אזוי וועלן זיי גירעכנט זיין פר גאט אלעס בראנד אפפר . דר נאך וועלן מיר מלחמה האלטן ביז צום טוט פון גאטס וועגן אונ מיר וועלן ניט זיין גיפאנגן . אונ מיר וועלן ניט זעהן ווי אונזערע ווייבר אונ טעכטר ווערן פר אום ריינגט וואס פר נוצן האבן מיר פון אונזער לעבן ווען אונזער הייליג הוז איז פר ברענט דרום איז בעסר מיר זאלן דר שלאגן אונזערי ווייבר אונ קונדר אפשר וועט גאט בווילגן זייער בלוט ווי בראנד אפפר דר נאך וועלן מיר מלחמה האלטן קעגן די רומים אונ וועלן שטארבן פון גאטס וועגן . אזו רופן די מענער זייערע ווייבר אונ קונדר אונ זאגן וועלט איר ליבער דא שטארבן אונ היילעקייט איידער איר זאלט זיין אין גיפענגנים דא האבן זיי גיוויינט אונ האבן גיפאלגט די עצה פון אלעזר הכהן אונ נעמן זייערע ווייבר אונ קונדר אונ טייטן זיי אונ באגראבן זיי אונ אלער נייט מיט זיינע לייט אונ האלטן מלחמה מיט די רומים אזו זענן גיפאלן פול פון דיא רומים אונ דיא רומים שלאגן פון זיי ביז עס איז ניט איבער גיבליבן איינער אונ זיי שטארבן פון גאטס וועגן . גאט זאל אונז שון טרייסטן אונ זאל אונז ווידר בוען דם דריטע בית המקדש מיט זיין האנד ווס עס וועט שון אייביג שטיין ווי עס שטייט גישריבן יי׳ ימלוך לעולם ועד :